אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראמאָוויטש)

צוועלפטער באנד

נייע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

1928

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראמאָוויטש)

ווינש־פינגעריל

צווייטער באנד

פערלאג „מענדעלע", וואַרשא

1928

דאס פינפטע בוך.

3

1947-12-67
76059
i49792003

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

דאָס ערשטע קאַפּיטעל.

„תּמשילהו, דו מאַכסט איהם, דעם שענעם מענשען, דאָס אַנטיקעל פון גאָטס וועלטיל, געוועלטיגען במעשי ידיך, איבער די ווערק פון דיינע הענד". — אַזוי זאָגט דער פּסוק און רעכענט אויס אַ צעטעל פון אַלע בעשעפעניש, וואָס ליגען דעם מענשען אונטער די פיס: שאָף און רינ־דער אַלערליי, אויך חיות אין די וועלדער, פויגעל אין דער לופט און פיש אין דעם ים. נאָר צו חאַפּען פיש און פויגעל אין נעץ, צו הערשען איבער בהמות איז נאָך נישט אַזאַ חידוש, — פאַרט בהמות, נפשות משטיינס־געזאָגט, אָהן אַ פּיצעל פערשטאַנד. מעהר חידוש איז, ווי דאָס שען מענשיל קליגט זיך צו חאַפּען אויף דער ווענטקע אויך זיין גלייכען טאַקי, ברידער און שוועסטער, זיין פלייש און בלוט.

אָט די דאָזיגע גרויסע קונץ, די משונה־ווילדע בריה'שקייט זיינע קומט אַרויף אויפ'ן געדאַנק, ווען מען געהט אויף דער יורדיקע, אַ הינ־טערגעסיל אַזעלכס אין גלופּסק, און מען קוקט אָן לוי בחור'ס הייזעל דאָרט.

לוי בחור'ס דאָזיגע הייזעל איז איינס פון יענע הייזער, וואָס זענען אַ פלעק אויפ'ן פאָלק ישראל און פערשוואַרצען איהם פאַר דער וועלט דאָס פּנים. נאָר שענע כשר'ע יודען געהען פאַרביי, זיי שווייגען און שפּייען אויס — נאַרנישט! יאָ, זיי שווייגען, אָבער דער שטן שרייט דערויף קולות און איז שטאַרק מקטרג. עס שרייען אויך טויזענדער אומ־גליקליכע נפשות, נעבעך, וואָס פאַלען אַריין אין די הענד פון רשעים —

העגדלער מיט לעבעדיגע סחורה, און זייערע ביטערע קולות, זייער געוויין מיט בלוטיגע טרעהרען דערגרייכען ביז דעם זיבענטען הימעל. זיי, די כשר'ע יודען, קוקען אַוועק, שפּייען, פונ'ם שפּייען אָבער ווערט אָט די פערשימעלטע בלאָטע אין דעם יודישען לעבען. פרעמדע, פון אַנדערע פעלקער, האַפּען זיך ביי די נעז און שרייען: אַי — אַי — אַי — אַ עפּוש ביי אייך, יודישע קינדער.

ס'איז שוין האַלבער טאָג, די לאָדען פון לוי בחור'ס הייזעל זענען נאָך צוגעמאַכט. אין אַ בעזונדער חדר'ל דאָרט מיט אַ פענסטער אַרויס אין אַ גערטענדיל, הינטער דעם הייזעל, זיצען אַ פּאָר בעטאָגטע ווייבער ביי אַ גלעזיל קאָפע מיט פּוטערגעבעקסלעך. איינע — אַ בעלייבטע, אַ בייכיגע, אַ דיקע, קורץ־געוואַקסענע יודענע, אָנגעגאָסען פון אויבען ביז אַראָב, איין שטיק פלייש אָהן אַ סימן האַלז. דאָס פּנים איז אונטען צוגעמושם־ברייט, מיט אַ צוויי־גאָרנדיגען ניידער און פעטע אַראָבהענגענדיגע פּאָר באַקען, ווי די פּאַמפּושקעס, מיט געלע פליאַמעס, צווישען וועלכע עס שלייגלען זיך רויטליך־דינע עדערלעך, און אויבען־צו איז עס צוגעשפּיצט מיט אַ קליין שמאָל שטערענדיל, אונטער וועלכען עס זיצען פערמיעפּט גרויע, פּייכטע אויגעלעך מיט אַ גלאַנץ. די גאַנצע געשטאַלט איהרע איבערהויפּט זעהט אויס ווי אַ היטעל צוקער. אונטען, מחילה, ברייט און אַלץ שמעלער־שמעלער ביז צום קעפּיל. דער מלאך האָט ביי איהר געבוירען ווערען זיך, אַ פּנים, געפּלייסט, ווי אַ בריה אַ משרת אין באַקאַלי־קלייט, איינגעפּאַקט איהר נשמה'לע און אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט אַזאַ סחורה אין אַ שקאַרמיץ. אין דער וועלט האָט די סחורה, אין איהר צייט, שטאַרק געגאָלטען, אַצינד אין די עלטערע יאָהרען איז זי לוי בחור'ס ווייב און איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען: „די מוהמע שיינצע". — אַקעגען־זשע די אַנדערע יודענע איז אַ מאָגערע, אַ הויכע מיט איינגעפאַלענע באַקען, דינע פערבליווטע ליפּעלעך, אַ דין־שפּיצעדיג נעזיל און בלויע שטעכענדיגע אויגעלעך, אין וועלכע עס צינדט זיך אַ מאָל אָן אַ פייעריל. אין דער יוגענד האָט זי געמוזט זיין שען, נאָר אַצונד איז זי אָבגעבליאַקעוועט, געקנייטשט, און זעהט אויס איינגאַנצען ווי איין אָבגעשלאָגענע הושענאָ — דאָס איז האָדיל די מעקלערין מיט איהר כבוד אַליין.

די מוהמע שיינצע פּאַקט געשמאַק אויף ביידע באַקען און בעט אַלץ האָדלען, זי זאָל אויך געשמאַק עסען.

— זאָלסט מיר געזונד זיין, האָדיל, עפּיס עסטו מיר נאָר ווי אַ

קינד: פּאַמעליכען, צו שטיקעלען, קוים־קוים וואָס דו קייסט, אָט נעהם, נשמה'ניו, איך בעט דיך, אַ שטיק טאַקי, אַזוי — אַזוי מיט אַמאָל, און עס! די פּוטערגעבעקסלעך זענען מיר היינטיגם מאָל זעהר געראָטען, טאַקי חנצה'ס קבלה, אַריינגעלעגט אין זיי גענוג אייער און פּוטער, ציטערינג, אינגבער אויך נישט פערגעסען. אָט האָסטו דיר אַ פערבר ווינטל נעהם, איך בעט דיך, און עס, עס!

— געזונד זאָלסטו מיר זיין, שיינצעניו, לעבען מיינס, מאַכט האָדיל מיט חן צונויפשנורענדיג די ליפּעלעך אין אַלאַנג־שמאָל פּיסקעלע און טהוט ווי אַ פויגעלע אַ זופּ פונ'ם גלעזיל קאָפּע: וואָס דען טהו איך? איך עס מיר, נישקשה. זעהר געראָטענע ביי דיר פּוטערגעבעקסלעך! דער מלכות מעג זיי עסען. אַזאַ מזל, רבונו של עולם, זאָל איך האָבען, וואָס פאַר אַ גוטע בעל־הבית'טע, שיינצעניו, דו ביסט!

אָט אַזוי זיצט זיך דאָס פּאָריל, טהוט זיך וואויל און פיהרט דערביי אַ געשפּרעך איבער פיעל זאַכען, דערמאָנענדיג זיך אָן דער יוגענד. אָן אַמאָלדיגע צייטען. ביידע האָבען מוידוויז געהאַט איין ברויט, דערצויגען געוואָרען אויף איין אָרט, און ביידע האָבען דערנאָך שוין, אין די יאָהרען, גענומען פלוצלים און צוגעדעקט דעם קאָפּ — חתונה, הייסט עס, געהאַט... שיינצען איז דאָס מזל געגאַנגען און זי איז מיט דער צייט געוואָרען אַ בעל־הבית'טע מיט אַ געשעפט אַליין פאַר זיך. זי האָט בעקומען אין שטאָדט אַ נאָמען, צו איהר אין הויז קומען לייטישע מענשען אַזוינע און אַזוינע, און לעבט זיך אָב איהר וועלט אין עושר און אין כבוד. שיינצע היט אָב יודישקייט, איז שטאַרק געוואָרענט אין די דריי ווייבערשע מצות. שבת און יום טוב געהט זי אין שוהל האַפּען אַ ברוך הוא וברוך שמו, זעהט ווי ווייבער שפּרינגען קדושה — שפּרינגט זי אויך! הערט ווי ווייבער וויינען, קלאָגען ביי די תחינות — וויינט זי, קלאָגט זי אויך. אויפ'ן קאָפּ טראָגט זי אַ טיכעל, אַראָבגערוקט כמעט ביז די אויגען — עס זאָל קיין איין האָר ניט אַרויסקוקען, חלילה. דאָס טיכעל אויפ'ן קאָפּ איז ביי איהר אַ גרויסער יחוס, זי נעהמט זיך דערמיט שטאַרק איבער, עס האָט דאָך איהר צוגעדעקט די חרפּה און בעוויזט דער וועלט, אַז זי האָט גענומען אַמאַן מיט חופּה און קידושין אַלטע ווייבער, מיני גבאי'טעס אַזוינע, קומען אָפט צו איהר נאָך אַ נדבה און זי ניט זיי עטליכע גראָשען, אַ מאָל אויך אַ אַלט קליידעל, זאָקען אַ פּאָר אויסגעטרעטענע. זי איז זיי אויך מכבד מיט לעקעך און בראַנפען אַ ביסעל; זיי טונקען, טונקען, מאַכען ברכה, פערקרימענדיג זיך, און ווינשעווען איהר

אלס=דאָס=גוטס אויף דער וועלט און אַ שטוהל אין גן=עדן אויף יענער וועלט. שיינצע איז געבענשט מיט פרנסה, מיט פיעל גליק; עס געהט איהר מעהר ניט אָב ווי קינדער — קינדער האָט זי נישט, און דאָס פערזומערט איהר דאָס לעבען.

— „געה פרעג נאָט אַ קשיא — איז דער שטייגער איהרער זיך צו קלאָגען, טאַפּענדיג זיך בשעת מעשה אַלץ ביים קאָפּ: — וואָס העלפט עס? שוין אַ צוגעדעקטער קאָפּ, ברוך=השם, און פאָרט גאָר נישט, אַלץ טאַקע וואָס פריהער... מסתמא איז רעכט, מסתמא בעדאַרף אַזוי זיין בעונותינו הרבים״...

ווערטער אַ ביסעל! טאַקע גאָר ווי אַ צדקנית...

האָדלען זשע אַ קענען געהט עס שלים=שלים-מזל. קינדער האָט זי דוקא יאָ — און דאָס איז באמת טאַקע אַ גרויס וואונדער! נאָר אַ קבצנטע, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט, איז זי, נעבעך, אַ גרויסע. זי פערשטעהט אַ עסק אַזוי ווי שיינצע, אפשר נאָך צעהן מאָל בעסער, האָט שוין געפּרובט איבערדיענען, ווי מען זאָגט, אַלע עבודה=זרות, זיך שטרעקען אין אַלע עקען, נאָר אומזיסט די מיה. איהר איז נישט בעשערט געווען זיין אַ בעל=הבית'טע מיט אַ געשעפט אַליין פאַר זיך, און געמוזט ווערען אַ מעקלערין, זיך דרעהען אַרום שיינצען — און דאָס האָט צ געשטאָכען ווי מיט אַ מעסער. אַ דם=שונא איז זי שיינצען ביי זיך אין האַרצען. ביי אַ שמועס מיט איהר איז זי צוקער=זיס, מיט אַ צונויפגעשנירט פּיסקעלע און מיט שיינענדיגע אויגעלעך, דאַכט זיך, די נשמה געהט איהר אויס פאַר גרויס פרייד, וואָס יענער איז אַזוי גוט, שטעהט אויף אַזאַ שטופּע! נאָר אין מיטען געשפּרעך טהוט זי שיינצען אַ פּיק, רוקט איהר אַריין אַ שפּילקע, אַ שטעכווערטיל גלאַט אַזוי זיך, אָהן אַ מיין כלומר'שט.

— אוי, שיינצעניו — קריין, נשמה מיינע, מיט דיר צו זיצען איז מיין לעבען. איך קוועל גאָר אָן אָנקוקענדיג דיך. אָהן עין=הרע היינט אַ גראַפינע, און אַ מאָל?... געדענקסטו דאָרטען, דאָרטען?... ווער וואָלט עס זיך געריכט דענסטמאָל?... און נחת, כ'לעבען, האָב איך פון דיר. דער אויבערשטער זאָל מיך נאָר וועלען מזכה זיין צו דערלעבען ביי דיר קינדער... קרעבץ נישט, שיינצעניו, זיי זיך נישט מצער, איך וויים, וויים ווי שלעכט ס'איז, ווי ביטער אָהן קינדער. וואָס דען האָט געטויגט דאָס גאַנצע חתונה האָבען?

— דער זינדיגער מענש טהוט וואָס ער קען, און ווייטער... וויים

איך? געה פרעג קשיות דעם רבונו של עולם. וועמען ער גיט געלד, וועמען — קינדער. אָהן געלד צו זיי איז אויך וויסט און ביטער, טוהט די מומע שיינצע האָדלען צוריק מיט'ן צינגעלע אַ פּיק.

— דאָס איינציגע טרייסט איז מיר מיינע קינדער, טייערער פון גינגאָלד... נישקשה, שיינצעניו, זיי זיך נאָר נישט מצער... האָב מיך גענוג ביי דיר פערזועסען. לאָמיך שוין חאַטש געהן.

— וואָס איז אַזוינס דאָס אייַלעניש אויף דיר, האָדיל? אַ קאַטאָוועס עפּיס, זי האָט זיך פערביינקט אַ היים נאָך „איהרען״, שוין אפשר אַ שעה, אַז זי האָט איהר אַלטען ניט געזעהן.

— זאָלסטו טאַקע וויסען. אַזאַ מזל אַלע מיינע ליעבע — דיר אויך, שיינצעניו, — וואָס פאַר אַ מענדיע מיינער איז! אַ בריליאַנט! וואו נעהמט מען נאָר צו איהם דאָס שטיקעלע גליק!... פאַר דעם מיידעל, נישקשה, וועסטו מיר דאַנקען. סחורה! אַ—יאָ, שיינצעניו? דו האָסט מיך אפילו אַ ביסעל געקריוודעט. נאָר—טע... האָסט געחאַפּט אַ מציאה! דיין מזל איז, וואָס נחמן=טרייטיל האָט זיך פערפּאַקט ערגיץ אין וועג און איז נישט געקומען אַ הער, ווי ער האָט געשריבען... שאַ, לאָמיך די חאָטש דערצעהלען! ווייסטו וואָס איך האָב געהערט? ער האָט היינטיגס יאָהר, צווישען אונז גערעדט, פיער מאָל זיך משדך געווען, און בשלום אַריבער די גרעניץ מיט דער סחורה און זי פאַרצוקערט דאָרט, געמאַכט זעהר גוטע געשעפטען. דאָס מזל שפּיעלט איהם, אַט דעם טרייטלען. עס געהט איהם פון טיר און טויער! עס וועט פון איהם, געדענק מיינע רעד, מיט דער צייט אויסוואַקסען אַ גרויסער מיט געלד אָנגעשטאָפּטער רב טרייטיל!... וואו איז זי ערגיץ, דאָס מיידעל?

— זי איז דאָרט ביי זיך אין קעמעריל. איך האָב איהר געהייסען זיך אָבוואַשען, אָבזייפען און אַראָבוואַרפען פון זיך איהרע שמאַטעס. אַט אַזוי האָט מען עס פון זיי — זאָגט די מוהמע שיינצע מיט אַ זיפץ: מען וואַשט זיי, מען ריינינגט זיי, מען שוכט און קליידט זיי, און אַז עס חאַפּט די זעט — ווערט עס פּריצות, קיינמאָל נישט צופריעדען, גלייך ווי מען וואָלט זיי דאָ געקוילעט, אוי, צייטען, היינטיגע צייטען!...

— נו, וואָס זאָל מען טאָן? ווער עס האָט די קיה, האָט די מיה, — טרייסט האָדיל די מוהמע שיינצען מיט אַ זיס=גנבה'ש שמייכעלע: — אַ ודאי איז אַמאָל אין אונזערע צייטען בעסער געווען. געדענקסטו חאָטש, שיינצעניו? נו, צייט מיר אַ היים. לאָמיך חאָטש נעהמען אַ פּאָר פּוטערגעבעקסלעך פאַר די קינדער, לאָזען זיי אויך נויסען..

— ווארט נאר, האדיג, פאר די קינדער וועל איך דיר נעבען אויך לעקעך. אי, איז ביי מיר היינט ארויסגעקימען א לעקעך, טאקי נאר אויף חידושים א לעקעך! ... הא, אז עס האלט שוין דערביי — טאמער וואלסט גענומען א ביסעל בראנפען און איינטונקען אויך א שטיקעל לעקעך? און אז דו וועסט מיך גוט בעטען, האדיל, וועל איך אויך נעהמען א קעלישיקעל און מאכען מיט דיר לחיים.

— טא ... אז דו ווילסט, מאכט האדיל מיט א קניטשעלע און אין די אויגעלעך האט זיך איהר אנגעצונדען א פייעריל.

ביים געזעגענען זיך זענען ביידע חבר'טעס געווען שטארק אויפגערייסט לעבעדיג-פרעהליך, זעהר בעריידעוודיג. האדיל האט, גלייך ווי ביים אוועקגעהן פון א געוויינערין נאך א לעקעך און בראנפען, אנגעוואונשען דער מוהמע שיינצען א פולען קאפ, זי זאל מגדל זיין דאס מיידעל און דערלעבען פון איהר פיעל נחת, הלואי זיי זאלען געזונד זיין און גערען איינער צום אנדערן ווייטער אויף אזעלכע שמחות, אם ירצה השם.

אין הויז איז האדלען צו די אויגען געקומען ביילע, אבגעוואשען, אויסגעצוואגען, שען-ריין אנגעטאן, שיינט, לייכט, עפּיס בעקומען גאר א'אנדער פנים.

— אזא יאהר, אזא מזל דער מאמע דיימער! — מאכט האדיל מיט א משונה'דיג קול, אנקוקענדיג ביילען: דו לויכסט דאך עפּיס ווי דער ליכטיגער מארגענשטערן. זיי נאר נישט קיין נארעלע, טאכטער. פאלג די מ ו ה מ ע שיינצען, וועט אז גוט און אז וואויל דיר זיין!...

דאס צווייטע קאפיטעל.

ביים ערשטען אדיינטרעט ביילעס אויפ'ן נייעם ארט האט זי זיך געפיהלט, עפּיס איז זי גאר אויף א נייער וועלט. אלסדינג וואס דארט — איז איהר אויסגעקימען עפּיס משונה: די מענשען, דאס גאנצע פיהרונג דארט משונה, און זי אליין אויך משונה. זי קוקט זיך אן אין שפּיעגעל, וואס ביי איהר אין קאמעריל אויף דער וואנד, און דערקענט זיך נישט — דאכט זיך נישט זי, און פארט טאקע זי. עפּיס האט זי בעקומען א נייע הויט. זי טאפּט זיך ביי די שען-פערקעמטע, מיט מאנדעל-אייל געשמירטע האר, וואונדערט זיך אייף איהר ארויסגעשטעלט העלזעלע, ריין-אבגעוויפטע הענדטעלעך, אויף איהר שען-צוגעפוצט קליידעלע, געניהט נאך דער לעצטער מאדע — און שמאכט. עס טהוט איהר הנאה. וואס זאל זי דא איבערטראכטען? אזוי, מסתמא, בעדארף זיין, מסתמא איז אין גלופּסק שוין אזא איינפיהר, אויסצופוצען דיענסט-מיידלעך ווי א טאק. מען בעדארף דאך וויסען, אז אינגאנצען איז דאך ביילע נאר א קינד — א יאהר פופצעהן-זעכצעהן, און געבוירען איז זי וואו? אין קאבצאנסק, פון וואנען זי האט ביז איצט קיין פוס נישט ארויסגעשטעלט, פאר זיך נישט אנגעקוקט די ליכטיגע וועלט! געהערט האט זי נאר, אז ס'איז דא ערגעץ העט — העט אויף יענער זייט ראגאטקע א גרויסע שטאדט גלופּסק, די בעסטע אויף דער גאנצער ערד, ווארום זי איז דאך בעזעצט מיט לויטער יודען, אהן עין-הרע, א קעגען א הונדערט קאבצאנסקען אינאיינעם — און דארט איז עס א ביסעל א לעבען, אי-אי-אי! דאס, וואס די גלופּסקער זענען דימענדיגע מענשען, כשר'ע, שענע, פיינע לייט, איז ביי איהר געווען גאנץ זיכער, דערויף האט זי דאך דעם

בעסטען בעוויז: פריהער האָדיל די מעקלערין, אַצינד — די מוהמע שײנצען. מסתמא האָט זי דאָך נישט אומזיסט זוכה געווען בײ דער וועלט צו הײסען „מוהמע", זי האָט מסתמא פערדיענט פאַר איהרע מעשים טובים. אַזוינע, וואָס אַ וועלט—מוהמע, איז ווי געוועהנליך אַ יודענע אַ צנועה. הײנט אויך די אַלע אַנדערע פאַרשוינען דאָ, אויך אַזעלכע גוטע, לעבעדיגע, צונעלאָזטע. קײן עין־הרע, טראַכט זי בײ זיך, עפּיס אַזוי פיעל טעכטער! אהאַ. איך פערשטעה — קעסט־קינדער. אַצינד איז שוין רעכט. דאָס זיצען דאָ אויף קעסט יונגענדע מיט די מאַנען. אַ געבענשטע פון גאָט איז די מוהמע שײנצע טאַקע! בײלע האָט אַלסדינג געטײטשט נאָך איהר פערשטאַנד, נאָך דעם שטײגער לעבען איהרען אין קאַבצאַנסק, און אַנדערש האָט זי טאַקע נישט געקענט טײטשען. אַנדערש האָט זיך איהר קאָפּ גאָר ניט נעלעגט. אַז זי איז אויף מאָרגען פריה צוגעגאַנגען צו שײנצען מיט אַ פרעג: „בעל־הבית'טע, זאָגט מיר, וואָס האָב איך צו טאָן"? און די מוהמע האָט מיט אַ שמײכעלע, עפּיס גאָר טאַקי ווי אַ אשה צנועה, געענטפערט: „אײל זיך, טאָכטער, נישט אַזוי, עס וועט נאָך קומען דײן צײט אויך", — האָט זי עס אָנגענומען פּשוט, מסתמא איז דער שטײגער דאָ אַזוי, ליעב צו האָבען דיענסטען, אַרבײטע מיט זײ פּאַמעליכען, מיט רחמנות.

און ס'איז בײ איהר געבליעבען אָבגע'פסק'עט, אַז אַ יודישע שטאָדט איז טאַקע דאָס גלופּסקעלע, די יודעלעך דאָ — צדיקים, זעהר פײנע לײט, זעהר גוטע אײנפיהרונגען!...

באַנג געטאָן האָט בײלען שטאַרק אײן זאַך נאָר, פאַר וואָס איז די מאַמע דאָ נישטאָ און זעהט נישט מיט איהרע אײגענע אויגען, ווי דעם קינד, אָהן עין־הרע, איז עס גוט. ניחא זאָל זי נחת האָבען פאַר דעם צער, וואָס זי האָט, נעבעך, פון איהר געהאַט! און אַזוי ווי בײלע איז דערווײל געזעסען לעדיג, מיט פערלעגטע הענד, אַליין פאַר זיך אין קאַמעריל, בענקענדיג נאָך די איהריגע, האָבען זיך איהר צושפּיעלט די נעפיהלען, און זי נעהמט זיך אויסשטעלען אין איהרע געדאַנקען אַ בריעף אַ הײם. נישט אַזוי גרינג אָבער טהוט זיך, ווי עס רעדט זיך. יודען מיט בערד אפילו, וואָס זענען, דאַכט זיך, אי משונה קלוג, אי געניט, ווילדע בריות אויף אויסצוזעצען יענעם פעהלער, אַוועקצורעדען איבער אַלסדינג וואָס אין דער וועלט, — אפילו זײ פיהלען, נעבעך, בײ אַ בריעף שרײבען אַ מאָל דעם טויט; זײ טענטלען, מענטלען מיט דער פּען, קוועטשען זיך, רײבען דעם שטערן און עס געהט נישט, חאָטש

צעררײסט זיך, עס קלעפּט זיך נישט אײן וואָרט צום אַנדערן, עס זענען גאָר טאַקע רײנע בהמות — הײנט אַ פּשוטאָ שוין בײלע, אַ קלײן קאַבצאַנסקער מײדעל, נישט אַזאַ בריה, נישט אַזאַ חכמה, ווי זי!... נאָר דאָך, מעגליך אפשר טאַקי, ווײל זי איז נישט אַזאַ חכמה ווי יענע, האָבען עטליכע ווערטער בײ איהר אין מח זיך יאָ געריימט; ס'איז אויסגעקומען עפּיס אויף דעם שניט פון די בעקאַנטע „פירגרײסליך" משל — לעמעשקע פערוואַרצט מיט קאַבצאַנסקער דײטש — יענץ מין דײטש, וואָס יודישע קינדער שנײדען אין אַ געשריפטס, מלמדים אין דעם חומש און חײבער אין די תחינות, ווײל אַנדערש פּאַרט זיך עפּיס נישט, און עס לעגט זיך טאַקי נישט די צונג, ווי אַ שטײנער, נעהם זאָג אַ הונד: „געה זײ מוחל, אַרויס"! און נישט אויף יוניש: „פּאַשאָל וואָן"! אָדער געהרעד מיט אַ קוה, מיט אַ קעלבעל יודיש... דער עיקר אין דעם בריוועל. וואָס בײ בײלען אין קאָפּ, איז געווען אַ לויב צו השם־יתברך. אַנגעהויבען האָט זיך עס אַזוי:

„געלײבט און געדאַנקט דער לעבעדיגער פּאָטער אין הימעל, דאָס ער איז מיט דעם עלענדען, בעשירעמט דעם פאַרוואָגעלטען, דערהויבט דעם געפאַלענעם. עס האָט זיך ענטפּלעקט בעשײנפּערליך זײן גנאָד, די גרויסע נסים מיט מיר, מיך צו פיהרען דאָ אויף דעם רעכטען וועג, און אַרײנגעבען מיך אַצינדערט אין אַ גוט אָרט" א. ז. וו.

פאַרטיג מיט דעם אויסשטעלען דעם בריוועל אין קאָפּ, הויבט זיך אָן בײ איהר אַ נײע דולעניש: ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער, ווי אַזוי, הײסט עס, גיט מען שוואַרץ אויף ווײס אַרויס? שרײבען אַלײן קען זי נישט; בעטען עמיצען פון די „קעסט־קינדער" דאָ, פּאַסט איהר עפּיס נישט. וואָס־זשע דען? זי טראַכט, טראַכט און עס פאַלט איהר אײן — הערשעלע!...

„יאָ, הערשעלע!... ער וועט מיר אָנשרײבען... וואָס איז עס אַזוינס, וואָס מיר גלוסט זיך אַלץ איהם זעהן, און זעה איך איהם, פּיקט עס, פּיקט אָבי־אָ־דאָ, דאָ אין האַרצען? אַ ברודער איז ער מיר? נײן! אַ חתן? נײן! וואָס דען? עס קיצעלט עפּיס צו לאַכען... אַ שען געלעכטער, הא, אפשר איז דאָס טראַכטען אַזעלכעס אַ עבירה? נאָר וועה איז מיר, אַז עס טראַכט זיך אַלײן!... אפשר בעדאַרף איך ניט וועלען... ניט וועלען איהם זעהן? אײ, ווינד איז מיר, עס ווילט זיך דאָך אָבער יאָ, און אַצינד דוקא גראָד נאָך מעהר!... רבונו־של־עולם, איך בין זיך מודה! רבונו־

של־עולם, זינדיגען בײ זיך אין הארצען אַלע מײדלעך אַזױ אָדער איך מער, אַז אַך און װעה צו מיר, איך אַלײן?...

אַזױ טראַכט בײ זיך בײלע און אין די אױגען שטעלען זיך איהר טרערען.

שײנצע און לױ, איהר מאַן, זענען געװען אַ גלײך פּאָר־פּאָלק. טאַקע אַ זיװוג מן השמים. בײדע האָבען געאַרבײט אין דער פּרנסה, ברויסװײענדיג זײער בריה'שאַפט, איטליכער נאָך זײן גאַנג. און װען שײנצע האָט בײ דער װעלט פערדיענט דעם נאָמען „מוהמע", האָט אױך לױ פון זײן זײט כשר פערדיענט בײ איהר דעם נאָמען „בחור". אַזאַ מבין אױף „סחורה" װי ער, אַזאַ מײסטער אין זײן זאַך איז צװישען זײן חברה קײנער נישט געװען. בײ אַ שװערע זאַך אַמאָל פלעגט מען זיך װענדען צו איהם. ער פלעגט דער חברה פּסק'נען שאלות און פאַרענטפערן אַלע האַרבע קשיות. מען בעדאַרף װיסען, אַז די אַלע חברה־לײט, װאָס האַנדלען מיט „לעבעדיגער סחורה", זענען דורכגעטריבענע ממזרים, יאָלדען מיט בײנער. זײ דרעהען און פערדרעהען קעפּ, בלענדען און פערפיהרען הונדערטער נפשות מיט אַלערלײ המצאות. ס'איז דאָ צװישען זײ אַלע מיני פּאָקוסניקעס, קאָמעדיאַנטען, װאָס מאַכען די שפּיעל, פערשטעלען זיך, כדי יענע צו פערפיהרען, פאַר חתנים, פאַר מענשען מיט געשעפטען, פאַר אַגענטען, פאַר גלאַט אַזױ זיך גוטע, שײנע, כשר'ע יודען וכדומה נאָך אַזעלכע אָנשטעלען, װי עס פּאַסט צום ענין. הײנט, אַז אַזױנע לײט האָבען תרבית פאַר לױ'ן, האַלטען פון איהם װי פון אַרבי'ן, איז, מסתמא, לױ אַ בחור טאַקע װאָס אַ בחור הײסט.

לױ בחור איז אין דער־הײם נישט געװען בשעת בײלעס אַרײנטרעטען צו איהם אין הױז; ער איז געפאָהרען ערגיץ אין אַ אָרט, װאוהין חברה האָט איהם אַרױסגערופען, ער זאָל זײ עפענען די אױגען אין אַ האַרב שטיקעל אַרבײט. די מוהמע שײנצע, װאָס האָט שטאַרק געהאַלטען פון'ם מאַן, נישט געטאָן קײן שום זאַך אָהן איהם, האָט געהאַלטען דערװײל בײלען, װי נאָר מעגליך, אָבגעזונדערט פון דעם איבעריגען עולם אין אַ קאַמעריל פאַר זיך, געגעבען איהר כלומרשט, פון יוצא װעגען, עפּיס אַרבײט, װי, אַ שטײגער, אױסלאַטען העמדער, אײנ־

נײהען קנעפּלעך, אונטעראַרבײטען זאָקען, און אַלץ זאָגען איהר, אַז בעל־הבית װעט קומען, אם ירצה השם, דענסטמאָל װעט זי, נישקשה, האָבען גענוג אַרבײט. די מוהמע שײנצע איז זיך בעגאַנגען מיט איז זעהר גוט, זי אונטערגעפּילעװעט, געמײנט דערמיט גאַנץ פּשוט, דאָס שטיקעל סחורה זאָל אַ פּנים האָבען, לױ זאָל בײם אָנקוקען עס צופֿרידען זײן און װיסען, אַז דאָס װײב זײנס איז אַ מענש, מען מעג זיך אױף איהר פערלאָזען.

אַז לױ איז אין אַ קורצע צײט אַרום געקומען אַהײם און האָט געזעהן בײלען, איז ער פערצאַפּעלט געװאָרען פאַר פרײד, אַזױ איז ז איהם געפעלען:

— הערסטו, מײן װײב, רופט ער זיך אָן צו שײנצען: דאָס מײדעל איז אַ שען שטיקעל סחורה! אַצינד איז זי נאָך רויה, אַ ביסעל טערפּקע, נאָר מיט דער צײט װעט אױס איהר װערען אַ כלי. עס קען זעהר געמאָלט זײן, אַז זי זאָל אַמאָל נאָך אָנשפּאַרען אין די װײטע מקומות, אַהינצו, אַ שטײגער, צום פעטער ישמעאל. מען װעט קענען פאַר איהר הױבען אַ גרױסע אַפּותיקי. ביז דענסטמאָל אָבער, ביז עס װעט זיך געפינען אױף איהר דער אמת'ער מבין, מוז מען זי לערנען מענשליכקײט, אַלע שענע מאַנירען, װי צו געפעלען.

די רבי'צען בײלעס איז די ערשטע צײט געװען אײנע פון די „קעסט־קינדער", זעהר אַ געשײטע, אַדורכגעטריבענע, װאָס האָט אָנגעהױבען מיט איהר דעם אַלף־בית. בײלע אָבער האָט געהאַט אַ פערשטאָפּטען קאָפּ און נישט פערשטאַנען קײן װאָרט. דערצו איז זי נאָך געװען אַ שעמענדיגע און אַ שטיק עקשנ'טע אױך. נאָר דאָס איז זיך געװען דערװײל, װי אױף קאַטאָװעס. שפּעטער אַ ביסעל האָט לױ גענומען דאָס טײטעל און אָנגעהױבען אױף זײן שטײגער צו לערנען בײלען. ער מיט זײן כבוד אַלײן. און דעם שבח מוז מען לױ־בחור נאָכזאָגען, אַז ער פלעגט זיך מיט דער ערציהונג פון זײנע „לערען־מײדלעך", װי זײ האָבען בײ איהם געהײסען, בעשעפטיגען זעהר געטרײ; ער האָט געקענט מיט זײ טאַקע װי אַ גוטער מלמד און אָנגעװענדט אַלע מיטעל אַרױסצוטרײבען פון זײ דאָס קלײן־שטעדטילדיגע װילדקײט, דאָס נאַרישע שמײליגע עקשנות, פריהער מיט גוטען, מיט מוסר־זאָגען, און אַז עס האָט נישט געהאָלפען קײן רעד, פלעגט ער שױן געברױכען די הענד, אַ שטעקען און אַרימען אױך. נאָר עפּיס נישט אַזױ, — זענען געפלױגען פּעטש, קלעפּ, װיפיעל ס'איז נאָר אַרײן. אַ מאָל איז מען אױך געזעסען

בײַ איהם פערשפּאַרט אין אַ קעלער, אָהן עסען, אָהן טרינקען ביז וואַנען מען איז בעסער געוואָרען.

אײן מאָל האָט לוי אַרײַנגעפיהרט אין קאַמעריל צו בײלען אײנעם פֿון זײנע לײט, כּדי צו הערען זײנע מבינות אויף איהר און אויף תּיפיעל ער וועט אָבשאַצען איהר ווערטה. בײם אַרײנקומען מיט איהם האָט לוי געזאָגט מיט אַ זיס שמײכעלע: „טאָכטער, אָט האָב איך דיר געבראַכט אַ חתן — אָבער אַ חתן גאָר אַנטיק!" דער חתן איז דוקא נישט געווען קײן שעמעוודיגער און באַלד טאַקי אָנגעהויבען טרײבען מיט איהר קאַטאָוועסלעך, עפּיס ווי צוגעזאָגטען געוואָרען צו איהר. זעהענדיג, אַז בײלע האַלט אַראָבגעלאָזט דאָס פּנים און שווײגט, נעהמט ער זי אָן בײם נאַקען הערלועל, גלעט זי, טאָרעט זי, האַטש אײן קוקעלע זאָל זי אויף איהם כּיוָן, זאָגען איהם האַטש אײן וואָרט. בײלע שטופּט איהם אָב פֿון זיך, רויט־ווערענדיג ווי פֿײער. דאָס גיט איהם אָבער נאָך אונטער מעהר קוראַזש, ער האַפּט זי אַרום און וויל איהר טאָן אַ קוש; בײלע לאָזט איהם אַראָב צוויי הײסע פֿײערדיגע פּעטש, רײַסט זיך אויס איהם פֿון די אָרעמס און אַנטלויפט — און דער חתן בלײַבט געשלעפּט. בײלע האָט דערמיט זיך שטאַרק פערשולדיגט און נאָך אין דעם אײגענעם טאָג טאַקע האָט איהר לוי גוט מקים פּסק געווען מיט אַ רימען, זאָגענדיג איהר דערבײ מוסר אַזוי:

— אָט האָסטו דיר דײַן עהרליך אויסקומעניש פֿון מיר, דו חצופה אײנע!... נאַ, נאַ דיר איצטער פֿאַר דײַנע געננ, אַז דו זאָלסט געדענקען אויף ווײַטער!... עס זאָל דיר ליעגען אין טעם, און קלינער הערען ווײַטער. נאַ, נאַ!... אַ מײדעלע בעדאַרף זײַן אַ שטילעטשקע, אַ גוטעטשקע, ליעב האָבען מענשען, צו איטליכען זײַן צוגעלאָזט מיט אַ פֿרײַנדליך פּנים, בעדאַרף אַרויסשלאָגען זיך פֿונ׳ם קאָפּ שטײלינקײטס, זאַבאַבאָנישע — ווילדע זאַכען... אַ מײדעלע בעדאַרף וויסען דרך־ארץ — דרך־ארץ איז פֿריהער פֿון אַלע זאַכען!

אַצינד ווײסט שוין בײלע דאָס אָרט, וואו זי געפינט זיך, װער אַזוינע איז האָדיל די מעקלערין און די מוהמע שײנצע. אַצינד האָט זיך איהר „ענטפּלעקט בעשײנפּערליך די גנאָר און די גרויסע נסים", דאָס גוטסקײט און פֿרומקײט פֿון די דאָזיגע שענע נפשות, און זי שטעלט אַצינד אויס בײ זיך אין די געדאַנקען אַ בריוועל אַהײם, פֿול מיט קינות, מיט קלאָג, שוין נישט אויף קאַבצאַנסקער דײַטש פּירגריסעל־לשון, נאָר

אויף רײַן יודיש — אויף דעם לשון פֿון איהר צובראָכען האַרץ און שווער ביטער געמיט.

נישט צו דערקענען איז בײלע אין דער שענער הלבשה איהרער און אַלץ־מיט־אײנאַנדער. איהרע שוואַרצע געדיכטע האָר זענען אונטער־געשווירען ביז דעם לעפּיל פֿון די אויערן, דאָס ווײס־געשטיקטע קלײדעל אויסגעשניטען ווײט ביז דער ברוסט, אויף דעם נאַקעטען האַלז אַ שמאָל רויט בענדעלע און די אַרבעל קוים וואָס דערגרײכען ביז צו די אײלענ־בויגענס. דאַכט זיך, אַ פּריצה, נישט צו פֿערזינדיגען, וואָס געהט איהר אָב? נאָר נישט פֿאַר אײך געדאַכט, יודישע טעכטער, איהר ביטער האַרץ! מען זעהט עס איהר אַרויס אין די בלײכע באַקען, אין די בלויע רינגען אַרום געשוואָלענע ברענענדיגע אויגען און אין דער גאַנצער מינע איהרער. זי איז געעלטערט ווי אײף אַ צעהן יאָהר. אינגאַנצען ווי איבער־געביטען געוואָרען. און ווי זי זיצט זיך דאָ אַ מאָל אַזוי בײ זיך אין חדר׳ל, שטאַרק פֿעראומערט, רוקט זיך שוועבענדיג אַרײַן, שטיל ווי אַ קעצעלע, די מוהמע שײנצע. בײלע ווערט פֿערציטערט און לאָזט אַראָב די אויגען.

— איך האָב מיך שוין טאַקע נאָך דיר פֿערבײַנקט, מאַכט די מוהמע שײנצע, צושאַרענדיג זיך צו בײלען מיט גוטע, זיסע רײדעלעך: לוי מײנער האָט זיך געקליבען צו דיר אַצינד, זאָג איך: נײן, לאָז מיך! זאָלסטו טאַקי וויסען, ווי ליעב דו ביסט מיר, וואָס דען? נעהם האָטש, זאָג איך דיר, און קוק זיך אָנעט אין שפּיגעל, ווי שען, אָהן עין־הרע, דו ביסט. אַ העליועלע אַ ביסעל, אַזאַ מזל זאָל איך האָבען. הענטעלעך מחיה, ווי אַ יודישע טאָכטער איך בין! אַזוי זיס, אַזוי חנ׳עוודיג... פּיקען מעגען זײ זיך דאָך אַלע דאָ. אָט אַזוי, טאָכטער, אַזוי בין איך אַמאָל אויך שען געווען אין דײַנע יאָהרען. מען האָט זיך אויף מיר גע־האַנגען. אוי, האָב איך געברענט אַ וועלט! וואָס דען, נאַרעלע? כ׳האָב אַצינד נאָך הנאה, ווי אַ יודישע טאָכטער איך בין, בײם דער־מאָנען זיך יענע גוטע, פֿרעהליכע יאָהרען... אַוודאי הײסט עס אַצינד איך בין אַלט, נאָר ווי דו קוקסט מיך אָנעט אָט־אָ — מאַכט די מוהמע שײנצע מיט אַ שמײכעלע, אויסשטרעקענדיג זיך ווי גרויס זי איז, דאָס קעפּעלע פֿערוואָרפֿען אַ הינטער, דאָס בײכעלע אויסגעשטעלט פֿאָרענט־צו, און נעהמענדיג זיך מיט בײדע הענד בײ די זײַטען — אָט ווי דו קוקסט מיך אָנעט — אָ, איז נאָך שײנצע גאָר נישקשה׳דיג!... זײ, זאָג איך ... נאַרעלע, קײן שוטה נישט, פֿאָלג! — וואָס שווײַגסטו?

— וואָס זאָל איך רעדען? ענטפערט ביילע, קיין קוק נישט צו טאָן אויף דער מוהמע שיינצע: איך ווייס נישט, וואָס איהר ווילט פון מיר האָבען.

— אַ זאָג אַ ביסעל, וואָס וויל מען פון איהר האָבען! — דיין טובה, טאָכטער, וויל מען האָבען, מען וויל, דער חתן זאָל דיר געפעלען. יענער פגר'ט נאָך איהר, נאָך איהרם אַ וואָרט, אַ קוק. דער דוח נעהמט איהם שיער נישט צו, אַזוי פערליאַפּעט איז ער אין איהר. נאַ דיר, זאָגט ער, נאַ, נשמה'ניו, דיר מתנות! נאַ דיר אַ בראַסלעטיל, אווירינגלעך קאַרעלע:ע, אַ פינגעריל, אַ קייטעלע אַ גאָלדענס, ווייס איך וואָס דאָרטען נאָך אַ זוינס, און זי... עפּיס נאָר טאַקי אַ שטיין. נעה טהו אַזעלכער טובות! אי, פע, אַ חרפה, אַ בושה, זי אַ יודישע טאָכטער איך בין!

— ווען בעדאַרף עס אָנגעהן מיין תכלית צו פערזאָרגען? איך האָב מאַטע=מאַטע ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

— מען האָט שוין געהערט. געהערט אַזעלכע זאַכען... נאַריש=קייטען! אַ נאַר בין איך, וואָס איך טענה דאָ מיט איהר אַזוי לאַנג. צום לעצטען מאָל פרעג איך דיך: יאָ?

— ניין.

— עהע, ווידער די אָנשטעלען! צושרייט זיך די מוהמע שיינצע, אַרויסגעהענדיג פון די כלים, שאָקלענדיג מיט'ן קעפּעלע, און דינע רויטע עדערלעך טרעטען איהר אַרויס אויף די פּעטע, מיט שמאַלץ אָבגענאָסענע, באַקען: אויך מיר אַ מענש ביילצע! אומזיסט וועסטו עס שיעסען מיין זאַלץ און ברויט, געהן אין מיינע קליידער? זי מיינט, זי איז אויך עפּיס; מיינט, אַז ביידע צדדים האָבען זיך שוין אויסגעגלייכט, אַלסדינגג איז פאַרטיג. עס פעהלט נישט מעהר איהר הסכם, זי זאָל זאָגען — יאָ. האָב נישט קיין טעות, ביילצע! ווער הערט דיך? דו ביסט נישט מעהר, חצופה איינע, ווי אַ גולם. אַ שטיק פלייש ביסטו, אַ נבלה!... די זאַך, זאָלסטו וויסען, העננט נאָך דערווייל אין דער לופטען, נאָך נישט אויסגעגלייכט זיך מיט דעם מקח... אצינד פער=שטעהסטו שוין, ביילצע, הערסט וואָס מען רעדט צו דיר?

— אוי, דערבאַרעמדיגער גאָט! צעוויינט זיך ביילע און ברעכט די הענד: ראַטעווע מיך, רבונו של עולם, ראַטעווע מיך פון יודישע הענד!

— האַלט מויל, חצופה! וואַרט נאָר, וואַרט, פּיסקעוואַטע, אַט עט שוין קומען לוי און דיר ווייזען, ווער עלטער איז. וועסט שוין, נישקשה, ליעגען ווידער דאָרט אין קעלער, דאַרען=קוואַרען, רויען ווי אַ הונד. מייז, ווערים וועלען עסען דיין לייב. דער רוח, נישקשה, וועט דיך שוין חאַפּען! — צולאָזט זיך די מוהמע שיינצע אויף איהר צינגעל און רוקט זיך אַרויס אין כעס.

ביילע נעהמט זיך אָן מיט ביידע הענד ביי די האָר טוג'ם קאָפּ און וואַרפט זיך אַ וואָרף מיט אַ געוויין אויף דער קאַנאַפּע.

דאָס דריטע קאַפּיטעל.

צווישען די „קעסט־קינדער“ לוי בחור'ס זענען געווען אויך אַזוינע, דימענדיגע, גוטע פון דער נאַטור, אויף וועלכע מען האָט געמענט טאַקע אָכצען און קרעכצען: אוי, נעבעך, בריליאַנטען אין דער בלאָטע! ווי נידעריג, געפאַלען די וועלט האָט זיי געמאַכט, האָט דאָך אין זיי זיך געקלאַפּט אַ מענשליך האַרץ מיט געפיהלען פון רחמנות.

די בעסטע פון זיי איז געווען די טערקיניע. די דאָזיגע טערקיניע מיט'ן נאָמען גיטעל איז געווען אַ מלמד'ס אַ טאָכטער פון דלפוניוּוקע, אַ קבצנ'יש שטעדטיל, פול אָנגעזעצט מיט לויטער קבצנים־דלפנים, גאָר כשר'ע אָהן חכמות, אמת פרומע, נישט איבערגעשפּיצטע יודען. בעדאַרף דער רוח אָנטראָגען אַהין אין שטעדטיל עפּיס אַ שלים־מזל, אַ יונג מיט בּיינער, וואָס לאָזט אַרויס אַ קלאַנג אָט וואָס: ווער פון די דלפּויניוּקער מיידלעך, נעבעך, פערלאַנגט אויפגעריכט צו ווערען, זעהן פאַר איהר אַ וועלט, אַ גליקליך לעבען פון איהר האַנד־אַרבייט, זאָל זיך לאָזען נאָך איהם קיין סטאַמבול, דאָרט וואו ער וואוינט. — עפּיס אַ קליינינקייט סטאַמבול, אַז יודען דערהערען סטאַמבול, עס שמעקט דאָך שוין אַ ביסעל מיט ארץ־ישראל! עפּיס מאָלט זיך אויס אין קאָפּ משונה: טערק — ירושלמי, שטריימיל — טורבאַן, אויסגעמישט אינאיינעם. מסתמא גיבען זיך אַ שאָט צו דעם פאַרשוין פון אַלע זייטען יודעלעך, זייטליכער מיט אַ געבעט:

— טאַטעניו, האַרצדיגער, נעהמט, נעהמט מיין טאָכטער!

דער האַרצדיגער טאַטעניו דערבאַרמט זיך, קלויבט זיך אויס עטליכע שענע מיידלעך, צווישען זיי גיטלען, די שענסטע פון אַלע, און פיהרט למזל

די דאָזיגע גליקליכע מיט זיך אַוועק. דער שפּיץ איז, נאָך פיעל דרעהעניש — פאַהרעניש, קומט אָן גיטעל אין שטוב צו לוי בחור און ווערט דאָרט אַ „טערקיניע“, נישט אָנקוקענדיג אפילו אַ טערק אין די אויגען.

גראָד האָט צו יענער צייט, ווען די מעשה מיט ביילען, זיך בעדאַרפט טרעפען אַ געשיכטע מיט איינער, די עלטסטע דאָרט, וואָס האָט ביי אַלע געהייסען די „אָפּיצערקע“. אַ געשיכטע אַ שרעקליכע, אַ טרויעריגע, וואָס האָט אָנגעריהרט אַלע חבר'טעס איהרע ביי דער לעבער. עס האָט זעהר גוט בעוויזען, ווי טיעף אין דער ערד זיי, נעבעך, ליגען, אַז אָך און וועה צו זייער קאָפּ, צו זייער לעבען! און זינט יענער געשיכטע האָט זיך טערקינע נאָך מעהר זיך צוגעלאָזט צו ביילען, זי געהאַלט, געליעבט, געוויינט אויף איהר קוקענדיג, עפּיס גאָר טאַקי ווי אַ געטרייע עלטערע שוועסטער האַלט, קושט דאָס קליינע שוועסטעריל איהרס אַ יתומה.

געשטאַמט האָט די „אָפּיצערקע“ פון עפּיס אַ שטעדטיל, ····· ····ניץ אין פוילען. די עלטערן איהרע, אָבגעקומענע בעלי־בתים, זענען געווען פון שענעם שטאַנד, פון די פאַרנעהמסטע אין שטעדטיל. געלעבט האָבען זיי אָרעם, מיט בערעכנונג, זיך נישט צוגעלאָזט קיין וואוילטאָג, דאָך האָט זיי דאָס אָרעמקייט נישט ערנידריגט, נישט פערגרעבט, נישט ביז געמאַכט, ווי אַנדערע אָרימע ל'יט. אין דעם הויזגעזינד האָט געהערשט פריעדען, ליעבשאַפט, אַ ברכה פון גאָט, איינער דעם אַנדערן איז גרייט געווען דעם לעצטען ביסען פונ'ם מויל אַוועקצוגעבען, וואָס גאָט גיט, אַבי אינאיינעם. דערינען האָבען געמענט פיעל רייכע ל'יט זיי מקנא זיין, אַזעלכע וואָס באָדען זיך אין מילך און פוטער און זענען צווישען זיך קידער־ווידער.

די געליעבסטע ביים גאַנצען הויזגעזינד איז געווען איידיל, די עלטסטע טאָכטער. אַלע האָבען זי געשעצט, איהר'ס אַ וואָרט איז געווען ביי איטליכען טייער. און איידיל האָט עס טאַקי מיט רעכט פערדיענט, ס'איז געווען ווערטען ליעב צו האָבען. שען איז זי געווען, עפּיס טאַקי גאָר אַ בילד. דער רבונו של עולם, דער גרויסער מייסטער, אַמאָל'ער איינער אין דער וועלט, האָט גענומען די פיינסטע מאַטעריאַלען, וועלכע ער פערמאָגט: דאָס ווייסקייט פון ליליען אויף בעקען, דאָס רויטקייט פון קאָראַלען אויף ליפּען, דאָס בלויע פונ'ם הימעל אויף אויגען, דאָס שוואַרצקייט פון ראָבען צו די האָר, צוגעגעבען דערצו דעם זיבעטען חן,

ליעבליכקייט, גוטסקייט און צירליכקייט, אויסגעמישט דאָס אַלסדינג אינאיינעם, געטאָן אַ מאַך — און עס איז אַרויס פאַרטיג אַ בילד־שענע איידעל!... איהר פיגור, אַ הויך־געוויקסיגע מיט געקרייזעלטע לאַנגע סאַמעטענע לאָקען, ווי אַ הויך צווייגהאַפטיג יונג ביימעל. גוט איז זי געווען אָהן אַ גאַל, אַ בריה גאָר אַנטיק. פון איהר בריה'שקייט האָט גע־זונגען אין שטוב איטליכס ווינקעלע. מען האָט עס אַרויסגעזעהן אין די שענע פריש־שמעקענדיגע בלומען־טעפּלעך, אין די געשטיקטע זילבער־קלאָרע אויף די פענסטער פאָרהענגלעך, אויך אין דעם מעש און קופּער־וואַרג, וואָס האָט געשיינט, געפינקעלט, פערנומען די אויגען. זי האָט גענייהט, געשטיקט, געוואַשען, געטאָן אַלסדינג אין דעם בעל־הבת'ישקייט און פערהיט, די מאַמע זאָל קיין שווערען בויג זיך נישט געבען. אויסער דעם האָט זי נאָך מיט איהר נייהען און שטיקען פאַר אַנדערע צו־ביס־לעך פערדיענט אויך.

ויהי היום איז ווי פונ'ם הימעל אַראָבגעפאַלען אין שטעדטיל אַ יונגערמאַן, אַ פיינער, אָנשטענדיג־לייטיש געקליידעט, מיט דעם נאָמען שמעריל. געהייסען האָט עס, אַז ער איז פון גאַנץ ווייט און האָט מיט פריצים דאָ אַרום געשעפטען. יודען פונ'ם שטעדטיל, לעדיג־געהער, וואָס געהען אַרום גאַנצע טעג שלינג־און־שלאַנג, האָבען נישט מעהר וואָס צו טאָן נאָר רעדען, שמעקען, טאַפּען און אָבגעבען זיך מיט יענעמס געשעפטען, — האָבען אין דעם דאָזיגען פאַרשוין בעקומען, ברוך־השם, אַ נייעם עסק אויף צו רעדען, אַרויסצווייזען חכמות און בויך־סברות. יעדען טאָג האָט מען אַרויסגעלאָזט וועגען איהם אַנדערע מיני פּאָטש־טען: שמעריל איז אַ חשוב אין די הויכע פענסטער, שמעריל פער־מאָגט קרח'ם אוצרות, שמעריל איז אַ מאַכער ביי די גרעסטע פריצים, שמעריל איז אַזוינער, שמעריל איז אַזוינער און אַזוינער, שמעריל איז ניט קיין בעווייבטער און אויב אַזוי, הע־הע, בעדאַרף מען דאָך ניט שווייגען... שענע יודען רוקען זיך צו איהם אָבשטעקען אַ „שלום עליכם"; מקבלים שטעלען־אויף הענד צו נעהמען ביי איהם אַ נדבה; שדכנים לויפען ווי דו פער'סמ'טע אויסזוכען פאַר איהם אַ שדוך. שמעריל אָבער איז אַ בחור, וואָס קוקט נישט אויף געלד, נאָר אויף שענקייט, דער עיקר איז ביי איהם דאָס קרן — און איידיל געפעלט איהם בעסער פון אַלע בתולות, וואָס קומען נישט צו איהר מינדסטען נאָגעל. זענען די שדכנים נישט פויל, נעהמען די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע אין דער האַנד, די פיס אויף די פּלייצעס און לויפען משוגע'נער'הייז צו איידילס

עלטערן, שיטען זיי אָב מיט ניין מאָס רייד, לויבען אין טאָג אַריין און זאָגען: אין כשמעריל? נישטאָ קיין בעסערער פאַר זייער טאָכטער ווי שמעריל, ווי רב שמעריל, אַזוינער און אַזוינער, אַמושלם מיט אַלע מעלות. סטייטש שמעריל, עפּיס אַ קאַטאָוועס רב שמעריל, עפּיס זאָגט זיך עס אַזוי גרינג שמעריל... רב שמעריל, אַז מען זאָל אפילו אויסגעהן עק וועלט, זוכען מיט ליכט, וועט מען, אָסור חזיר, נישט געפינען זיין גלייכען! טאַקע די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביז צום סוף, פון רב שמעריל'ס טאָן קומען אַהער, איז נאָר ריינע נסים. עס ווייזט בעשיינ־פערליך, אַז ס'איז טאַקע נאָר אַזיווג מן השמים, פערציג טעג איידער איידעל איז געבאָרען געוואָרען, האָט מען דאָס שוין, פערשטעהט איהר, אויבען אין הימעל אויסגערופען, וואָס דען? זאָגען־זשע דעם רבונו של עולם דעות און שטעלען זיך אין אַ זיווג איהם אַקעגען, הייסט עס ווי געמישט זיך ניט אין זיין זאַך, אַריינשטעקען די צונג אַהין, אין דעם סדר העולם, גאָר אומגעבעטען, פע, מיאוס, וואָס פּאַסט נישט פאַר אַ יודען! וחוץ לזה, יאָ פּאַסט, ניט פּאַסט, קענען דאָ טענות און קשיות טאַקע אויך גאָר נישט העלפען, געסמאַהע אייך פאַרפול! פערשטעהט איהר, תאָס דאָס הייסט אַזוינס?... לכן מוז מען זיך איילען, האַפּען די מציאה מיט ביידע הענד, כדי אַ אַנדערער זאָל זיך נישט פעדערן און זי, די מציאה, חס ושלום, נישט אויסחאַפּען. — —

דער טאַטע איז ביי זיך אין האַרצען גרייט — אַך, מהיכא־תיתי, פאַר וואָס ניט? נאָר מיט'ן מויל מאַכט ער: אי!... כלומרשט וויל ער נאָך האָבען אַ ישוב. דאָס הייסט, גלאַט אַזוי אַ קווינקלעניש פון דרך־ארץ וועגען. די מאַמע ווידער, אַ יודענע ווי אַלע יודענעס, וואָס האָבען עפּיס אַברענענדיגען יצר־הרע צו חתונה מאַכען קינדער, חאַפּט זיך באַלד אָן אין דעם שידוך מיט לייב און לעבען, באַלד טאַקע אין דער הייסער מינוט — און איידעל איז למזל אַ כלה געוואָרען. דער חתן האָט טאַקע, אמת, נישט פערלאַנגט קיין נדן, דאָך האָבען די מחותנים זיך מתחייב געווען, צו געבען דער טאָכטער נדן כפי זייער מעגליכקייט און מאַכען איהר שבת'דיגע און יום־טוב'דיגע מלבושים מאַין נגיד'ישליך. גלאַט אַזוי פטר'ן דאָס עלטסטע, געליעבסטע קינד איז זיי נישט אָנגעשטאַנען, לאָז דער מאַן איהר נישט האָבען אויסצוואַרפען: איך האָב דיך פון אַ שטאַל אַרויסגענומען, פונ'ם טאַטענ'ס הויז דעם אביון, נאַקעט און באָרוויס ביסטו געווען, איך האָב דיך ערשט בעקליידט און געמאַכט אויס דיר אַ מענש לייטען גלייך. — לעולם תקח, האָט דער חתן געטראַכט,

מאַכענדיג מיט אַ שמייכעלע, צוליעב געטאָן און גענומען. באַלד נאָך די תנאים האָט דער חתן געאיילט אָבצושטעלען חופה ווי צום גיכסטען. זיינע געשעפטען, האָט ער דערקלערט, פאָדערן עס אַצינד, ער זאָל געשווינד פאָהרען אַ היים. און ווי שווער די עלטערן איז געווען דאָס שיידען זיך מיט זייער טיעף אין האַרץ איינגעבאַקענער טאָכטער, דאָס שענסטע צירונג פונ׳ם הויז אַרויסצולאָזען, האָבען זיי עס דאָך פאַר ליעב אָנגענומען און זיך געטרייסט דערמיט, וואָס די טאָכטער זייערע איז, ברוך=השם, פערזאָרגט, אָנגעטראָפען אויף אַזעלכען, וואָס פערשטעהט זי צו שעצען. זיי האָבען זיך אָנגעטאָן אַ כח, מסלק צו זיין דעם נדן, האָבען איינגעפּאַקט איהר די גאַרדעראָבע און זי אַרויסבעגלייט מיט טרעהרען אין די אויגען, מיט ברכות און ווינשעניש אָהן אַ צאָהל.

דאָס יונגע פאָר=פאָלק איז אַוועקגעפאָהרען און האָט אונטערוועגענס זיך אָבגעשטעלט אין גלופּסק, נישט ווייל דער וועג איז געגאַנגען אויף גלופּסק, נאָר ווייל די געשעפטען האָבען, לויט ווי שמעריל האָט געזאָגט, עס אַזוי געפאָדערט, אַראָבצונעהמען זיך פונ׳ם גלייכען וועג און אַריינפאָהרען אַהין אויף אַ קורצע צייט. און אַזוי ווי ס׳איז ביים פאָר=פאָלק געווען דער האָניג=זיסער חדש נאָך דער חתונה, האָט שמעריל, ווי אַ געטרייער ליעבער מאַן, זיך געפליסט צו=צוטיילען דעם ווייב פערגעניגען און אויסגעזוכט אַ אַכסניאַ דוקא נישט אין דער מיט שטאָדט, וואו עס קאָכט, רוישט שטענדיג, נאָר ערגעץ דאָרט אַ ביסעל אין דער זייט, וואו ס׳איז רוהיג=שטיל, וואו מען זעהט אַ גרעזעלע, אַ ביימעלע און מען הערט אַ מאָל אויך אַ קול פון אַ שפּיעל=פויגעלע. ער האָט זיך נישט געקאַרגט און גענומען דאָרט דריי שענע צימער, ווי איהם שטעהט אָן. דער בעל=אַכסניא, אַ ייד מיט אַ בייכעל, מיט אַ געלער באָרד, אַ לעבעדיגס, אַ ריהרענדיגס, האָט בעגעגענט שמערלען מיט אַ שענעם ברייטען „ברוך=הבא“. עפּיס ווי אַ גוטער אַלטער בעקאַנטער זיינער פון גאַנץ לאַנג, הגם דאָס איז נאָך נישט אַזאַ שטאַרקער בעוויז, ווייל איטליכער, ווער ס׳איז אַוועג=מענש, ווייסט, אַז די בעלי=אַכסניות זענען צום גרעסטען טייל מיט שיינענדיגע צורות, מיט זיס=שמייכלענדיגע ליפּעלעך, ווייך=גוט ווי די וועלט, קוועלען, פרעהען זיך ביים ערשטען בעגעגעניש

מיט ניי=אָנגעקומענע אורחים, גלייך ווי עס וואָלטען צו זיי געקומען צו גאַסט לייבליכע נאָהנטע קרובים; נאָר ווי די מעשה איז, שמעריל איז געווען אַ זעהר אָנגעלענטער גאַסט. דער בעל=אכסניא האָט, אַרויפלעגענדיג די האַנד אויפ׳ן האַרצען און אַ שאָקעל=געבענדיג דאָס קעפּיל מיט דער געלער באָרד, פערזיכערט ביי זיין יודישקייט, אַז זיי מעגען זיין רוהיג, אַלסדינג, נישקשה, וועט זיין אין אָרדנונג. און אַז ער האָט געחאַפּט הינטערוויילעכס אַ קוק אויף דעם שענעם ווייבעל דאָ און ממזר׳יש זיך דערוואוסט אין דעם שמועס, אַז דאָס איז שמעריל׳ס ווייב, ערשט נאָך דער חתונה, האָט ער ביידען אָבגעגעבען גאַנץ יודישליך אַ מזל=טוב מיט גנבה׳שע=בלינצלענדיגע אויגעלעך, מאַהנענדיג דערביי לעקעך, ווי דער שטיינער, מיט אַ שמייכעלע, אין וועלכען עס ליעגט עפּיס אַזוינס, וואָס אַ רוח יענעם אין מאַטענ׳ס טאַטען!...

דאָס ערשטע בעגעגעניש אײדיל׳ס אויף דער אַכסניא איז געווען אַ הויכע דאַרע יודענע, וואָס איז אַריינגעפלויגען ווי אַ באָמבע צו איהר אין צימער, באַלד טאַקע ביי׳ם אָנקומען, מיט אַ גדולה, אַ פרייד, וואַרפענדיג אויגלעך אויף אײדלען, אויף שמערלען, גלייך ווי זי וואָלט געזעהן דאָ פאַר זיך אַ שוועסטער איהרע מיט אַ ברודער, אויף וועלכע זי האָט אַזאַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט. זי האָט, לאָזענדיג זיך צו שמערלען, געעפענט אַ מויל צום ריידען, נאָר שמעריל האָט זיך אַ בייזער געטאָן, איז זי געבליבען ווי דערוואָרגען. ער האָט זי אָבגעשיקט צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, און אַזוי געשווינד ווי זי איז אַריינגעלויפען, אַזוי געשווינד איז זי אַרויסגעלאָפען.

— אָט דאָס האָסטו דיר, נשמה מיינע, גלופּסק מיט איהרע משונה=ווילדע, וועלט=בערימטע קבצנים! אָט דאָס איז עס די עכטע גלופּסקער סחורה, וואָס נישטאָ ערגיץ אַנדערש איהר גלייכען! אָט מיט אַזאַ ברייטקייט רייסט זיך צו יענעם אין הויז אַריין אַ גלופּסקער קבצן נאָך אַ נדבה. טרעפט ער נישט דעם בעל=הבית אין איין צימער, נעהמט ער איהם זוכען ווייטער, ווייטער אין צווייטען, דריטען און גלייך טאַקע אין דער ספּאַלניע; טאָמער דרעמעלט יענער, קייכט ער, הוסט ער, און וועקט איהם אויף. עט, נישקשה. ווער מיר, וואָס מיר צווישען יודען צערעמאָניש אַזוינע זאַכען? ביי דיר, נשמה מיינע, איז דאָס נייס, איך קען שוין גוט די גלופּסקער קבצנים מיט זייערע נענג. אָט נעהם, נשמה מיינע, און שפּיי אויס זיבען מאָל! — אַזוי האָט געזאָגט מיט

אַ זיס שמייכעלע שמעריל צום ווייב, וואָס איז געבליבען שטעהן אַ רגע פערגאַפט.

אײדיל האָט נאָך דעם טאַראַראַם אין דער־היים און אויף דעם וועג זיך גוט אויסגעשלאָפען, גוט אויסגערוהט אויף דער אַכסניא, קיינער האָט זי נישט געשטערט, אַנדערע אורחים האָט מען דאָרט גראָד דענסטמאָל נישט געזעהן, ס'איז שאַ, שטיל, אַלסדינג אין דער צייט ווי געהעריג — און אײדיל איז צופרידען.

אויף דער אַכסניא פלעגט אָפט צו שמערלע, אַריינקומען עפּיס אַ יודעל, אַריהערעוודיגס, אַ געשטופּעלטס, דאָס רעכטע אויג זיינס מיט אַ בעלמע, אַ ווייס פינטעלע, שטאָק־בלינד, נאָר אָפען, נישט צוגעמאַכט. דאָס בלינדע אויגעל איז אָבער קיינמאָל נישט שטיל געשטאַנען, עס האָט אין אַלסדינג נאָכגעטאָן דעם זעהענדיגען, גלייך ווי עס וואָלט איהם געדיענט פאַר איין עדות. האָט זיך דאָס געזונטע אויג געוואָרפען, געקוקט בייז, האָט זיך דאָס בלינדע אויג מיט דעם ווייסען פינטעלע אויך געוואָרפען, אָננעהמענדיג אַ בייזע מינע. האָט יענץ ממזר'יש געוואונקען, לויכטענדיג, פרעהליך, איז דאָס בלינדע מיט דעם פינטעלע אויך נישט פויל געווען ארויסצוווייזען ווינקענדיג ממזר'יש, שטיקלעך, גלייך ווי גערעדט: אָדם, אַ מענש, קאַטשקע רוק זיך! — און דאָס האָט דעם פנים צוגעגעבען אַ ווילדען אויסדרוק, עפּיס אַזוי חלשות'דיג, אַז עס וואָלט פיעל גלייכער געווען אי פאַר דעם יודעל, אי פאַר דער וועלט, ווען דאָס בלינדע אויגעל זאָל איהם געווען אויסרינען, פערהאַפּט ווערען איינגאַנצען...

ליידען האָט אײדעל נים געקענט דאָס יודעל, ער איז איהר געווען פריקרע ביי איטליכם מאָל קומען זיינס אין שטוב. נאָר דעם מאַן איהרען צוליעב, וואָס האָט מיט איהם געשעפטען און פאַרברייננט מיט איהם גענוג צייט, מעהרסטענטייל נישט אין דער־היים, האָט זי זיך גענויט איהם שען אויפצונעהמען יעדעם מאָל.

שמעריל'ס פערפאַלען ווערען שעה'ן־לאַנג אין שטאָדט, שמעריל'ס צורודערטקייט, זיין פערטראַגענקייט שטענדיג, האָט זעהר גוט בעוויזען אײדלען, אַז איהר מאַן איז, אַ פנים, אַ גרויסער סוחר מיט שענע געשעפטען, ברוך־השם, און ווי ליעב עס וואָלט איהר געווען, דער מאַן זאָל נעבען איהר זיצען, געהן מיט איהר שפּאַצירען, האָט זי עס דאָך מוחל געווען, שטאַרק הנאה האָבענדיג ביי זיך אין האַרצען דערפון, וואָס דער אויבערשטער האָט זי געבענשט מיט אַ מאַן אַ בריה, ביי

וועלכען, ס'איז אַ האָפנונג, עס וועט איהר זיין זעהר גוט, אם ירצה השם.

איינמאָל קומט שמעריל אַ היים צולויפען נאָר אין איין אָטעם, שטאַרק פערטראָגען און דאָס יודעל מיט'ן בלינד אויגעל ראַפּטום נאָך איהם. שמעריל נעהמט אַוועק דאָס ווייב אין אַ ווינקעל און שושקעט איהר דאָרט אין אויער אַריין עפּיס קורצע איבערגעהאַקטע דבורים, גיך־געשווינד מיט אַ געבעט:

— אײדעלע, נשמה'ניו!... אַ געשעפט! עס טרעפט זיך אַ געשעפט... אַ גוט געשעפט... האָב אָבער ווייניג אַ צונד געלד... עס דערגעהט נישט... עטליכע הונדערטער... וואָס טהוט מען?... דער יוד אָט־אָ וויל לייהען... אָבער געווענדט איז אַ ביסעל אין דיר... ער, פערשטעהסטו מיך, דעם ווייב'ס פערלאַנגט ער אונטערשריפט... דיין אונטערשריפט אויף דעם וועקסעל... אוי, העלף, נשמה!... גיכער... נישטאָ קיין צייט... אַ רענדיל אַ מינוט... נאַ, קעצעלע, נאַ!...

און באַלד טאַקע, אין דער הייסער רגע ליעגט שוין פאַר אײדלען אַ וועקסעלע, וועלכען זי שרייבט אונטער, נישט צו רעדען אַ קרום וואָרט. אדרבה פערקעהרט, עס טהוט איהר נאָך הנאה אויף דעם כבוד, וואָס מען האָט איהר דאָ אָבגעגעבען, און וואָס זי קען דעם מאַן בריינגען אַ נוצען. עס הייסט אַזוי פיעל ווי: עפּיס זענען מיר אויך, ברוך־השם, שטיקלעך מענשען, אונזער חתימה, הא, האָט אויך עפּיס אַ ווערטה, מיר מאַכען אויך געשעפטען!...

דאָס יודעל נעהמט דעם וועקסעל, גוט צוקוקענדיג זיך צו דער אונטערשריפט מיט דעם זעהענדיגען אויג, יענם בלינדע מיט דעם פינטעלע טהוט זיך אַ וואָרף און קוקט זיך כלומר'שט אויך צו. דאָס זעהענדיגע שיינט, טהוט ממזר'יש אַוואונק, און דאָס בלינדע אויך. אָבגעקוקט, לעגט ער דערנאָך דאָס וועקסעלע גאַנץ געלאַסען צונויף, בעהאַלט עס גוט אין טאַש ביי זיך, רוקט זיך באַלד טאַקע פון דער שטוב אַרויס, און שמעריל נאָך איהם.

יענער טאָג איז געווען אַ גוטער, אַ פרעהליכער פאַר אײדלען. איבערקלערענדיג אַלסדינג, וואָס מיט איהר איז געשעהן אין דער לעצטער צייט, די גרויסע פערענדערונג פלוצלים אין איהר לעבען, האָט זי אויפגעהויבען די הענד מיט אַ דאַנק צו זיין ליעבען נאָמען פאַר אַזאַ טייערן מאַן, אַזאַ גליק, אַזאַ מתנה, וואָס איהר איז געקומען גאָר אומ־

נעריכט. פאַר גרויס שמחה נעהמט זי אַ בויגעלע פּאַפּיר מיט אַ פּען און זעצט זיך שרייבען אַ בריעף צו די עלטערן אַהיים. זי איז באַלד אָבער זיך מישב און לעגט אָב דאָס שרייבען אויף שפּעטער אַ ביסעל, ווען זי וועט שוין קומען אויפ'ן אָרט מיט איהר מאַן בשלום און זיך אַרומקוקען, זעהן אַלסדינג דאָרט מיט איהרע אויגען, דאָס גוטס, דאָס גרויסע גליק, וואָס זי האָט געטראָפען, דענסטמאָל וועט זי אין אַ לאַנגען בריעף צו איהרע ליעבע בעשרייבען גאַנץ קלאָר, פּינקטליך איטליכס פּיצעלע בעזונדער, זיי דערפרעהען מיט גוטע בשורות און דערצו טאַקע מיט שענע מתנות — דעם טאַטען, דער מאַמען און דעם איבעריגען הויזגעזינד. יאָ, דאָס וועט מעגליך זיין צו טאָן, אם־ירצה־השם, אין אַ קורצער צייט אַרום, וואָרום כּפי עס זעהט אויס פונ'ם היינטיגען געשעפטיל, וואָס איז אָבגעמאַכט געוואָרען און געבראַכט אין אָרדנונג מיט דעם איבערשטענ'ס הילף, דאַכט זיך איהר, אַז דער מאַן האָט שוין דאָ נישט מעהר וואָס צו טאָן. אַנ'עק, אַ סוף, באַלד פאָהרען זיי פון דאַנען אַוועק און זי וועט אין גיכען טאַקע קומען אין איהר רוה אַריין. איבעריגענס, טראַכט זי בײַ זיך, וועט זי איבעררעדען היינט וועגען דעם מיט איהר שמערלען און אַגב טאַקע אויספרעגען איהם וועגען דעם געשעפט היינט, — פאַר וואָס ניט? עפּיס איז זי דאָך דערצו אויך אַ שטיקעל שייכות, זי האָט דאָך אונטערגעשריבען אַ וועקסעל.

און ווי איידיל זיצט זיך דאָ אַזוי אויפגעראַמט, אויסמאָלענדיג בײַ זיך אין די געדאַנקען איהר גליקליכס לעבען שפּעטער, אם־ירצה־השם, רוקט זיך אַריין צו איהר אין צימער דער בעל־הבית פון דער אַכסניא שטיל מיט אַ שיינענדיג פּנים'ל, טהוט זיך אַ בוק, אָנקוקענדיג זי אָהן ווערטער און משונה פינטלענדיג מיט די אויגעלעך.

— איהר זייט דאָ אַליין, האַ, איינע אַליין? מאַכט ער נאָך אַ רגע שטילשווייגען, מיט אַ זיס שמייכעלע, שטרעקט אויס די האַנד, רייבענדיג די פינף שפּיצען פינגער איינע מיט די אַנדערע, עפּיס ווי נעבעגדיג איהר אָנצוהערעניש.

— וואָס איז? טהוט איידיל זיך אַ חאַפּ, שאַרף אָנקוקענדיג איהם.

— גאָרנישט! שמייכעלט ער עפּיס אַזוי צוגעלאָזט צו איהר: איהר פערשטעהט נישט וואָס איך וויל? איך וויל... וואָס? וואָס אַ בעל־אַכסניא בעדאַרף וועלען ווי איך — געלד!

— אָט דאָס! — רופט זיך אָן איידיל מיט אַ גרינג געמיט: — מיין מאַן וועט קומען, וועט ער אייך געבען.

— אָ־וואַ, אָ־וואַ! איך מוז באַלד, פערשטעהט איהר מיך, די רגע טאַקע אויף עטליכע טעג ערגיץ פאָהרען, געניטיג איך מיך אין... אין — זאָגט ער געבענדיג אַ שטרעק־אויס די האַנד און אַ רייב מיט די שפּיץ־פינגער: די קלינגערס מיין איך. פאָהרען באַלד מוז איך, וואָס טהוט מען? גאַנץ מעגליך, צוריק־קומענדיג וועל איך אייך שוין נישט טרעפען, איהר וועט שוין זיין אויפ'ן אָרט, מען קוקט דאָך אויף אייך דאָרט אודאי שוין שטאַרק אַרויס... אָ־וואַ, אַ מעשה, אַ מעשה, כ'לעבען! ווייסט איהר וואָס? נעהמט חאָטשע, זייט מוחל, און שרייבט מיר אונטער אָט דעם חשבון. לאָז חאָטש זיין ריין צורעכענט זיך פאַר מיין פאָהרען. נישקשה, גוט געלד, נישקשה!... זייט מיר געזונד און לאָזט גריסען אייער רב שמערלען! וואָס ווייסט איהר, וואָס ווייסט איהר, וואָס דאָס איז פאַר אַ רב שמעריל? גאָלד און זילבער! איהר וועט ערשט שפּעטער דערפיהלען, וואָס איז אַזוינס רב שמעריל, אייער רב שמעריל!...

איידיל שרייבט אונטער, עס פערשטעהט זיך, דעם חשבון, געזעגנט זיך זעהר פיין מיט דעם בעל־הבית, שטאַרק צופריעדען מיט איהם, וואָס ער האַלט אַזוי פון איהר מאַן, לויבענדיג איהם אין טאָג אַריין. זי פערזיכערט איהם, אַז דאָס געלד וועט דאָ געצאָהלט ווערען, לויט רעכנונג, און זיך נאָך לאָזען זעהן, נישקשה, מיט אַ שענער מתנה.

שפּעטליך בײַ־נאַכט איז שמעריל אַהיים געקומען זעהר לוסטיג, דאָס פּנים פערפלאַמט. ער חאַפּט־אַרום דאָס ווייב, פלאָנטענדיג מיט דער צונג עפּיס האַלבע ווערטער, ווי אַ שכּור: פאַרטיג, געלעגט דעם טאַכען!... בעשפּריצט מיט משקה — און יעלה ויצמח, ברעך טעפּ!... יעלה עס וועט אויפגעהן ווי אין אַ באַקדרויזע, ויצמח, ווי אין אַ גאָרטען שבראַצ... שפּראַצ... ראַצען!

— פע! וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון? רופט זיך אָן איידיל שטאַרק פערוואונדערט, אויסרייסענדיג זיך פונ'ם מאַנ'ס הענד.

— אַי־אַי־אַי, שמייליג!... קוקט נאָר אָן די חסידית'טע דאָ... ריהר מיך נישט אָן... האַ, נישט צופריעדען? נו, איז אינה־מקודשת, געסמאַהע דיר פּאַרפּיל!... יבנה המקדש!... פערשטעהסט, וואָס יבנה איז טייטש אויף יוניש? טהוט שמעריל אַ זאָג אָנגעצונדען, אָנקוקענדיג דאָס ווייב בייז, און לאָזט אויס מיט אַ פּייף.

— נו, גענוג, גענוג, גיי שוין, גיי בעסער שלאָפען, — נעהמט

איידיל אין דעם מאן מיט גוטע דייד, אראבשלינגענדיג זיינע מיאוסע ווערטער. זי נעהמט איהם אונטער'ן ארעם, לעגט איהם אריין אין בעט אנזאגענדיג איהם, ער זאל שלאפען.

א גאנצע נאכט איז דערנאך געלעגען בײ זיך אויף איהר געלעגער, און נישט געקענט קיין אויג צומאכען. דעם מאנ'ס אויפפיהרונג היינט האט איהר געשלאגען צום הארצען — פע, עפיס אזוי גראב! אזעלכע ווערטער האט זי נאך קיינמאל נישט געהערט. עס קומט איהר ארויף אויפ'ן געדאנק אל-דאס בייז: וויים איך, וואו ער איז געוועז? מיט וועמען דארט ער איז זיך צונויפגעקומען? א מאנסביל, א קשיא אויף א מאנסביל!... דער קאפ שפאלט זיך איהר טראכטענדיג און איבער-טראכטענדיג, און פאר גרויס פערדראס פערלויפען איהר די אויגען מיט טרעהרען. ניין, ניין — גיט זי זיך דאס ווארט — ווייטער וועט עס איהם בײ מיר אזוי שוין ניט זיין! פון היינט-אן וועל איך שוין קליגער ווערען. מען בעדארף איהם האלטען אין די הענד. אהן מיר קיין טריט! אהן מיר נישט אויף א האר!... א ווייב בעדארף אלסדינג וויסען — וויסען אלסדינג בעדארף א ווייב!...

אט אזוי האט זיך איידיל געגעבען דאס ווארט, זיך אויף ווייטער מיט דעם מאן אויפצופיהרען, צו נעהמען איהם אין די הענד אריין, זייער ביידענ'ס טובה וועגען טאקע צוליעב. דאס האט זי א ביסעל בערוהיגט און זי איז לסוף איינגעשלאפען.

דאס פערטע קאפיטעל.

אויפגעשטאנען אויף מארגען איז איידיל שפעטליך און איז נאך געבליבען ליעגען אויף איהר געלעגער, מאכענדיג בײ זיך אין קאפ א פלאן, ווי אזוי נעהמט מען עפיס דעם מאן אין די הענד אריין, אז ער זאל פאר איהר דאס ניין-יעהריגע בעקומען. דאס איינציגע מיטעל, וואס זי געפינט צו דעם, — איז ברוגז צו ווערען. ברוגז זיין איז בײ ווייבער איבערהױפּט דאס בעסטע מיטעל א קעגען די מאנען, בשעת עפיס נאר א מלחמה צווישען זיך, בעזונדערס אין דער ערשטער צייט נאך דער חתונה. דער שטארקסטער מאן אפילו קען זיך נישט האלטען פעסט אקעגען א אנגע'ברוגז'ט ווייב מעהר ווי עטליכע טעג. דערנאך מוז ער בחרפה ובבושה אנידערלעגען דאס געוועהר און בעטען רחמים. ווערען א שטיל שעפעלע — ביז צום צווייטען רוגז.

איידיל גרייט זיך צו, אנצוהויבען היינט טאקע די מלחמה, מיט אלע בלי זיין. זי נעהמט-אן, אויף א פראבע, א בייזע מינע, א ברוגז'-דיגע פערקרימטע צורה, זי פערדרעהט די נאז, שטעלט אויס א פאר אויגען, איז פארטיג, א נ ג ע ל א ד ע ן און ווארט, קיים ווייזט זיך דער מאן מיט א „גוט מארגען", וועט זי באלד א ו י ס ש י ס ע ן. אומזיסט אבער איהר ווארטען — ער, ווי אויף צו להכעיס, ווייזט זיך נישט. דאס טראגט זי נאך מעהר אונטער, עס קאכט אין איהר ווי אין א קעסעל. זי וויסט שוין נישט, וואס צו טאן. ליעגען נאך און ווארטען — איז קיין תכלית נישט, ווייל ווי לאנג קען מען אזוי ליעגען? אין ברירה, מוז מען, בלייבט בײ איהר, אויפשטעהן, נאר אריין צו איהם דארט אין צווייטען חדר — דאס נישט, אויף קיין פאל נישט! זי דרעהט זיך

אַרום בײַ זיך אין צימער נאָך נישט רעכט אָנגעטאָן, איז ברוגז, פּלאָס־פּײַער, טראַכטענדיג: צו איהם — ניין, ניין! און דערווייל הערט זי מאַקע זיך צו מיט איין אויער צו יענעם צימער — דאָרט אָבער איז שטיל, הערט זי דאָך, ווי דער שטייגער איז פון אַ אשה, מאַקע ציקאַווע און עפענט פּאַמעליכען אַ ביסעל די טיר — קיין שאָדן! האַלט זי עס מעהר נישט אויס, מהוט שוין מיט־אַמאָל צײַן עפענען די גאַנצע טיר, אַ קוק צריין — ער איז נישטאָ!... ס'איז אַ צופּוקעניש, שווער צו האַלטען אַ פּערדרוס און זיך נישט אויסצוגיסען עס. זי מאַכט מיט אַ פערקלעמט האַרץ: אָ, אַ־ין עק! דאָס לעצטע מאָל וועט עס איהם בײַ מיר זײַן. ער געהט זיך צהין, ערגיץ צו זײַנע דאָרט, פערברענגט זיך די צײַט מיט חברים איך ווייס, און אַרען זאָל עס איהם אָנהויבען אַ ווײַב... אַ לײַען אַ ביסעל ניגנמען בײַ־נאַכט אַ קענעז אַ ווײַב! הא! זאָל איך עס שווײַגען? ניין! — הא, מהוט זי זיך אַ חאַפּ, וואָס איז מיט מיר? ווי קומט צו מיר אַזעלכע מיאוסע געדאַנקען... אַזוינס אויף איהם נאָר צו טראַכטען? עפּיס שפּיעלט זיך דאָ איז ער אַהער געקומען? אַ מענש מיט געשעפטען! ער איז געוויס געכטען דאָס... נו, מילא וואָס? עס טרעפט זיך אַזוינס בײַ סוחרים בײַ'ם ענדיגען אַ געשעפט. וואָס־זשע איז מיר?... אוי, דאָס האַרץ, מײַן האַרץ!... לאָמיך זיך נאָר אָנטאָן.

זי געהט אַרײַן אין אַלקויל, וואָס אין דעם צימער, און לויפט פון דאָרט גלײַך אַרויס דערשראָקען, טויט אָהן אַ נשמה.

— וואָס איז, מאַדאַם? נישטאָ דאָך, ווער איז מיר, אויף אײַך עפּיס קיין פּנים! מהוט דאָס ווינטשפינגערל פון דער אַכסניא אַ פרעג, אַרײַנקומענדיג מיט דער בערשט אין דער האַנד, אויסצורייניגען אין צימער.

— זאַכען!... וואו דער קאַסטען. די זאַכען, מײַנע זאַכען! שרײַט אידיל נישט מיט איהר קול און עס ציטערען איהר אַלע גלידער.

— אהאַ, זאַכען? מאַכט דאָס מיידעל אויף אַ מין זינגענדיג לשון מיט אַ נאַריש געלעכטעריל, ציהענדיג די ווערטער: מעהר קיין צרות נישטאָ!... שאַ, נישקשה, מאַדאַם! חי־הי־חי! נאָך גאַנץ פריה, פלוהך דאָהער, אײַדער די צײַט אונזערע מיט דער סטאַדע איז אין פעלד אַרויס אַרויס, האָט די זאַכען אָוועקגעפיהרט אײַער מאַן, און מיר געזאָגט, שאַ, שאַ, הי־חי־הי, האָט ער מיר...

— נו, ניכער, זאָג שוין, זאָג! — טרײַבט אידיל אונטער דאָס מיידעל, — וואָס האָט ער געזאָגט?

— וואָס געזאָגט? — מאַכט דאָס מיידעל לעקישעוואַטע, און צווישורות ווײַסע ציינער ענטפּלעקען זיך בײַ איהר אין מויל: וואַרט נאָר, וואַרט, לאָמיך חאַטש זיך דערמאָנען: הא, וואָס, וואָס? יאָ, אַזוי, מאַקע אַזוי האָט געזאָגט ער: אין אַ שעה אַרום, געזאָגט וועט ער קומען און אײַך פערנעהמען, געזאָגט, דאָרט אַהין.

— וואו אַהין?

— וואָס הייסט וואו אַהין, וואונדערט זיך דאָס מיידעל, ציהענדיג מיט די אַקסלען: אַהין איז אַהין, מסתמא ווייסט איהר וואו איז אַהין. וואָס דען, איך ווייס?

— ווי שפּעט איז אַצונד? פרעגט אידיל שטאַרק צוטראָגען.

— ווי שפּעט ס'איז אַצונד, ווילט איהר וויסען? ענטפערט דאָס מיידעל, פערקרימענדיג דאָס פּנים מיט חן: שוין לאַנג האַלבער טאָג. צײַט צו עסען, הי־הי־הי, שוין דאָס אַנדערע מאָל. הונדערט אודאי מאָל געקומען בין צו אײַך איך געוואָהר הערען, און איהר געשמאַק געשלאָפען, אָהן עין־הרע, האָט איהר ווי נאָך אַ באָד. וואָס זײַט איהר עפּיס אַזוי בלייך?... אוי, זאָל איך אפשר אַ שפּרונג טאָן ברענגען אָנבײַסען אײַך?

— ניין! געה, לאָז מיך צורוה, ענטפערט אידיל און פּטר'ט אַרויס דאָס מיידעל פונ'ם שטוב.

דעם גאַנצען טאָג האָט אידיל צוגעבראַכט אין אײַנע צרות, אַרומקוקענדיג זיך ערשט, וואָס איז פאָרגעקומען מיט איהר. די גאַנצע מעשה מיט שמעריל, אַז זי האָט דאָ גוט צו בעקלערען, צוגליערען אין די געדאַנקען, קומט איהר אויס משונה־ווילד, דער אָנהויב־מעשה נאָך ווילדער ווי דער סוף. סטימט, סטימט! פּלוצלים קומט, ווי פון הימעל אַראָפּגעפאַלען, עפּיס אַ שמעריל. ווער שמעריל, וואָס שמעריל? פון וואַנען שמעריל? — ווייסט איהם דער גוטער יאָהר! גלאַט אַזוי אַ שמעריל, אַ ייד, אַ מיטמבּל איז ער, אַ יונגערמאַן איז ער און געגאַנג! ס'איז אַ חתונה, עס שפּיעלען כלי־זמר, אַ שמחה, אַ פריד, מען טאַנצט, מען שפּרינגט. זי, ווי אַ כשר'ע יודישע טאָכטער, געהט יונג מיט דער חופּה, פערלאָזענדיג זיך אויף די עלטערן, וואָס וועלען זי דאָך וויסען זי מהוען, מיט וועמען זי מיטען איהר חתונה. וואָס דען? די עלטערן ווידער האָבען זיך פערלאָזט אויף די שדכנים, גאַנץ עהרליכע

ידען, וואָס קענען, חלולה, נישט זאָגען קיין ליגען . . . און די שדכנים האָבען געטאָן זייער זאַך אויף דעם סמך, וואָס איז אַ קלאַנג אין שטאָדט, צווישען דעם עולם, און אַז עס קלינגט, איז תורת לאַקשען, דעם עולם׳ס אַ קלאַנג איז אַ בת־קול — אַ מלאך, זאָגען זיי, האָט אויף דעם זיווג אויסגערופען דאָרט אין הימעל. דער אמת׳ער שדכן, אַזוי הייסט עס, איז גאָט און זיי, די שדכנים, זענען נישט מעהר ווי זיינע שלוחים . . .

אָט אַצונד ערשט עפענען זיך איהר די אויגען און זי זעהט די גראָבע מיאוס׳ע פעהלער, ווי שענדליך דאָס איז, צו פערבינדען זיך מיט אַ מענשען איידער מען קען איהם פריהער גוט, ווער ער איז און וואָס ער איז. אַצונד ערשט גיט זי זיך אַ כאַפּ: געוואַלד, רבונו של עולם! ווי נאַריש מיר ידען זענען! ווי שלעכט מיר טהוען, וואָס לאָזען זיך איינריידען, זיך פערבלענדען אין שדוכים פון יענע ליגנערס, וואָס בעדיענען זיך נישט ריכטיג מיט דעם ווערטיל „זיווג מן השמים“, ווייל עס טויג זיי צו דער פּרנסה. אויף אַלסדינג בײַ אַ שידוך, ווי קרום, נישט גלייך ער מעג זיך זיין, האָבען זיי תמיד דאָס דאָזיגע איינע ווערטיל, די איינע תשובה אויף אַלע טענות. אדרבה, ענטפערן זיי, אַלע טענות אַקעגען דעם, אַ שטייגער: עס געשיקט זיך נישט דאָס, געשיקט זיך נישט יענץ, ס׳איז אַ ביסעל קרום, אַ שטיקעל מום — אדרבה, אָט דאָס גופא טאַקע דיענט ערשט פאַר דעם בעסטען בעוויז, אַז ס׳איז פון׳ס אויבערשטען, אַז חאָטש דאַכט זיך אין פּלוג, ס׳איז אַ ביסעל נישט אַזוי, קומט דאָך אויס פּאָרט טאַקע אַזוי . . . נאַראָנים גלויבען, און עס פאַלט זיי גאָר ניט איין צו פרעגען: ווי אַזוי וויסען עס אָט יענע ליגנערס, וואָס אויבען איז אויסגערופען געוואָרען, וואָס גאָט וויל? האָט עס דען גאָט זיי דערצעהלט? און אויב יאָ אַזוי ווי די דאָזיגע ליגנערס זאָגען, אַז זיי זענען שלוחים פון גאָט, וואָלטען דאָך אַלע שידוכים, וואָס ווערען דורך זיי אויסגעפיהרט, בעדאַרפט האָבען אַ האַפט, אַ קיום אויף אייביג; היינט פאַר וואָס זעהען מיר אַזוי פיעל אומגליקליכע פּאָר־פאָלקען, אַזוי פיעל געוויין און טרעהרען, שנאה און קריעג, גרושות און ענונות צווישען אונזערע יודען? . . .

אוי, רייסט זיך איהר אַרויס אַ זיפץ מיט פּנ׳ים האַרצען: ס׳איז אַ שווינדעל! די גאַנצע זאַך מיט די זיווגים איז נישט מעהר ווי נאַרישקייט, אָבּנאַרעריי און בעטריגעריי. דאַכט זיך, עס ליעגט אויבען־אויף, אַזוי דייטליך, אַז מען ברויכט נישט קיין איבערגעשפּיצטען שכל דאָס צו

פערשטעהן, די מינדסטע יודענע אפילו קען עס אויך פערשטעהן מיט איהר מח. זי זעהט עס אַרויס בײַ זיך אַליין אַזוי בעשיינפערליך אַצונד, נאָר, געוואַלד, וואו איז אָבער געוועזען איהר שכל פריהער? וואו איז געווען דער שכל פון טאַטע־מאַמע, נישט גוט צו בעטראַכטען זיך פריהער? צו וואָס איז אַזוי דער ברען צו חתונות, גיכער־גיכער צונויפפּאָרען קינדער? רבונו של עולם! מענשען, אַחוץ וואָס זיי זענען זכרים און נקבות, זענען זיי דאָך עפּיס דערצו אויך מענשען מיט אַ נשמה, מיט אַ פרייען ווילען, מיט מענשליכקייט, מיט געפיהלען — און עס בעדאַרף דאָך בײַ זיי אַנדערש זיין ווי בײַ בהמות . . . צוליעב חאַפּעניש און אײַלעניש אָהן בערעכנונג איז זי, ווי עס לאָזט זיך אויס, אַריינגעפאַלען גאָט ווייסט וועמען אין די הענד אַריין און איז אַצונד אין אַ גרויס אומגליק. זי איז נאַקעט־בלויז, נאָר אין איין סיצען קליידיל אויף איהר לייב, אָהן אַ גראָשען געלד און עלענד ווי אַ שטיין אין דער־פרעמד. וואָס וועט זיין דער סוף איהרער דאָ און דער סוף פון איהרע עלטערן דאָרט, אַז זיי וועלען בעקומען די ווּיסטע בשורה וועגען זייער אומגליקליכער טאָכטער! אַזאַ אומגליק, אַזאַ שאַנדע! ס׳איז אַ בושה אין פּנים און אַ וועהטאָג אין האַרץ!

דאַכט זיך, געננוג ביטער, געננוג פינסטער, און פלוצלים — נעה טרעף אַ מענשענס האַרץ! — גיט איהר אַ שיין אַ שטיקעל האָפנונג: נײַן! מאַכט זי מישב׳דיג זיך זיין צוריק — אונמעגליך! לאָמיך נישט זינדיגען מיט די רייד, חושד איהם זיין אומזיסט. עס קען זיך אויסלאָזען גאָרנישט . . . מען בעדאַרף וואַרטען, האָבען געדולד. לאָז דערווייל זיין שאַ! — גוט וואָס דער בעל־הבית פון דער אַכסניא איז גראָד אַצונד אַוועקגעפאָהרען אויף אַ פּאָר טעג. לאָז ער נישט וויסען, לאָז דערווייל זיין שאַ! . . .

זי שטעלט זיך קוקען אין פענסטער. קוקט, קוקט און נעהמט זיך אַרויס די אויגען קוקענדיג — נישטאָ! אַזוי איז איהר פערגאַנגען דער טאָג אין לייד, אין אַנגסטען, נישט צו נעהמען אין מויל אַריין עפּיס עסען. בײַ־נאַכט איז זי אַנידערגעפאַלען אויף איהר געלעגער ווי אַ דער׳הרג׳עטע.

אויף מאָרגען פריה קומט אַריין דאָס יודעל מיט דעם בלינדען אויגעל. איידיל ווערט ווי פון טויט לעבעדיג, דערזעהענדיג פאַר זיך אַ בעקאַנטען מענשען, הגם ער איז בײַ איהר פריהער נישט געווען

זזא חשוב, און זי טהוט זיך א לאז, גאַר נישט ווילענדיג, איהם אקעגען מיט א ברייטען ברוך־הבא:

— אוי, א זעהר אַנגעלעגטער גאַסט, כ'לעבען! ווען איך זאָל געוועז וויסען, וואו איהר וואוינט, וואָלט איך נעכטען נאָך געקומען צו אייך אַהיים... איהר האָט געהערט?... זאָגט, אפשר ווייסט איהר עפּיס?... אפשר, הא, ווייסט איהר וואו... וואו ער איז? — רעדט, פרעגט איידיל אין איין אָטעם ווארגענדיג זיך מיט טרעהרען, נישט אראָבצונעהמען פונ'ם יודעל קיין אויג.

— איך האָב געהערט, געהערט! רופט זיך אָן דאָס יודעל שטאַרק בייז, מאַכענדיג דערביי מיט דעם גראָבען פינגער אַהין און אַהער: ער זאָל אזוי וויסען פון זיין לעבען צו זאָגען, דער מסור, דער גזלן, ווי איך וויים פון זיין געביין! העריסטו, אַט דאָס בין איך דאָך טאַקע געקומען... אפשר ווייסט איהר?

— מיך פרעגט איהר? מאַכט איידיל, פערקריטענדיג זיך, און שפּרינגט אָב ווי א אָבגעבריהטע פונ'ם יודעל, אויף עטליכע טריט צוריק.

— געוואַלד, געוואַלד, צייט קאָמט ער מיך, אַט דער כל־בו'ניק! רעדט זיך דאָס יודעל וויינס, אַלין טאַקע בייז: א־א, פגר'ן זאָל ער דאָרט וואו ער איז. קיין גוטס זאָל איהם נישט זיין, ווייל ער וועט לעבען פאַר מיין געלד. אי, איך זאָל וויסען, וואו ערגיץ ער איז — העה־העה, וואָלט איהם שוין, נישקשה, א רוח אין זיין טאַטענס טאַטען אריין!...

איידיל בעדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענד, חליפּעט, וויינט, צאַפּלענדיג מיט די אַקסלען, מיט אַלע אברים. דאָס יודעל בעטראַכט זי שווייגענדיג, מעסט זי אויס פונ'ם קאָפּ ביז די פיס מיט דעם גע־ווונדטען אויג, און יענץ מיט דעם ווייטען פינטעלע אַרבייט אויך, וואַר־פענדיג זיך אַרויף און אַראָב.

— וויינט נישט, איך בעט אייך, א שאָד אייערע אויגען, ווי איך בין א יוד! בעט זי דער יוד עפּיס אזוי גערירהט, ווי עס רייכט איהם שטאַרק דאָס האַרץ: נו, געוואַג, טהוט מיר די טובה! האָט רחמנות אויף אייערע יונגע יאָהר און לאָז זיין גענוג געוויינט!... לאָמיר זיך גיט נאַרען, איהר זייט דאָך א קלוגע, און לאָמיר בעט־טראַכטען די זאַך געלאַסען, אזוי ווי עס איז. אין אמת'ן האָט איהר דאָך דאָ גאָרנישט פערלוירען. אדרבה, זאָלט איהר מיר געזונד זיין,

אדרבה, אין דער ערד אַריין אזאַ... איהר מעגט נאָך אויפהייבען די הענד צו דעם וואָס לעבט אייביג און מאַכען א ברכה „ברוך שפּטרני“! נישקשה, כ'לעבען.

— אוי, איך בין געקוילעט! קלאָגט זיך איידיל, ווישענדיג די אויגען בין געבליבען אזוי ווי איהר קוקט מיך אָן אַט־אַ. האָב נישט מעהר ווי דאָס איינציגע קליידעל אויף מיר. אינגאַנצען אָט־אָ מיין פערמעגען! וואָס קען איך אצונד טאָן, וואו זאָל איך, עלענדע, אצונד געהן, מיך קעהרען־ווענדען?

— עט, כ'לעבען... ווי איך בין א יוד! טרייסט דאָס יודעל זי מיט גוטע ווערטער: גאָט איז מיט אייך, איהר זייט דאָך דאָ עפּיס צווישען יודען, נישט אין א וואַלד ערגיץ צווישען גזלנים, אָדער אין א העק ערגיץ, א מדבר, צווישען ווילדע חיות, חלילה! פערלירט נישט, איך בעט אייך, די האָפנונג!

— אָבער אצונד, אַצונד איז דאָך שלעכט, פינסטער און ביטער, א שרעק! ווענדט זיך איידיל צום יודעל, מיט וועלכען זי הויבט אָן איבערבעטען זיך אין האַרצען פאַר זיינע גוטע, אמת־יודישע טרייסט־ווערטער, און נעהמט זיך אויסגיסען פאַר איהם איהר שווער געמיטה: אוי, ביטער! צום לעבען נישטאָ קיין גראָשען, און בין נאָך שולדיג אַנדערע. ער איז אַוועק און מיך איבערגעלאָזט דאָ פאַר א משכון, א צוגאָב דערצו, וואָס איך בין געבליבען, וועה איז מיר, א וויסטע עגונה. אויף דער אַכסניא קומט. מען האָט שוין אריינגעשיקט מאָהנען. דעם לאַנגען גרויסען חשבון אונטערגעשריבען — האָב איך... היינט קומט דאָך טאַקע אייך אויך. איהר האָט דאָך אויף מיר א וועקסעל...

— נו, בכן? זאָל מען נעהמען ביי אַייך די נשמה? זאָלט איהר זיך צורייסען, זיך נעהמען שטאַרק צום האַרצען און חס־וחלילה שטאַרבען, אָדער זיך, שונא־ציון, א מעשה אָנטאָן, מיר נישט, דיר נישט? גאַנץ שכל'דיג, כ'לעבען!... אַדרבה, ווייל עס קומט פון אייך אַנדערע, דעריבער טאַקע ליעגט אויף אייך די שולד אָבצוהיטען, ווי גאָט איז אייך ליעב, אייער געזונד, טייער צו האַלטען אייערע שענע אויגען, אייער לייב און אלץ מיט איינאַנדער, כדי איהר זאָלט קענען, פערשטעהט איהר מיך, אַרבייטען, פערדינען אי פאַר זיך, אי פאַר יענעם, זיך אַרומצואָהלען ביסלעכווייז מיט אייערע

בעלי־חובות. נישקשה, עס האָט זיך ביי יודען אזעלכע זאכען שוין געטראָפען. איהר זייט נישט די ערשטע, נישט די לעצטע... איך פון מיין זייט, אַך בין גרייט צו־וואַרטען. אבי געזונד, זייט איהר ביי מיר אַ גרויסער בטוח... נו, וואָס־זשע, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, איז דאָ פאַר אַזאַ אומגליק? אי די מורא, וואָס איהר בלייבט אַ ענונה — עט! נאָך אַמאָל טאַקע עט, נאַרישקייטען, כ'לעבען! מיר וועלען, מיט דעם אייבערשטענס הילף, מסתמא געפינען דערויף אויך אַ תחבולה, נישקשה!...

איידיל פיהלט זיך זעהר גערי‍הרט פון אַזעלכע קוויקענדיגע טרייסט־ווערטער און ווייסט נישט רעכט ווי צו דאנקען דעם יודעל פאַר זיין גוטסקייט, וואָס ער שטעהט איהר ביי אין דער נויט. זי בעט זיך איבער מיט איהם שוין אינגאַנצען ביי זיך אין הארצען און דערלאַנגט אויף איהם שווייגענדיג אַ פריינדליכען בליק, וואָס איז פיעל בעסער ווי גערעדט.

— אָט ווייסט איהר וואָס, זאָגט דאָס יודעל מיט אַ געבעט, אָנגעהמענדיג זיך ביים הארצען: דערווייל, איידער ווען, איידער וואָס, זאָלט איהר אייך געבעטען, קומט, כ'לעבען, צו מיר אויף קוואַטיר. אַ שטוב איז ביי מיר אַ גרויסע, חדרים זענען דאָ גענוג פאַר מיר מיט מיין ווייב, און פאַר אַנדערע אויך. וועט זיך געפינען פאַר אייך אויך אַ צימער. הא, וואָס זאָגט איהר?

איידיל קווינקעלט זיך עפּיס, אָהן ווערטער.

זאָגען יאָ, איז עפּיס פריקרע. וואָס פאַר אַ פנים וועט עס האָבען פאַר זיין ווייב? זאָגען־זשע ניין, איז נאָך ערגער. זי איז דאָך געבליבען ווי אויפ'ן וואַסער, נישט האָבענדיג וואו אונטערצולעגען דעם קאָפּ... דאָס יודעל אָבער האָט, ווי אַריינקוקענדיג ניט אין איהר הארצ'ן, אונטערגעריקט איהר אַזעלכע ווערטער וואָס זאָל זי נעהמען.

— ביי מיין ווייב — זאָגט ער: וועט עס שטאַרק אָנגעלעגט זיין, ווי איך בין אַ יוד!... איך זאָל אַזוי לעבען, ווי איהר וועט איהר דערמיט מאַכען גרויס פערגעניגען. זי איז, לעבען זאָל זי מיר, זעהר אַ גוטע מענש, אַ מכניס־אורח'טע, נישטאָ איהר גלייכען, איטליבער איז איהר ליעב. אַ שם האָט זי, אויף אלע ווייבער געזאָגט געוואָרען!... פערדיענען וועט איהר, נישקשה. איך וועל שוין טראַכטען, אַז איהר זאָלט פערדיענען. מילאָ, וואָס איז

דאָ צו ריידען? עט, גאָרנישט! מיר וועלען זיך, אם־ירצה־השם, נאָך אָברעכענען, אַבי געזונד... אָט געה איך בעצאָהלען פאַר אייך אויף דער אַכסניא.

— אַ יודישע נשמה קען מען טאַקע ניט שאַצען! — טראַכט זיך איידיל, נאָכדעם ווי דאָס יודעל איז אַרויסגעגאַנגען: אויפ'ן אָנבליק איז ער, דאַכט זיך, עפּיס נישט אַזוי, און וואָס אָבער פאַר אַ גוט האַרץ ער האָט! אַ יוד בלייבט טאַקע אַ יוד,... ווי מיאוס ער מעג זיך זיין פון דרויסען, אַזוי שען, אַזוי ריין איז ער אינווייניג. יודישע קינדער זענען טאַקע, ווי עס שטעהט, רחמנים בני רחמנים... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען פאַר די זינד, איך האָב עס פריהער אין איהם גאָר ניט אַרויסגעזעהן און איהם נישט געקענט ליידען.

בשעת איידעל טראַכט דאָ אַזוי, בעדויערט און האָט שטאַרק חרטה, וואָס זי האָט אין הארצען אומזיסט־אומנישט פיינד געהאַט פריהער אַזאַ כשר'ע נשמה, קומט אַריין דאָס יודעל צוריק, נעהמט אַרויס איידלען פון דער אַכסניא און פיהרט זי אָב צו זיך אַהיים — צו זיין ווייב שיינצע.

עס פערשטעהט זיך, אַז זיין ווייב איז שיינצע, איז ער, דאָס יודעל, הייסט עס, מיט דעם בלינדען אויגעל — איהר מאַן; ער, לוי בחור מיט זיין כבוד אַליין!

אין דער דאָזיגער גאַנצער מעשה מיט איידלען, איז שמעריל, דער מאַן כלומרשט, און לוי בחור געווען יד־אחת. דער בעל־אַכסניא, אַ אויסגערויכערט ליולקעלע, אַ געוועזענער משרת, אַ פאַקטער, וואָס פערשטעהט אַ עסק, האָט אויך ביי זיי געטאַנצט אין קאָהן. די דאָזיגע פאַרשוינען האָבען דאָ געמאַכט די שפּיעל נאָר ווי אין טעאַטער. איטליכער האָט געשפּיעלט זיין ראָליע ווי אַ מייסטער. האָדיל די מעקלערין, וואָס איהר שטייגער אַרבייט איז לויפען, שמעקען, אַריינשטעקען אַ צונג און אַריינוואַרפען זיך אין דער מיט, געבעטען צי ניט געבעטען — זי האָט, ווי אַ שאַלאַטען־שמש'טע, זיך אויך געדרעהט, הינטען־אַרום, אין דער שפּיעל. זי האָט עס אָנגעשמעקט שמערלען באַלד ביי זיין אָנקומען מיט איידלען; דאָס איז זי, האָדיל, אַריינגעפלויגען ווי אַ באָמבע אין דער הייסער רגע טאַקע צו איהם אויף דער אַכסניא, און פאַר גרויס פרייד, שטאַרק צוטומעלט, האָט זיך איהר ...עפענט דאָס מויל, און שיער־שיער וואָס זי האָט נישט אָנגערופען

שמערלען בײַ זײַן אמת'ן נאָמען נחמן־מרײַטעל. זי וואָלט געקענט אָנ־מאַכען אַ גוטע חתונה, עפּעס, נישט אין דער צײַט, אײַדלען די אויגען. נח... נח... דער אָנהויב פון נחמן, זײַן אײַגענטליכער נאָמען, האָט זיך שוין איהר געקײַקעלט אויס דעם האַלז, אַ גליק, וואָס שמעריל האָט זיך געחאַפּט בײַ־צײַטענס, אויף איהר אַ היק געטאָן און זי, כּבֿיכול, ארויסגעטריבען.

דאָס פינפטע קאַפּיטעל.

דאָ בײַ ליי בחור אין הויז שטעלט זיך פאָר אײַדלען אַ נײַע וועלט מיט נײַע צרות. די פריהערדיגע צרות זענען געווען אַ לעקיכעל אַקעגען די וויטערדיגע, אַ הקדמה נאָר צו דער מעשה, וואָס הויבט זיך ערשט דאָ מיט איהר אָן. די מעשה אַליין איז זעהר אַ שרעקליכע, אָבער, אוי וועה. אַ גאַנץ געוועהנליכע! אַ מעשה, וואָס טרעפט זיך כמעט יעדען טאָג מיט נאָך פיעל אַנדערע, אַזוי ווי אײַדיל אין זאַק אַרײַנגענאַרטע, אומגליקליכע יודישע טעכטער; אַ מעשה, וואָס האָט נאָך פון גאַנץ לאַנג ווי אַ פערשלעפּטע קרענק זיך אַרײַנגעחאַפּט, נאָר עפּיס מעשה־שטן טאַקע, צווישען אונז יודען, צווישען אַזאַ כּשר פאָלק, אָבגעהיט פון זינד ווי דאָס פאָלק ישראל, און עס איז זי נישט פּטור צו ווערען ביז אַצינד!... דער תמצית, דער אינהאַלט פון אַזאַ מעשה איז כמעט תמיד דער אײַגענער און מען פערשמאַרט וועגען דעם אַ סך צו רעדען. עס הויבט זיך אָן מיט גוטען, דערנאָך נעהט עס מיט בײַזען. עס האָט אין זיך אַלערלײַ טעמים — זויער און ביטער, קאַלט און וואַרים, עטעניש אין זיך אין יסורים, וועהטאָגען פונ'ם לײַב. ס'איז דאָ דריגען פון אײַן זײַט: גרויזאַמע אינווייניגסטע, אין דער נשמה, פונ'ם פיהל'ען די שולדיג־קײַט, אָבצוהיטען זײַן אײַגענעם ווערטה, דעם מענשליכען כּבוד און ערענטליכקײַט; פונ'ם פיהלען מורא פאַר זינד, בושה פאַר גאָט און פאַר לײַט, וואָס זענען אײַנגעוואָרצעלט אין דעם מענשענס הארץ. און פון דער אַנדערער זײַט: אָנגעטאָנענע יסורים, געברענטע־געבראָטענע לייד־צוואַנג, פּײַן, קלעפּ, הונגער און כל־המיני פּורעניות, אויסגענאַרטע מעקסלען, בעלי־חובות, שלעק, אָנשיקענישען, מיאוס'ע יצר־הרע'ס

אזעלכע, וואָס רייצען, צוקאָכען די געבלישען. עס ווערט אינווייניג אין זיך פון די אַלע דאָזיגע זאַכען אַ שטורם, אַ קאָכעניש, אַ ראַנגלעניש, אַ שווערע, שטאַרקע מלחמה, און דער ווינדיגער מענש, פלייש און בלוט, האַלט נישט אויס — און פאַלט!...

איידיל, נעבעך, איז געפאַלען!...

אַ היבשע צייט האָט זי ווי מיט'ן טויט זיך אַוועקגעראַנגעלט מיט די אַלע גרויסע ביטערע יסורים, וואָס מען האָט איהר אָנגעטאָן, אַלץ זיך געשטאַרקט, איינרײדענדיג זיך נסים ונפלאות, אפשר וועט איהר געראָטען צו דערווייכען מיט איהרע בלוטיגע טרעהרען די הערצער פון די פייניגער איהרע, זיי זאָלען זי אָבלאָזען; אָדער אפשר גאָר וועט איהר געשעהן אַ נס פון זייערע הענד שטילערהייד אַנטרונען צו ווערען — נאָר די צייט אָבער האָט איהר בעוויזען, אַז דאָס אַלסדינג איז חלומות. גיכער איז צו ריהרען אַ שטיין ווי יענע רשעים'ס פערשטאָקטע הערצער, און שטילערהייד אַרויס'גנב'ענען זיך איז גאָר ניט קיין גוט מיטעל, דאָס קען נאָר פערגרעסערן דאָס אומגליק און בריינגען פיעל צרות זיך און איהרע ליעבע. „אַצינד — האָט זי זיך בערעכענט — בין איך וועניגסטענס אַליין אומגליקליך, שאַ, שטיל, פערדעקט די חרפה, ווער קען מיך, ווער ווייסט מיך? ס'איז נאָך פאָרט אַ האָפנונג דאָ אויף שפּעטער, אויסקויפען זיך אַמאָל פון די שענע לייט, ווערען פריי; גנב'ע איך מיך אָבער ארויס, אין פאַל ווען ס'איז מעגליך, וועלען די שענע לייט, נישקשה, מיך געפינען, וואו איך וועל זיין. זיי וועלען טרעפען צו מיר אַהיים, אַיינגעבען אויף מיר די וועקסלען, עס וועט זיך אַרויסשטעלען, אין וואָס פאַר אַ הויז איך בין געווען. טאַטע־מאַמע וועלען זיך שעמען צו ווייזען פאַר לייט, וועלען פאַר גרויס צער, חלילה, שטאַרבען, די שוועסטער, נעבעך, וועלען פערזיצען, נישט קענען קומען צו קיין שדוכים און פונ'ם גאַנצען הויזגעזינד וועט ווערען אַ תל". — פאַר איידלען איז קיין אויסוועג נישט געווען, זי האָט געליטען, זיך געראַנגעלט ביז די לעצטע כחות — און איז געפאַלען! — —

יאָ, איידיל, נעבעך, איז טאַקע געפאַלען, אָבער טיעף געזונקען איז זי נישט. מען האָט בּיי איהר צוגענומען דאָס געזונד. אָבער די נשמה, אַ מתנה פון גאָט, — דאָס צונעהמען בּיי איהר האָט מען נישט געקענט. עס האָט אין איהר זיך געקלאַפּט אַ מענשליך האַרץ מיט געפיהלען פון גוטסקייט און רחמנות: זי האָט געפיהלט דאָס ביטערע האַרץ פון פיעל אַנדערע אומגליקליכע חבר'טעס דאָרט, איז זי בּייגעשטאַנען

אין די נויטען, געווען פאַר זיי בשעת אמאל א כעס, א רוגזא, א גוטע מליצה, זיך ארויסגעשטעלט פאַר זיי אקעגען לוי'ן און דער מוהמע שיינצע, נישט קוקענדיג דערויף, וואס זי פלעגט אפט דורכדעם האבען יסורים, צוציהען צו זיך שנאה און לייד.

די חבר'טעס האט דאס הארץ געצויגען צו איידלען, זי איז ביי זיי געווען דער קאפּ. מאַלווינקא, א יאדערדיג מיידעל, א קלוגס, א לעבעדיגס, אפרעהליכס, מיט אַ ברייט פנים און א פעררויסען נעזעל, האט איידלען געקרוינט מיט דעם נאמען „אפיצערקע" — און אזוי האט זי געהייסען ביי איטליכען. די „טערקיניע" אפילו, וואס פריהער איז זי געווען די עלטסטע, האט מוחל געווען אויף איהר כבוד און איז צוגעקאכט געווארען צו איידלען, האט אין איהר געקלעבט נאך פיעל מעהר פון אלע אנדערע.

נאר די מוהמע שיינצע אליין, זי האט איידלען פיינט געהאט שטארק פונ'ם גאנצען הארצען, קיין אנדער נאמען פאר איהר האט זי נישט געהאט ווי „די ענונה", כדי צו שטעכען זי דערמיט. די מוהמע שיינצע האט, ווי עס איז בעקאנט, געוועלטיגט ביי זיך אין הויז נאר א שרעק, געוואלט, אז חוץ איהר דארט זאל קיינער נישט טארען אויפהויבען א קאפּ, האבען עפּיס א ווילען. דער שטיינער איהרער איז געווען זיך אלץ צו קלאגען אויף היינטיגע צייטען, אויף היינטיגע מענשען. נישטא, פלעגט זי קרעכצען, נישטא אמאלדיגע יאהרען! אמאל איז א בעל-הבית'טע געווען א בעל-הבית'טע. עס האט מיט איטליכער פאר איהר אין שטוב געמארדעוועט. און היינט? היינט ווילט זיך עס „זיי" אויך האבען א דעה... אויך מיר מענשען!

איז איינע געווען זעהר שען, פלעגט עס די מוהמע שיינצען אין הארצען שטארק פערדריסען, און פלעגט זיך שטעלען מיט יענער פערהערען, דערצעהלען איהר פון יענע גוטע יאהרען, ווי שען זי איז געווען אמאל, אז מען האט זיך פשוט אויף איהר געהאנגען. פונדעסטוועגען האט זי זיך נישט איבערגענומען און געהאט פאר דער בעל-הבית'טע דאס נייען-יעהריגע...

קיין אנדערע ווערטער זענען ביי דער מוהמע שיינצען נישט געווען פאר איינער, וואס עפּיס נאר נישט אזוי, ווי: אויך מיר א מענש, דו חצופה איינע... א גולם ביסט דו, א אנגעמאלטער גולם, א שטיק פלייש, א שטיק סחורה, ווייטער גארנישט!...

א דם-שונא איז דעריבער די מוהמע שיינצע געווען איידלען אי

פאר איהר שענקייט, אי פאר דער העזה איהרער, צו מענשלען זיך אליין און איינצוגעבען איהרע חבר'טעס שכל, או זיי זענען אויך מענשען, משטיינס-געזאגט, פונקט פערקעהרט פון איהר תורה. זי פלעגט ביי איטליכער געלעגענהייט זיך בעקלאגען אויף איידלען, אז זי האט פערגעסען דאס פיעל גוטס, וואס מען האט איהר געטאן, בשעת בלייבענדיג אהן עגונה, איינגעטונקט אין חובות, נאקעט, הונגעריג, ווען נישט לוי אידרער, ווען נישט זי, די מוהמע הייסט עס, וואו וואלט היינטיקעטען איהר געבליבן?

ביי דער מוהמע שיינצען האט, נאך איהר שטייגער דענקען, איהר שטייגער דערציהונג, זיך געקענט טאקע לעגען אין קאפ, אז זי איז גערעכט, און פלעגט אויס'אזען געוועהנליך דאס צעטעל חסדים איהרע מיט א מענה: רבונו של עולם, וואס איז היינט פאר א וועלט? וואס זענען עס היינט פאר א מענשען?...

איידעלען האט אין דער מיאוס'ער לאגע איהרער צוגעגעבען קראפט אויסצוהאלטען די ביטערע פיין, אט דער דאזיגער געדאנק, וואס גאט איז א יודע לבבות, ווייסט דעם מענשענס הארץ, דער עיקר איז איהם א ריינע, אומבעפלעקטע נשמה. גרויסע צדקניות, צנועות זענען, ווי עס שטעהט געשריבען אין ספרים, אייך געווען געפאנגען אמאל; אזוי ווי זי געפייניגט, געצוואונגען געוועזן, נעבעך, — און דער גוטער גאט האט זיי מוחל געוועזן די זינד צוליעב דער ריינער נשמה זייערער. ער האט געזעהן זייער פיין און זיי געהאלפען אויסצוקומען מיט דער צייט: איידיל האט אויך געהאפט אויסגעלייזט צו ווערען פון'ם געפענגעניש. האט-אלץ געהאפט, געהאפט — אין לסוף...

דער סוף איהרער איז געווען ווי דער סוף פון אלע אומגליקליכע, איהרגלייכען — א קרענק א פלאג, וואס האט זיך איהר צילעצט אריינגעכאפט אין די ביינער. א היבשע צייט איז זי אויסגעלעגען אין שפיטאל, אין א אבגעזונדערטען חדר דארט, אבגעריסען פון דער וועלט פערווארפען, פערגעסען, ווי א פערדארטע בלום, א צובראכען כלי, א שארבען, וואס ניצט נישט מעהר קיינעם, וואס מען מיידט עס אויס און שייגט זיך עס אנצוקוקען.

די מוהמע שיינצע איז אין דער גאנצער צייט אפילו קיין איינציג מאל נישט געקומען געוואהר ווערען צו איהר. זי האט אויך פערבאטען און שטרענג אבגעהיט, אז די חבר'טעס איהרע זאלען אהין צו איהר די נאז נישט ווייזען. זעלטען נאר פלעגט זיי נאך פיעל מיה גע[illegible],

איבערצושיקען איהר אביסעל איינגעמאכטס, צום קוויקען זיך, דורך מאלווינקען, וואס פלעגט זיך איינשטעלען בגנבה ארייינצוכאפען זיך צו איידלען מיט דער איבערגעפעקעלטער טרפה סחורה.

אז האדיל די מעקלערין איז איינמאל אוועקגעזעסען א פאר שעה ביי שיינצען אין צימעריל, שוין זאט אנרייידענדיג זיך מיט איהר איבער דער היינטיגער פערדארבענער וועלט און די היינטיגע שלעכטע צייטען; שוין מקיים זייענדיג אויך איינטונקען א שטיקעל לעקיך, פערזיכען דעם בימערן טראפען און זיך שוין געקליבען אוועקצוגעהן — האט זי זיך פלוצלים א האפ געטאן, גלייך ווי זי וואלט זיך דערמאנט אן עפיס זעהר א וויכטיגער זאך.

— אוי, שיינצעניו, גוט וואס האב מיך דערמאנט! האב מיר געקענט אוועקגעהן — און דיר נישט קיין ווארט. דו הערסט, שיינצעניו? נעכטען געה איך מיר גראד פארביי דעם שפיטאל, טראכט איך מיר, האז! לאמיך, כ'לעבען, אריינגעהן צו דער יפהפה דיינער, צו דער עגונה, ווי זי דרייסט ביי דיר. א קוק טאן, וואס זי מאכט. אוי, וואס זאל איך דיר זאגען, נשמה מיינע? מאכען זאלען אזוי, רבונו של עולם, אונזערע שונאים, אלע וואס ווינשען אונז בייז! ס'איז זי נישט צו דערקענען, אזוי פארענדערט האט זי זיך. וואו שענקייט, וואו לייב — אינגאנצען. בעהיט זאל מען ווערען הויט און ביין! איך זאל דערלעבען זעהן אזוי פיעל גוטס, ווי עס האט מיר זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען און געריסען דאס הארץ קוקענדיג אויף איהר, ווי זי ליעגט שוואך, צובראכען אויפ'ן בעטעל דארט. זי האט אנגעשטעלט אויף מיר א פאר געשוואלענע, פערלויפ'ענע אויגען און געקוקט שווייגענדיג מיט א זיפץ. זי קוקט, קוקט און פון די אויגען קאפ-קאפ הייסע טרעהרען. איך טרייסט זי, שטארק זי, ווי דער שטייגער איז, מיט ווערטער, חאטש אין הארצען ביי מיר ווייס איך זעהר גוט, אז ס'איז אומזיסט די רייד — זי איז א צעבראכענער שארבען. פון גאטס-וועגען האב איך געזאגט, נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, א ליגען. אז דו גריסט איהר גאר פריינדליך און פרעגסט, וואס זי מאכט. קוים האט זי עס דערהערט איז זי פערציטערט געווארען מיט אלע אברים. עס האט זיך אין איהר אנגעצונדען דער גיהנום — די אויגען פלאם-פייער און פונ'ם מויל גיסען זיך פעך און שוועבעל: בייזע שטילע קללות. הלואי ווי דו האסט זיי נישט געהערט, אזוי זאלען זיי דיר נישט שאדען. לאזען זיי אויסגעהן צו שונאים'ס קעפ, צו משוגע'נע הינט, הלואי, רבונו של עולם!

— אָמן, צולאָזט זיך די מוהמע שיינצע אויף אַ קול, אויפשפרינגענדיג פונ'ם בּיינקעל, גלייך מי אַ שלאַנג וואָלט זי אַ בּיס געטאָן! נו, אַדרבּה, זאָג, איך פרעג דיך, וואָס איז היינט פאַר אַ וועלט?... אָט האָסט דו דיר דעם דאַנק פאַר דער טובה, וואָס מיר האָבּען איהר געטאָן!... דער מאַן מיינער איז איהר בּייגעשטאַנען אין די נויטען בּשעת זי איז געבּליבּען אַ וויסטע עגונה, נאַקעט און בּלויז, עלענד ווי אַ שטיין, חאָטש נעהם און וואַרף זיך אין וואַסער אַריין. נישט גענוג, וואָס ער, מיינער, האָט זי נישט געמאָהנט זיין אייגען געלד, אַ גאַנצער קאַפּיטאַל, וואָס קומט איהם פון איהר, האָט ער נאָך אויך אַנדערע אויסגעצאָהלט הובות פאַר איהר. אַ פערפאַלענע, אַ פערלוירענע נעהמען מיר זי צו זיך אין הויז אַריין. נאַ דיר, נאַ, אַלסדינג וואָס אַ מענש בּעדאַרף!... זי עסט אונזער זאַלץ און בּרויט, טראָגט אונזערע קליידער. פערשטעהסט, וואָס איהר פעהלט? זי עסט, טרינקט, פוצט זיך, לעבּט און טהוט זיך אָן וואווילטאָג, אַלץ פון אונזער גוטס. אַודאי האָט מען זיך וואָס צו בּעקלאָגען! אי וואָס, עס מאַכט זיך אַמאָל עפּיס אַזוינס, נישט=דאָ=געדאַכט, נישט פאַר אונז געדאַכט, מילאָ וואָס, ווער איז דרינען שולדיג?... ווי אַזוי=זשע, פרעג איך דיך, זאָל מיר נישט צעזעצט ווערען דאָס האַרץ הערענדיג, אַז אַזוינע, איך בּעט דיך מחילה, אַז... אַז...

— שיינצעניו, נשמה'ניו, איך בּעט דיך, עס דיר נישט אָב אַזוי דאָס האַרץ, האָבּ רחמנות אויף דיין געזונד! אומזיסטע קללות פערשווינדען מיט'ן רויך אויף פוסטע פעלדער, אויף וויסטע וועלדער. איך שווער דיר, שיינצעניו, דו זאָלסט אַזוי לעבּען, אַזוי געזונד זיין ווי איך האָבּ חרטה, ווי בּייז איך בּין אויף מיר אַליין, וואָס איך האָבּ דיר גאָר דערצעהלט אַזוינס. נו, בּעדאַרפסט דו נאָך אַ בּעסערן בּעוויז, ווי שטאַרק חרטה איך האָבּ? איך בּעט דיך, האַרץ=קרוין, טייערע נשמה מיינע, נעהם עס דיר נישט אַזוי שטאַרק צום האַרצען, שאַ, כ'לעבּען, בּערוהיג זיך אַ בּיסעל! ווען נישט מיר צוליעבּ, טהו=זשע עס, איך בּעט דיך, ציליעבּ דיר טאַקע, צוליעבּ דעם נפש דיינעם. אַ רחמנות, גיבּ אַכט אויף דיין געזונד!...

אַזוי האָט געזאָגט האָדיל, פערשנירענדיג די ליפּעלעך מיט אַ קול פון געבּעט ווי בּיי די תחינות, און זיך אויפגעהויבּען פונ'ם זעסיל, וואַרפענדיג הינטערוויליכם אַ אויג אויף אַ גרויסען, בּייכיגען בּוטעל מיט ווישניק, וואָס שטעהט פערדוקט אין אַ ווינקעל.

— ווייסט דו וואָס, שיינצעניו? מאַכט האָדיל: איך טראַכט, אַז

אַ צינד וואָלט דוקא דיר נישט געשאַדט נעהמען אַ קאַפּעלע ווישניק צו בּערוהיגען זיך.

— וואָס מיינסטו דו, איך וועל דיך טאַקע פאָלגען, ענטפערט די מוהמע שיינצע, סאָפּענדיג ווי אַ גאַנז. שיער גיט צושמעלצענדיג זיך פאַר פעטקייט: נאָר מיט דעם תנאי, אַז דו, האָדיל, זאָלסט מיר נישט אָבּזאָגען, אויך פערזוכען. זעהר גוטער ווישניק!

— אַך, פון דיין געזונד וועגען וויפיעל איך וועל קענען! לאָזט זיך האָדיל איינרייִדען און נעהמט זיך העלפען שיינצען אויפצוהייבּען דעם בּוטעל.

אוועקגעגאַנגען איז האָדיל, ווי מען זאָגט, „בּנילופין“, גאַנץ פרעהליך. דער מוהמע שיינצען האָבּען זיך צושפּיעלט די געבּליטען, די עדערלעך הייסט עס, נישט, חלילה, די „נערווען“, זי האָט זיך צוגעלעגט שלאָפען, פערגעסענדיג זיך און אַיידלען און נישט זעהענדיג זי אַפילו אין חלום.

אַיידעל איז אין אַ צייט אַרום אַרויס פונ'ם שפּיטאָל שטאַרק פערענדערט. שלאַף, צעבּראָכען, געל ווי וואַקס, אויסגעדאַרט, אויסגעטריקענט, די האָר אויסגעקראָכען, אין אַ אַלט, אָבּגעבּלאַקעוועט קליידעל, אין נישט האָבּענדיג קיין אָרט וואו דעם קאָפּ אַנידערצולעגען, איז זי בּלויז, הונגעריג, פערשמאַכט צוגעקומען אַוועקנד-צייט צו לוי בּחור'ס הויז. די מוהמע שיינצע האָט, דערזעהענדיג זי פונדערווייטענס, פערשפּאַרט פאַר איהר די טיר — און זי, נעבּעך, איז געבּליבּען געפּלעווט, נישט צו וויסען וואו די ערשטע צייט חאָפּש זיך אַהינצוטאָן, וואו די נאַכט אָיבּערצולעבּען.

די נאַכט יענע, איינע פון די שענע זומער-נעכט, ווי עס האָט אין אָנהויבּ אויסגעזעהן, אַ שוואַרץ-חנ'עוודיגע מיט אַ הימעל בּלויען שלייער און אַ שטערנטיכעל, שיינענדיג ווי בּריליאַנטען; אַ ליעבּליכע, אַ מילדע, אַ פריינדליכע, אונטערטראָגענדיג יעדען אונטער דער נאָז שמעקענדיגע ריחות פון גרינוואַרג, אַלערליי קרייטעכצער און לאָזענדיג הערען דעם עולם אַ אומזיסטיגען קאָנצערט פונ'ם סאָלאָוויי, דעם וועלט-בּעריהמטען זינגער; דאַכט זיך שען-פיין, אַ לעבּען גאָר אַ מחיה — פּלוצים איז זי, ווי אַזוינע וואָס קומט איהר אָן דער שגעון, עפּיס איינגאַנצען אָיבּערגעבּיטען געוואָרען! עס רוקט זיך אויף איהר אָן אַ שוואַרץ-פינסטערער וואָלקען, זי בּעקומט אַ פערחמורעט פּנים, אַ משונה-ווילדע געשטאַלט, אויס ליעבּליכקייט, אויס מילדקייט — זי איז קאַלט — איינז אויסגעלאָשען

מיט אַמאָל ווערען ביי איהר די ליכט, זי הויבט אָן שטאַרק קאַפּריזען, בלאָזען פון זיך, גאָר אַ שרעק. עס בלאָזט, עס שטורעמט, עס קעהרט די וועלט. גרעסער־גרעסער ווערט דאָס פינסטערניש, עס הײלט, עס סווישטשעט און עס שפּרינגעט, טאַנצען, דרעהענדיג זיך, עפּיס נאָר רוחות. פערשטומט ווערט דער סאָלאָוויי, ליעגט בעהאַלטען צווישען בלעטער פון צווייגען און דער עולם צולויפט זיך געשווינד אין די הייזער, גאַנץ זיכער ביי זיך, אַז היינטיגע נאַכט האָט ערגיץ אין וואַלד זיך אויפגעהאַנגען אַ מכשף.

אויף דעם אַנדערן טאָג אין דער־פריה האָט מען ביי לוי בחור אין גאָרטען געפונען איידלען הענגענדיג אויף אַ בוים...

וועמען איז עס אָבגעגאַנגען אזא נפש, משטיינס־געזאָגט, די איידיל, אַ שטיינער, אַז זי האָט זיך געהאַנגען?

— כן יאבדו!...

איז דען אַזעלכע ווערטה גאָר פון איהר צו ריידען, זי אויף דעם מויל צו ברײנגען? עס פערשטעהט זיך, אַז ניין, אַ שענע ריינע כפּרה!... אָנגעגאַנגען איז נאָר איהרע חבר'טעם, אַזעלכע נפשות, אזא סחורה ווי זי אַליין, משטיינס־געזאָגט. דער טאָג פון איידיל'ס טויט איז ביי זיי אַלע געווען אַ טרויער. איהר לעבען פון אָנהויב־אָן און דער וויסטער סוף איהרער האָט זיי געריהרט ביי דער לעבער, שטאַרק אָנצוהערעניש געגעבען, ווי ווייט אומגליקליך, ווי טיעף דערנידרינט זיי זענען — און זיי האָבען זיך שטאַרק פערטראַכט...

נישט מאַכענדיג קיין לאַנגע, גרויסע צערעמאָניעס, האָט מען איידלען, אַזוי ווי זי איז, אַריינגעוואָרפען אין אַ מיסט־וועגעלע, געפיהרט צום בית־עולם און זי בעגראָבען ווי אַ הונד אונטער דעם פּלויט דאָרט.

אויף דעם פרישען קבר איז געשטאַנען די טערקיניע און מאַלווינקאַ, אַראָבגעלאָזט די קעפּ, און ביטער געיאָמערט, געקלאָגט.

— ע־עך! — טהוט מאַלווינקאַ אַ זאָג, ווישענדיג זיך די אויגען און אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד: — פערפאַלען! פערבייס די ליפּען — און שאַ, שוועסטער!...

— אוי, עס קאָכט, זידט דאָס האַרץ, איבערפול מיט וועהטאָגען, זיין עס לויפען אויס, גיסען זיך אַליין הייסע ביטערע טרעהרען, — רופט זיך אָן די טערקיניע, אָנכאַפּענדיג זיך ביים האַרצען: — אַז־אַך־און־וועה צו אונזער לעבען, אַז־אַך־און־וועה צו אונזער טויט... אָט האָסט דו דיר

אונז דאָ אונטער דעם פּלויט און דאָרט, זעה נור, אוי־וועה, איבער דעם פּלויט!...

— איבער דעם פּלויט, זאָגסט דו, — מאַכט זיך מאַלווינקאַ כּלומר'שט נישט פערשטעהענדיג: — שפּינען־געוועב זעה איך דאָרט מיט הוילע הייטלעך פון פליגען.

— אָט דאָס, שוועסטער, ביסט דו, בין איך, זענען מיר אַלע, — מאַכט די טערקיניע, אָנשטעלענדיג אַ פּאָר רויטע פערשוואָלענע אויגען פון בלוטיגע טרעהרען: — יאָ, זעהר גלייך טאַקע געזאָגט: שפּינען־געוועב, שפּינען! די שפּינען אונזערע פערפּלאָנטען און נאָגען אונז געפאַנגענע אין דער נעץ, נאָגען, נאָגען ביז צולעצט, געהען זיך ווייטער זייער וועג, זוכען פרישע נייע קרבנות — און מיר אויסגענאָגטע פליגען הענגען, פוילען!... אוי, אַ צעוועצעניש! — צעחיינט זיך שטאַרק די טערקיניע, שלאָגענדיג זיך אין האַרצען — לאָמיך כאָטש אַ ביסעל זיך אויסריידען דאָס האַרץ. הערט אַ מעשה! יענע וואָס פּיינען, פערפיהרען, נאָגען, זיי זענען עס די פיינע לייט, און די געפּייניגטע, פערפיהרטע, אויסגענאָגטע זענען... דו ווייסט וואָס? אַ חרפּה, אַ שאַנדע צוזאָגען. יענע פיינע לייט, געהויכט, געהויבען אין דער וועלט, דאָרט אויף יענער זייט פּלויט, האָבען דעם אויבענאָן אויך אויפ'ן בית־עולם, דאָ אויף דער זייט פּלויט. זעה נאָר, זעה, וואָס פאַר אַ מצבות אויף זיי מיט קינות, קלאָג־לידער און לאַנגע שבחים! און איידיל, די גוטע, די טייערע איידיל. וואָס מען האָט איהר פערוויסט איהר וועלט, פערגיפט איהר לעבען — זי ליעגט דאָ בעגראָבען ווי אַ הונד אונטער'ן פּלויט! טאַטע־מאַמע, דער לעבעדיגער גאָט ווייסט, וואו זיי זענען ערגיץ, קענען אפילו נישט האָבען די האָפנונג זיך אַמאָל אויסצעחיינען אויף זייער טאָכטערס קבר... אוי, מיין אומגליקליכע איידיל, צו וואָס מענשען האָבען דיך געבראַכט... אוי, וואו ביזט דו, — אל מלא רחמים, גוטער, דערבאַרמדיגער גאָט?!...

— וואָס העלפט דאָס קלאָגען, וואָס העלפט דאָס וויינען, אַז ס'איז גאָר נישט צו מאַכען? שאַ, שוועסטער, שאַ, בעט מאַלווינקאַ די טערקיניע, זי זאָל נישט וויינען, און זיך אַליין צעוויינט.

— איך בין אויך געווען אַ קינד, אַ געליעבט, ציטערדיג קינד, צעגיסט זיך די טערקיניע אין אַ נייעם קוואַל טרעהרען: די מאַמע האָט גענוג מיה מיט מיר געהאַט פון מיין געבוירען־אָן. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז בין איך פאַר איהרע אויגען געוואַקסען און איטליכער טאָג

תאַקסען מינם האָט איהר אָבגעקאָסט געזונד. נעכטוויז האָט זי איבער מיר נישט געשלאָפען, נישט דערגעסען, נישט דערטרונקען ביז זי האָט דערלעבט נאָך אַ צייט יאָהרען צו זעהן איהר קינד אויסגעוואַקסען ווי אַ בליהענדיגע רויז; פלוצלים קומען מענשען צום גרייטען, מענשען אָהן הארץ, און האָבען אומברחמנות די רויז איהרע אויסגעריסען, צעטרעטען!... לאָמיך־זשע האָטש אצינד זיך דאָ אויסוויינען; לאָז אין דעם ראָזיגען פרישען קבר אַהין צו איהר פאַלען מיינע בלוטיגע טרעהרען, זי זאָל וויסען, אַז עס בעקלאָגט און בעוויינט זי איהר געטרייע, ווי זי אומגליקליכע שוועסטער.

דאָס זעקסטע קאַפּיטעל.

די דאָזיגע טערקיניע האָט תחילת, אינ׳ם אָנהויב פאַלען איהרס, געפיהלט, ווי די אַלע אומגליקליכע איהר גלייכען, אַז זי זינקט וואָס וויטער, וויטער אַלץ נידעריגער, נידעריגער אין טיעפען שמוץ. נאָר די זינד דאָס איז דער געוויסער שרעקליכער שלאַנג באָאַ גרויס און לאַנג ווי אַ באַלקען. און דער זינדיגער — דאָס איז, נעבעך, דער קרבן, וואָס ווערט צעטומעלט פון זיין בליק. אָנשטאָט צו אַנטלויפען, לאָזט ער זיך נאָך צו נעהנטער און גיט זיך איהם איבער, דעם משחית, גלייך אין מויל אריין. עס זעהט אויס, נאָר טאַקי ווי אַ כשוף ליעגט אין די אויגען פון דעם שטן, אָט דעם שרעקליכען שלאַנג. ווי באַלד אַ מענש נעהמט זיך אַראָב פונ׳ם גלייכען וועג, קומענדיג אין זיין גבול, ציהט דאָס איהם, שלעפּט דאָס איהם, ווי אַ שפּענדיל אין אַ שטאַרקען וואַסערווירבעל, ביז ער פערלירט דעם פערשטאַנד און פערקריכט אין שאול תחתיה אַריין. דער געפאַלענער בעדאַרף האָבען געגוג מוטה אין זיך אַליין און צוגלייך אויך הילף פון אַנדערע, זיך אַרויסצורייסען פון דעם ווילדען ווירבעל און צוריק שטעלען זיך אויף זיין שטאַנד. יענע גליקליכע, וואָס זענען קיינמאָל נישט געפּרובט געוואָרען אַריינצופאַלען דעם שטן אין די הענד, וואָס דער וועג זייערער אין דער וועלט איז אַ גליקליכער, נישט געליטען קיין שיפס־ברוך זעגלענדיג אין דעם שטורמישען ים פון לעבען, זיי טהאָרען זיך נישט איבערנעהמען מיט זייערע צדקות איבער די אומגליקליכע, וואָס דער פינסטערער מזל זייערער האָט זיי פאַרשלעפּט און אַריינגעוואָרפען אין אַ קאָכעדיגען טיעפען אָבגרונד; טהאָרען נישט, אויב זיי האָבען נאָר נאָט אין

הארצען, טייטען מיט אַ פינגער אויף זייערע פערפיהרטע ברידער און שוועסטער, בעליידיגען זיי, שענדען זיי, מיט אַ געשפּאָט פון רוהיגע אָבגעפיינטע מענשלעך. שילט נישט פאַראירטע און שטויסט ניט אָב פון אייך געפאַלענע, נאָר זוכט אויס אַ מיטעל און גיט אַ האַנד די זינדיגע אויסצוהעלפען זיי פון דער זינד,

פאַרשטעלט די זינד, וועט קיין זינדיגער נישט זיין מעהר. זייט איהר נישט אומשטאַנד צו העלפען און דער געפאַלענער בלייבט אַ פערבלאָנקענדיג שעפּעל אויף תמיד, צום ווענינגסטען לייגט אַרויף די הענד אייערע אויף דעם דאָזיגען קרבן און זייט זיך מתודה אויף די זינד פאַר אייך און פאַר כל ישראל!...

אמת געפיהלט האָט טאַקי תחילת די מערקיניע, אַז זי איז מיאוס אַריינגעפאַלען אין נעץ און נישט גוט צו בלייבען דאָ. נאָר זי האָט זיך פערפּלאָנטעט דערינען אַזוי, אַז זי האָט זיך קיין ריהר נישט געקענט טאָן. די נעץ-פערוואַרפער, נישקשה, האָבען זיך נעקלינגט צו איהר, פערדרעהענדיג זי, אַז זי זאָל שוין אייביג פון זייערע הענד ניט אַרויס. געוואָלט האָט זי אפילו ענטרונען צו ווערען. נאָר אויספיהרען איהר ווילען דערצו האָט איהר געפעהלט כח. גלייך ווי עס האָט זיך איבערגעריסען ביי איהר אין מח יענער טעלעגראַפישער דראָט, דורך וועלכע דער ווילען שיקט בעפעהלען צו די גלידער פונ'ם גוף, אַז זיי זאָלען טאָן זייער אַרבייט. נאָר אין דער ערשטער מינוט פון איהר פאַלען איז נאָך ביי איהר געווען אַ שטיקעל האָפענונג, טאָן עפּיס צו ראַטעווען זיך, אָבלעגענדיג עס אויף שפּעטער. דערווייל איז אַוועק אַ צייט. זי האָט אַלץ מעהר זיך פערפּוטעט. דער ווילען הויבט אָן שוואַך ווערען און זי וואָלט שוין טאַקי באַלד אינגאַנצען פערלאָרען דעם פערשטאַנד, פערפאַלען געוואָרען אויף אייביג, ווען עס זאָל נישט קומען איהר צו הילף אַ מעשה גאָר אומגעריכט — די מיתה משונה פון דער אָפּיצערקע האָט זי אָבגעמינטערט און אויפגעטרייסעלט איהר פער'חלש'טע נשמה. דער קול פון איידעלס בלוט האָט איהר געשריען פון דער ערד: רבונו של עולם! וואָס האָט מען מיך אומזיסט געפייניגט און פערקירצט מיינע יונגע יאָהרען; אוי, צו וואָס מענשען האָבען מיך נעבראַכט מיט זייערע רשעות... שטעה אויף, שטעה אויף, מיין שוועסטער! טהו זיך אַז אַ כח און ווער ענטרונגען פון די רשעים'ס הענד!

דער גלויבען אין גילגול, דאָס הייסט אַז דעם מענשענס נשמה ווערט מגולגל נאָכ'ן טוידט אין איינע פון די בעשעפענישען, איז דאָך אין פלוג נאַריש, נישט צו פערשטעהן מיט'ן שכל, נאָר אַז מען זאָל עס גוט בעטראַכטען, קומט אויס, אַז עס איז גאָר נישט אַזוי נאַריש. און אַ שטיק אמת ליעגט אין דערינען. מיט וואָס דען אַנדערש קען אונז ערקלערט ווערען אָט יענץ קול, אַ שטייגער, וואָס קלינגט תמיד דער טערקיניע אין די אויערען וועקענדיג זי אָהן אַ אויפהער? און יענע געשטאַלט, די געשטאַלט פון איידלען, וואָס מאָלט זיך איהר אין קאָפּ און שטעהט פאַר די אויגען תמיד סיי אין שלאָף, סיי אויפ'ן וואָהר? מיט וואָס קען אונז אויך ערקלערט ווערען דער גייסט, וועלכער קלאַפּט אין איהר האַרץ, מוסר'ט זי, לערענט זי גוט און פרום זיין און צווינגט זי ענטרונען צו ווערען, און אַרויפשלאָגען זיך אויף אַ גלייכען וועג?...

איידעל, דאָס איז זי ביי איהר אין האַרצען, אין קאָפּ און אין אַלע גלידער. דער גייסט פון איידעל — דאָס אָטהעמט זי ביי איהר, דאָס איז איהר נשמה; איהרע גוטע מדות שטעהען איהר פאַר אַ ביישפּיעל און בעלייכטען איהר וועג; נאָר דורך איידלען בעקומט זי מוטה און דער אָבגעשלאַפּטער ווילען ווערט פרישער און שטאַרקער. איידעלס קול שרייט אין איהר מיט כח: שטעה אויף, שטעה אויף, מיין שוועסטער, שטאַרק זיך און ווער ענטרונען פון די רשעים'ס הענד!

די טערקיניע נעהמט אויף זיך צו טאָן ווי ווייט זי קען, אַרויסצוכאַפּען זיך פון דער נעץ.

און ווי זי טראַכט דאָ אַזוי, צוגעפינען אַ אויסוועג, ערשט נאָך אַ נפש פאַלט אַריין, צאַפּעלט זיך נעבען איהר אין דער דאָזיגער נעץ — דאָס איז ביילע, אַ יונג קינד, נעבעך. דערזעהענדיג זי, פאַלט איהר אַרויס אַ שטיק האַרץ אויף דער אומגליקליכער און פון יענער צייט אָן האָט זי ליעב בעקומען ביילען זעהר שטאַרק. ניאַנטשעט זיך מיט איהר, ווי אַ עלטערע טאָכטער מיט דעם קלענערען שוועסטעריל אַ אומגליקליכע יתומה'לע ווי זי, און זוכט מיטעל, זיך צו בעפרייען און אויך ביילען, נעבעך. אַזוינס איז אָבער נישט מעגליך סיידען אַז ביילע זאָל זיך געפינען דאָ מיט איהר אינאיינעם ביי לוי בחור אין הויז. אָבער וואָס וועט זיין, אַז ביילע וועט

זי אַ לעבעדיגע סחורה פערהאַנדעלט ווערען ערגיץ אין די ווייטע ערטער. וועט זי דאָך איביג איהר מעהר נישט זעהן. אָט דאָס האָט איהר זעהר פעראוטערט דאָס לעבען. און זי האָט אָנגעהויבען צוצוקוקען זיך צו לוי'ן, װאָס טראַכט ער טאָן מיט איהר ליעבהאָרציגע בײלע.

דאס זיבעטע קאַפּיטעל.

„וואוהין קען ער עס זיך אַזוי יאָגען הענדום-פענדום — און נאָך אַזוי פריה? ס'איז עפּיס נישט גלאַט!“

אַזוי האָט געטראַכט רפאל, ארויסקוקענדיג פונ'ם אָפענעם פענסטער ביי זיך אין פאָדער-חדר אויף דער גאַס און זעהענדיג שטאַרק פערוואונדערט, ווי הערשעלע יאָגט זיך דאָרט האַסטיג, גאָר אין איין אָטהעם. ער מאַכט נישט לאַנג שיהות, טהוט זיך באַלד אָן און לאָזט זיך געהן, געוואָהר צו ווערען, וואָס בעטייט עס עפּיס אַזוינס זיין יאָגעניש דאָרט.

פון איביג-אָן איז שוין אַזוי אין גלופּסק געשטעלט: לאָז נאָר איינער דאָרט זיך ריהרען, ריהרט זיך מיט איהם, כסדר איינער נאָך דעם אַנדערען, אַ גאַנצע עדה יודען. איין יודען פאַר זיך אַליין איז זעלטען צו בעקומען. יודען געהען דאָרט אויפ'ן צעהנדלינג, מנינים-וויז אינאיינעם. נישט וויל דאָס איז אַ וואָלװעלע סחורה, ווי אוגערקעס, אָדער רעטיבלעך, אַ שטײגער, וואָס צעהען שטיק פאַר אַ גראָשען; נאָר פּשוט דעריבער, ווייל יודישע נשמות קלעבען איינע אין דער אַנדערער, ווי הערינג צונויפגעשטיקט אין אַ פּעס'ל פעסט, שווער זיך אָבצורייסען. טהוט עפּיס וואָס-סאיז איינער, טראָגט עס אונטער באַלד דעם אַנדערען. קיים עפענט עמיצער דאָס מויל צום ריידען, פערחאַפּט זיך און שלאָגט איהם איבער יענער. וויל טאָן אַ טריט גרונם, פּלאָנטעט זיך איהם פאַר די פיס גימפּעל, און לאָז אין אַ ווינקעלע ערגיץ זיך בעהאַלטען בעריל, וואַקסט דאָרט ווי פון דער ערד איים יענקיל-שבעריל...

אַז רפאל האָט זיך דאָ געלאָזט גאַנץ פריה געהן אויף דער גאַס,

זענען איהם שוין פערלויפען דעם וועג פאַרשווינדלעך, יאָגענדיג עפּיס גאָר אָהן אַ נשמה, נאָך נישט רעכט אָנגעטאָן. איינער אין שטעקשיכעלעך, אָהן זאָקען, שטופּט-שטופּט לויפענדיג די האַנד אין דעם, מעשה-שטן, אַ ביסעל פערדרעהטען אַרבעל פון דער קאַפּאָטע; דער צווייטער האָט אין אײַלעניש צו טאָן מיט די קנעפּלעך פון די פּלודערען, מחילה, וואָס ווילען, אויף-צו-להכעיס, נישט זיין צוגעשפּילעט; דער דריטער, נישט צו פערגינען זיך איין מינוט צייט אויף אָבצושטעלען זיך, האַלט צווישען די פינגער די נאָז גרייט, ביי דער ערשטער געלעגנהייט זי אויסצושנייצען, און דער פערטער פערטשעפּעט זיך לויפענדיג אין איהם-אַקעגענלויפענדיגען יודען — און ביידע פאַלען, ציהען זיך, נעבעך, אויס.

גלופּסק ריהרט זיך!...

— רב יוד, רב יוד! וואָס איז אַזוינס אויף אייך דאָס לויפעניש? שרייט פונדערווייטענס אַ יוד און לאָזט זיך טאַקע אויך לויפען

— רב יוד, זייט-זשע מוחל!... וואָס יאָגט איהר, וואוהין יאָגט איהר? רב יוד, אַ, רב יוד! שרייט צו דעם, צו יענעם אויך רפאל, וואָס ווערט שוין טאַקע גוט אומרוהיג.

שריי "חי וקים", נישטאָ קיין ענטפער. יודען האָבען נישט קיין צייט!... מען ווייזט איהם נאָר אַלץ מיט די הענד, ווינקענדיג: אַהין, אַהין צום געסיל. איינער נאָר, אַ געזעצטער מענש, ענטפערט קורץ און שאַרף:

— יודען לויפען, לויף איך אויך!...

ביים אַריינגאַנג אין געסיל שלאָגט זיך רפאל אָן אין עפּיס אַ קורצזיכטיגע, געקנייטשטע יודענע. זי ברעכט די הענד און טענה'ט אַליין צו זיך, צושאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ, אויף אַ וויינענדיג-זינגענדיג קול, ווי מען בעוויינט אַ טויטען:

— וועה איז מיר, ווינד איז מיר!... אַ גרויסער וועהטאָג, אוי, האָט אונז געטראָפען... ווינד איז מיר, וועה איז מיר!

— האַ, וואָס איז?! פרעגט רפאל אויסער זיך פאַר שרעק: וואָס געטראָפען? וועמען, זאָגט, וועמען געטראָפען?...

— איך ווייס?... עפּיס לויפט מען... טהוט זיך אַ חאַפּ די יודענע, אויפשטעלענדיג אַ פּאָר אויגען, אַ מאַך-געבענדיג מיט די אַקסלען, און נעהט זיך ווייטער איהר וועג.

דאָס געסיל איז בעלעבט. יודען אין טלית-קטן'ס, אָהן קאַפּאָטעס,

אין יאַרמולקעס מיט פערערען, האַלב פערשלאָפען, נאָך נישט "פאַרטיגע", שטעהען ביי זיך אין די טירען, די קעפּ מיט שפּיצעכדיגע בערדלעך פעררייסען, איין האַנד איבער די אויגען, און קוקען, קוקען. פון די פענסטער אויף ביידע זייטען גאַס שטעקען אַרויס חייבערשע קעפּלעך, אויסגעפּריעטע פנים'לעך, ערשט פון אונטער די וואַרימע איבערבעטען, און שרייען זיך איבער' צווישען זיך, האָרחלענדיג פון אַ צוגעלעגערטער ברוסט. אַ עילם יודען, אָהן עין-הרע, דרעהט זיך, די אַהין, יענע שוין צוריק. ס'איז אַ גערײדערײ, אַ האַנדמאַכערײ, אַ געווערטלערײ, אַ ווערטעלזאָגערײ, איטליכער קומט מיט זיינס:

— שכורים האָבען זיך געבוצקעט!... געפלויגען פעטש... ווי שמחת תורה צו די הקפות.

— וואו גענעצט?... וואו, זאָגט איהר, האָט גענעצט?... וואָסזשע שווייגט דער געוואַלד-גלאָק?

— אַ בייטעל-שניידער האָט גע'לקח'נט!... אוי, האָט ער געלייזט, אויף אַ סך קרעמער געזאָגט געוואָרען!...

— שענע מחותנים, קבצנים!... גענוג אויסגעפיהרט אייך, קבצנים, איבער אַלע גאַסען, פאַר אַ האַרטען דרייער, "שבת"! שרייען דאָרט, אין-דער-מיט וועג אָבשטעלענדיג זיך, די כלי-זמר.

— אוי, כאַפּט מען איהם, דעם שענעם בחור'ל, דאָרט אַ לויה, אַ גוטע, נישקשה!... די מלאכי-חבלה זענען שוין געקומען.

פון די אַלע זאָגענישען האָט רפאל אַרויסגענומען, אַז דאָ מוז זיין אַ צרה, נישט אַנדערש, אַז הערשעלע איז עפּיס אין איין אומגליק — און ער האָט זיך אַ לאָז געגעבען מיט אימפּעט אַהין צו יענעם עק געסיל, וואו ס'איז געווען דאָס רעכטע געטימעל — אַ געזעמעל מענשען. ער שטופּט זיך דורך צווישען דעם עולם, פליהט אַריין אין-דער-מיט רעדעל ווי אַ באָמבע — און עס קומט איהם צו די אויגען אַ מיאוס'ע מעשה!

הערשעלע, צו'הרג'עט, צושלאָגען, מיט אַ ביל אויפ'ן שטערען, האַלט זיך פעסט מיט ביידע הענד אין אַ יודענע ביי די פּאָלעס, און אַ פּאָליציימאַן האַלט איהם ביי'ם קאָלנער, דערלאַנגענדיג איהם הינטערווייליכם אין קאַרק. הערשעלע טענה'ט, בעט, שווערט זיך אויף אַ ביטער געוויין, און די יודענע — יענע, די מחותנת'טע, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג זיך געהעצקעט דאָרט אויף דער גאַס — פלוכט איהם, שילט מיט אַ פּיסק אויף שרויפען, וואַרפענדיג די הענד אין אַלע זייטען.

— וואָס הייסט עס, האַ?! מאַכט שטאַרק צוקאָכט רפאל, אַ שטעלנדיקנדיג זיך הערשעלען גלייך אַקעגען.

— אַי, רב רפאל! — טהוט הערשעלע אַ געשריי נישט מיט זיין קול, און אַ נייער קוואַל טרעהרען לאָזט זיך איהם פון די אויגען: טהוט אַ מצוה!... געוואַלד, לאָז זי זאָגען... זאָגען!

— וואָס הערט איהם, דעם גנב! צולאָזט זיך אויף אַ קוויטשיג קול'כעל די יודענע, ווענדענדיג זיך דאָ צו רפאל'ן, דאָ צום פּאָליציימאַן, דאָ צום עולם און מאָהלט אויסגעמישט האַלב יודיש, האַלב גוי'איש, ווי עס קומט אויס צום עסק: חאָראָבי יעמו, רבונו של עולם! איז קעשינאַ אַרויסגעשלעפּט ביי מיר האָט פון דער קעשענע ער!... ניחיי, טאַטע-פאָטער, יעמו מכה טאַקיי באַהאַטשקי ווי דאָס ביטעלע איז... יאַ בידנע קאָביטע, וועה איז מיר!... וואָס שוויגסט דו, בהמה!? — טרייבט זי אונטער מיט אַ בייזער דעם מאַן, וואָס שטעהט איהר ביי דער זייט, אַ זעץ-געבענדיג איהם מיט דעם איילענבויגען, ער זאָל ריידען — טשוּועטע, ניחיי טען צשעלאָוויצשע קאַזשע. — רייד, הונד! אַ רוח דיר אין טאַטען, דבר איהם, דעם ערל, צי טי ני באַטשילי, בהמה, יאַק ווין, דער דאָזיגער שייגעץ,.

— וואָס זאָגט איהר, איך בעט אַייך, צו זיין טאַטען? מאַכט אויף איהר שטייגער ריידען רייזע, אַריינשטופּענדיג זיך אין דער מיט עולם מיט אַ קויש שפּייז, ערשט אַיינגעקויפט אויפ'ן מאַרק: אַ שען בחור'ל, כ'לעבען!... העז אַ ביסעל אַזעלכע עסקים, האַ!

— יאַק ווין, אָט דער שייגעץ, חאַפּאַל דאָס ביטעלע, לאָזט אויס אויף אַ משונה-שטאַרקען קוויטש די יודענע, עדות'דיגען זיך מיט דעם מאַן, און בשעת-מעשה געבענדיג איהם הינטערוויליכס טאַקע אַ גוטען קניפּ.

— אוי, דערבאַרמט אַייך! קייכט הערשעלע, וויזענדיג רייזען מיט אַ געבעט אויף דער יודענע: דאָס טראַכט זי אויף מיר אויס בביון... איך האָב זי דערקענט, אָנווייזען לאָז זי, דאָס ווילל איך נאָר, אָנווייזען, וואוהין פערפיהרט האָט זי יענע... יענע!

— איך זאָל עס אָנהויבען צו פערשטעהן! זאָגט רפאל, אַ מאַך-געבענדיג מיט די אַקסלען פערוואונדערט.

- אָט יענע, רייזעניו!... איהר געדענקט, יענע, וואָס אַמאָל... האָט איבערגעלאָזט ביי אַייך די זאַכען! געדענקט איהר?

— אוי, אַ דונער האָט מיך נישט געטראָפען! מאַכט רייזע, פערשטעהט.

יינ מיט דעם קאָפּ: איך שטייס מיך שוין, אהאַ! איך פערשטעה, פערשטעה. אַצינד איז שוין רעכט — דאָס איז דאָך האָדיל, די גוטע האָדיל!... פרעגט נישט, רב רפאל, ס'איז רעכט. איהר וועט שוין שפּעטער אַ ביסעל ווּיסען. זעהט אָקאָרשט, לאָז מען זי נאָר אָבפיהרען אַהינצו, אין דער פּאָליציע.

— אין דער פּאָליציע לאָז מען זי נעהמען, איי פּאָליציע! לאָזען זיך הערען קולות פונ'ם עולם.

— אַ יושר אַ ביסעל פון יודען! טאַקע נאָר ווי סדום, מאָהלט זיך אין איין אָטהעם די יודענע אויף אַלע כלים: קאָלי יאַ ברעשע, אַ רבונו של עולם, ניחיי מעני יאַזיק סאָחנע! וואָס איז, אַ צוינג בין איך דען, נישט קיין יודישע טאָכטער, וואָס איך זאָל ליגען, בילען?... לאָז אָט זאָגען עדות — מענדיק, אַ קרענק דיר, שונאים, אין די ביינער, וואָס שוויגסט דו? דבר איהם, בהמה! — טשויעטע פּאַני! יאַ סעבי אירע, געה איך מיר, יאַק, ווי זאָגט מען עפּיס, יאַק מהותנת'טע... יאַ ראָבילאַ דאָטשקע מאָיע וועסילאַ. ווינשויעטע מעני מזל-טוב. נאַטי וואָס לעקיך,... מענדיע, אידע טאָזשע. מוזיקאַ איגראַיע, מחיה. טים נישאַסאָם פּיס פרינעס אָט צע פּיינעם בחור...

— העז אַ ביסעל אַ מאָהלען! — פאַלט רייזע אַריין האָדלען אין די רייד — וואָס זאָגט איהר, איך בעט אַייך, צו איהר טאַטען? מען קען זי, נעבעך, גאָר ניט, ווער זי איז!

דער פּאָליציימאַן האָט געזעהן, אַז ער האָט דאָ אַ עסק מיט צוויי צדדים, איז ער געבליבען שטעהן, קוקענדיג אָהן ווערטער צו דעם, צו יענעם, און געוואַרט.

— זייט איהם מטמא! הערט זיך אַ קול פון צווישען דעם עולם.

רפאל האָט געטאָן וואָס מען בעדאַרף... און באַלד טאַקע האָט מען די פּיינע מהותנים אינאיינעם מיט הערשעלען אָבגעפיהרט אין דער פּאָליציע.

צוויי מאָל איז שוין האָדיל'ס עלטסטע טאָכטער, ציפּע, געווען אַ כלה, און ביידע חתנים, איינער נאָך דעם אַנדערען, האָבען אָבגעשיקט די תנאים, ווייל זי, האָדיל הייסט עס, האָט, נעבעך, נישט געקענט סילוק'ן דעם נדן, וואָס זי האָט צוגעזאָגט. דער איצטיגער דריטער חתן האָט זיך אויך אַיינגעשפּאַרט, נישט אַנדערש מען זאָל אָבגעבען דעם נדן, קלינגען און קלאַפּען ער פּרוטה אחרונה. ער האָט נישט געוואָלט

בעשטעהן אויף קיין שום בעוואָהרענישען אין דער וועלט — נישט אויף א וועקסעל, נישט אויך אפילו אויף א „שטר חצי זכר", אז איבער הונ-דערט יאָהר נאָך איהר טויט זאָל ער נעהמען ירושה די העלפט ווי א זכר. ניין, האָט ער געזאָגט, א ווייב מיט א חצי-זכר טויג ניט, נאָר — אינגאַנצען דאָס, וואָס מען האָט צוגעזאָגט.

האָט, נעבעך, די צדקת, האָדיל, גרויס צער געהאַט. אַז אַך און וועה צו איהרע יאָהר, אַט קען דער דריטער חתן אויך אָבלאָזען דעם שידוך, קען דאָך די טאָכטער איהרע בלייבען זיצען א מויד ביז אין גרויען צאָפּ אַריין! פֿאַר גרויסע יסורים פלעגט זי איהר שוועהר פּיטער געמיטה אויסלאָזען צו דעם מאַן איהרען, צו מענדיע'ס קאָפּ, נעבעך, אַז ער, נאָר ער טאָקע איז שולדיג, אַזאַ בהמה, אַזאַ שוטה, אַזאַ לעקיש! זי האָט זיך נישט געקאַרגט אָבשטעקען איהם אַמאָל א פּאַטש אויך — און ער, לאָז איהם עס צו קיין גנאי נישט זיין, פלעגט אָננעהמען אַלסדינג פֿאַר ליעב, אָנבויגענדיג דעם קאָפּ, שאַ, קיטש... זי האָט נישט גע-לעגט קיין כבוד אַמאָל אויך אויף דעם רבונו של עולם, אַלץ אויפ-וואַרפענדיג איהם, אַז ער פיהרט דאָס וועלטיל זיינס, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, נישט מיט יושר: ער איז מיט דעם רייכען, מיט דעם זאַטען, מיט דעם שטאַרקען. דער רייכער האָט די וועלט און יענע וועלט, און דער שטאַרקער איז פון אויבען. געלד געהט צו געלד, און דעם אָרימאַן געהט עס שלים-מזל...

אַט דענסטמאָל, אין א בייזער שעה, בשעת די מעשה מיט דעם חתן, האָט זיך האָדיל שטאַרק פֿערעסען, זיך אָנגעטאָן אין גזלן, נאָר עפּיס טאָקע א חיה-רעה בשעת איהרע קינדער דאַרבען, און זיך גע-לאָזט אויף געזעג מיט אַלע כלים, זוכען תי וויט מעגליך איהר „גע-פענגעניש".

און דאָס מזל האָט איהר גראָד געשפּיעלט — זי האָט געפונען געפענגעניש! צוויי מיידלעך מיט אַמאָל, ערשט וואָס אָנגעקומענע, שעני, בשר'ע, נאָר די נשמה שולדיגע, האָט זי מיט איהרע פֿאַלשע גע-פערשלייערט, אין איין חודש, פֿאַר צוויי פֿאַרשווינען פֿון דער גוטער חברה, וואָס האַנדל'ען מיט לעבעדיגער סחורה. די שענע לייט זיינען מיט דער דאָזיגער סחורה בשלד אַריבער די גרעניץ, און זי האָט געחאַפּט שדכנות-געלד טאָקע א גראָב שטיקעל. ס'איז דאָ נאָך א פּוחר, איהרער א גוטער ברודער, וועלכען זי רעדט א שידוך מיט ביילען, ער זאָל זי אָבקריפּען אויף אוועקצופיהרען פֿון לוי'ן. די זאַך הענגט נאָך לעת-עתה,

נישט אינגאַנצען אָבגעמאַכט, נאָר ס'איז אַ האָפֿנונג, אַז עס וועט, אם-ירצה-השם, געהן — און זי וועט, נישקשה, אָבלעקען א פעט ביינדעל.

האָדיל האָט אויפגעהויבען די אויגען מיט א לויב און א דאַנק צו זיין ליעבען נאָמען, ברוך הוא וברוך שמו, פֿאַר די גרויסע נסים און גנאָד זיינע, וואָס ער האָט בעשיינפערליך געטאָן טאָן איהר און איהר טאָכטער. זי האָט גע'סילוק'ט דעם נדן, געמאַכט דער כלה, נישט פֿער-זינדיגען, א שענע גאַרדעראָבע, זיך אַ נייע יופּע און מענדיען אַ נייע קאַ-פּאָטע, און זוכה געווען פיהרען מיט דער קעסעל-פּויק ציפען אונטער דער חופּה. לוי בחור מיט דער מוהמע שיינצע האָבען גענומען-אונטער-פיהרעניש, און מען האָט געטאַנצט, געלעבט די גאַנצע נאַכט.

און גאַנץ פריה איז האָדיל די מעקלערין אינאיינעם מיט דעם מאַן העצקענדיג זיך געגאַנגען מיט אַ מאַרש איבער די גאַסען. ווען הערשעלע זאָל נישט געווען גראָד זי דערקענען און אָנחאַפּען מיט אַ געשריי בײַ די פּאָלעס, וואָלט גלופּסק פערשלאָפען די גרויסע שמחה און זיך נישט צונויפגעלאָפען אָבגעבען כבוד אַזאַ טייערע מחותנת'טע — איינע כּהן איהרע פיינע פאַרשוינע...

דאָס אַכטע קאַפּיטעל.

אַ טיעפע פינסטערע גרוב, בעהיט זאָל מען ווערען, איז געוועזען לוי בחור'ס קעלער. יענע ווילדע עקשנ'טעס מיט זייערע מיאוס'ע קליינשטעדטילדיגע געננ, ווי בושה, אַ שטייגער, טרייבען פון זיך, נישט לאָזען יענעם זיין אַ צו־נאָהענטער שמעלקע — זיי אַז פלעגען אַריין אַהין, האָט די נשמה זייערע זיך אויסגעלייטערט, זענען געוואָרען, נישקשה, בעסער, ווייכער, צוגעלאָזטער און אַרויס פון דאָרט פאַרטיגע מענשען. אַ קעלער איז דאָס געוועזען נאָר אַ גיהנום, און דער מלאך־חבלה פול־און־פול מיט אויגען איז אַהונד אַקעגען לוי בחור מיט זיין בלינד אויגעל. אין איהם זענען געלעגען טויזענד רוחות, און דאָס בלינדע אויגעל, וואַרפענדיג זיך, האָט אָנגעמאַכט אַ פאָרכט עפּיס נאָר ווי אַ מת, אַרומדרעהענדיג זיך אויפ'ן עולם־התהו. אויף גאָט'ס וועלטיל דרעהען זיך פיעל אַ זעלכע אַרום אין מענשליכע געשטאַלטען, עסען־פרעסען צוזעצטערהייט, טרינקען, פרוכפּערען זיך — דאַכט זיך מענשען. און באמת זענען זיי נאָר טייפעל. דאָס זענען דער נידריגסטער סאָרט, פון אונטער דער ערד בגנבה אַנטלאָפענע טייפעל, געקומען אהער בלענדזען, מאַכען די שפּיעל, אָנטאָן צרות מענשען און ס'איז זייערער נישט פטור צו ווערען. נישט אויסצורויכערן זיי נישט מיט קיין ווייהרויך, אויך נישט מיט קיין טינט, וואָס דער שטן אפילו מיט זיין גאַנצער כנופיא האָבען דערפאַר אַזוי שטאַרק מורא. די גיהנום־פּאָליציי יאָגט זיך נישט אַזוי נאָך די דאָזיגע דעזערטירען, דער רוח וויל זיי נישט נעהמען, צוריק אין דער־ערד אַריין, צו אַלדי שוואַרצע־יאָהר! אַדרבה זיי זאָגען ברוך שפּטרנו — טפו זאָלען זיי ווערען, אָט די שמוציגע מיאוס־פערדאָרבענע רוחות!...

דעריבער, דערהערענדיג נאָר פון דער מוהמע שיינצען לוי'ס נאָמען אַז ער וועט זי אַריינוואַרפען אין קעלער, איז ביילע פערציטערט געוואָרען' און געבליבען טויט מיט אַלע אברים.

שווערע מינוטען האָט איבערגעלעבט ביילע, ליגענדיג אין איינע שרעק אויף דער קאַנאַפּע ביי זיך אין חדר. איהר ביטערע לאַנגע דעינסטמאָל האָט אויסגעזעהן ווי די לאַנגע פון אַ מת ערשט אין דעם פרישען קבר, וואָס אָט באַלד בעדאַרף זיך, כפי יענע דאָרט שרייבען, צו איהם ענטפּלעקען דער משונה־ווילדער מלאך־הדומה און דערלאַנגען איהם אַ פלעם מיט פייערדיגע אײַזערנע ריטער. דאָס אָבער איז נישט מעהר טאַקי נאָר ווי אַ משל, און באמת איז ביילען געווען צו מוט נאָך פיעל ערגער, נאָר קיין פערגלייך, ווייל אַ מת איז דאָך מחויב צו ליידען, וואָרום דערויף איז ער דאָך געשטאָרבען, אַז ווערים זאָלען איהם עסען זיין לייב, און יענער מחבל איז דאָך דערויף געשטעלט געוואָרען, אַז ער זאָל קאַטעווען, נעהמען איהם אין די הענד אַריין. זי אָבער, ביילע, אַ לעבעדיג בעשעפעניש, איז דאָך נישט מחויב זיך צו לאָזען לעבעדיגערהייד פייניגען. זי פערשטעהט גאָר ניט, וואָס מען וויל פון איהר האָבען. וואָס פאַר אַ רעכט האָבען דאָ „ווערים" עפּיס אויף איהר לייב־און־לעבען — יענע מיני ווערים, וואָס האָבען ביז אַצינד כון איהר לעבען כלל נישט געוואוכט, נישט געפיהלט דעם צער פון דער מאַטעם טראָגען, איהר בויכוועהטאָג ביים האָבען זי, איהר האַרצוועהטאָג ביים דערציהען זי, איהרע יסורים, קאָפּדאַרעניש, גריזאָטע, אָבקומעניש ביז דאָס קינד האָט געפּאָקט, געמאָזעלט, אויסגעשטאַנען אַלע קינדערשע קרענק און זיך געשטעלט אויף די פיס. פאַר זיי איז זי דאָך גלייך ביים ערשטען מאָל, דערזעהענדיג זי, געווען אַ גרויסע, אַ פאַרטיגע, אַ שענע, אַ ליעבליכע, ווי פון דער העלער הויט פּלוצלים אַזוי אויסגעוואַקסען. אַ בוים פלאַנצט אַ מענש ביי זיך אין גאָרטען, אַרבעט, שפּאָרט נישט קיין מיה, גיט זיך דערמיט אָב אַ צייט מיט יאָהרען ביז ער דערלעבט זעהן אַ פאַרטיגע פרוכט, — קומט איינער צום גרייטען, דער רוח ווייסט פון וואַנען, און רייסט די פרוכט אָב:... ווי מען האָט עס אַ האַרץ צו רויבען ביי עלטערן אַ קינד, דאָס טייערסטע, דאָס בעסטע, וואָס קאָסט אַזוי פיעל מיה און געזונד; צו פערביטערן זיסע געפיהלען, אויסצולעשען ליכטיגע האָפנונגען; צו פערדאַרבען אַ לעבען, צו פערוויסטען אַ ריינע אומשולדיגע נשמה! און ווער! — יודען:...

אין איינע שרעק ליגט ביילע. פון די מינדסטען שאָרך ערגיץ

פּיאַכקעט איהר דאָס האַרץ, זי ציטערט, פלאַטערט—אָט־אָט קומט דער מלאך־חבלה איהרער, אָנצוטאָן איהר גרויסע, שרעקליכע יסורים.

עס הערען זיך טריט, עס עפענט זיך די טיר — און אַ קאַלטע' ציטערענדיגע האַנד לעגט זיך בּיילע [פון הינטען אויף די נאַקעטען אַקסלען. אַ פראָסט לויפט איהר איבער דעם גאַנצען לייב, זי טהוט זיך געשווינד אַ זעץ־אויף, שטאַרק דערשראָקען. מיט אויגע ווי אַ דולע.

וואָס, קאַצעניו, האָסט־דו עס זיך אַזוי דערשראָקען? — האַ, וואָס נישט דערקענט?

בּיילע קוקט שטאַרק צוטראָגען און זעהט פאַר זיך דעם „חתן”.

יענער פאַרשוין, וואָס מען האָט איהם אַלץ פאָרגעשטעלט בּיילען ווי אַ חתן, איז געווען אַ גוט שטיקעל סחורה. דאָס פּנים זיינס מיט די רויטע בּעקעלעך, די דיקע ליפען, די פליישיגע נאָז מיט גרויסע נעזלעבער און דערצו דאָס קיילעכדיגע בּייכעל, האָבען געזאָגט, אַז ער איז אַ אָפּגעפיינט מענשיל, האָט ליעב זיך צו־צולאָזען תּענוג — ער איז איינער פון יענעם סאָרט פיינע־בּריות, וואָס אַ כפּרה בּיי זיי די גאַנצע וועלט פאַר זייער נפש'ל. מענשען געהערען זיך מיט זיי נאָר אויף אַזוי פיעל אָן, אויף וויפיעל עס קומט אַרויס, אָדער עס קען אַרויסקומען פון זיי זיך אַ נוצען אָדער עפּיס אַ פערגניגען, יענער מעג דערבּיי שרעקליך ליידען, אָבּגעהן מיט שוויים, נישט דערעסען, נישט דערשלאָפען, עס מעג איהם קאָסטען כּבוד, געזונד און לעבּען. קיים איז די זאַך אָבּגעטאָן, וואַרפט מען יענעם אַוועק ווי אַלטע אָבּגעדיענטע שטיוועל. יענעמ'ס ליידען בּשעת מעשה, ווען ער מאַכט זיי דאָס פערגניגען, ריהרט זיי נישט אויף קיין האָר, פּונקט ווי דאָס ליידען פון פריש־צאַפּעלדיגע פיש אונטער דעם מעסער: אַדרבּה, לאָז זיך עס צאַפּלען, לאָז זיך עס שליידערן, וואַרפען, אָט דרינען ערשט איז טאַקע דאָס גאַנצע פערגניגען. אַ שענער נאָמען, געלערענטקייט, גרייז־גרויע האָר איז אַקעגען זיי קיין בּעשיצונג נישט. דעם קליגסטען, אָנגעזעהנסטען מענשען מאַכען זיי וואָכעדיג, ער פערנעהמט בּיי זיי נישט קיין אָרט, גלייך ווי ער איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. נישטאָ בּיי זיי קיין הייליגקייט, קיין אַכטונג צו קיינעם, קיין געפיהל, קיין בּאַרמהאַרציגקייט. אין יענעמ'ס צרות און וועהטאָגען זעהען זיי דאָס נאַר, וואָס קומט פאַר עפּיס אַ בּיסעל משונה, וואָס קיצעלט צום לאַכען. פאַלט עמיצער, אַ שטייגער,

בּרעכענדיג האַלז און געניק, קייכען זיי פאַר געלעכטער, ווי שעך ער האָט זיך עס צולעגט! וויינט איינע עפּיס אַ בּעטריבּטע, אַ פאַראומערטע, האָבּען זיי הנאָה צוקוקען זיך, ווי עס פערפאַרבּען זיך איהר די בּעקעלעך, מאַכענדיג דערבּיי: אַך, ווי שען זי איז, די טרעהרען גיבּען איהר צו דעם זיבּעטען חן! עס מאַכט זיי פערגניגען, ווען איינער דראַפּעט זיך אויף די גלייכע וועגד, קלעטערט, דרעהט זיך אויף אַ שטריק פאַר דעם שטיקעל זינדיגען בּרויט; ווען אַ אָרעמינקער; נעבּעך, לויפט אונטערשפּרינגענדיג מיט די בּאָרוויסע פיס, ווינטער אין אַ בּרענענדיגע פראָסט! ווען צעהן אָרימע־לייט שלאָגען זיך ווי די הינד איבּער אַ בּיין, וואָס מען טהוט זיי אַ וואָרף. — דאָס זענען מיני בּעשעפענישען, וועלכע דער רבונו של עולם, דער גרויסער מייסטער, האָט זיי אויף אַ ווילע אַוועקגעלעגט פון דער האַנד, נאָך נישט פאַרטיג געמאַכט זיי איננאַנצען, האָט זיי געשווינד געחאַפּט דער שוואַרץ יאָהר, אין איילעניש, אי חאַפּעניש אַריינגעלעגט אינווייניג אין זיי אַ שטיין אָנשטאָט אַ האַרץ, אַ נשמה פון אַ הונד אָנשטאָט אַ מענשליכע, און אַזוי אַרויסגעלאָזט זיי אויף צרות אין דער וועלט!

— קוצעניאָ! — מאַכט דאָס בּעשעפעניש עפּיס ווי געמיוקעט, צושאַרענדיג זיך צו בּיילען ווי אַ קעצעלע: — אָט אַזוי אַז דו בּלאָזט זיך, מאַכסט פּיסקעלעך, בּיסט דו עפּיס אַזוי שען, געפעלסט דו מיר עפּיס אַזוי שטאַרק!

— געהט אייך, געהט! — מאַכט בּיילע, אָבּרוקענדיג זיך ווייטער אַ בּיסעל.

— אָט געה איך, געה, — זאָגט דאָס נפש און שאַרט זיך נעהנטער צו.

— ניין, נישט אַזוי. ווייטער אַ בּיסעל. זייט־זשע מוחל! — רופט זיך אָבּ בּיילע און טהוט זיך ווייטער אַ רוק.

— בּעדאַרף מען דאָך פריהער זיך געזעגנען, ווי דער שטייגער איז, אָט אַזוי, אַזוי, — זאָגט דער פאַרשוין אויסשטרעקענדיג די האַנד און וויל אַרומנעהמען בּיילען.

—בּיי אונז איז אָהן הענד,—טהוט זיך בּיילע אַ חאַפּ און אַ רוק נאָך ווייטער.

— וואו בּיי אונז? דאָרט, מיינסט־דו, אין קאַבּצאַנסק? — דו בּיסט דאָך נישט מעהר אין קאַבּצאַנסק, געפינסט זיך דאָך היינט דאָ. ה, פערשטעהסט?

— וואָס האָט איהר, איך בעט אייך, צו מיר, צו אַ פרעמדער אָרים מיידעל? געוואַלד וועל איך שרייען, וואו בין איך? אין אַ וואַלד אָדער צווישען יודען? — רעדט ביילע מיט האַרץ און וויינט מיט בלוטיגע טרעהרען.

— אַז דו וויינסט, ביסט-דו נאָך שענער, טאַקי נאָר עפּיס אַ רויז, אָבגעפרישט פון טראָפּענס טוי, שאַ! וואָרום איך וועל עס נישט אויסהאַלטען.

— דערבאַרימט זיך, איך בעט אייך, דערבאַרימט זיך אויף מיר, אויף מיינע יונגע יאָהרען!

— זיס ווי צוקער! — מיויקעט דער פּאַרשוין מיט אַ פריקרע שמייכעלע, אַריינלעגענדיג די האַנד אין דער בוזעם-קעשענע.

— דערבאַרימט זיך, ווען נישט אויף מיר, האָטש אויף מיין טאַטע-און-מאַמע! זיי זענען, נעבעך, אַלט, צובראָכען, אַ גאָט'ס רחמנות... אוי, איהר זאָלט וויסען, ווי ליעב זיי האָבען מיך, ווי שווער זיי איז געווען זיך צושיידען מיט מיר!... די נויט נאָר האָט געטריבען, אוי, די נויט, נויט...

— נאַ, מוציקעל, נאַ-נאַ! — מאַכט דאָס נפש מיט אַ קאַלטער לעבער, אַרויסנעהמענדיג פון דער בוזעם-קעשענע אַ גאָלדען בראַסלעטיל און דרעהט עס ביילען האַרט פאַר די אויגען.

— אוועק, גזלן! — טהוט ביילע אַ געשריי שטאַרק אָנגעצונדען און אַ שטופּ פון זיך דעם פּאַרשוין מיט דעם גאַנצען כח, אַזוי אַז ער איז געפלויגען צו דער טיר און דאָס בראַסלעטיל איז איהם פון דער האַנד אַרויסגעפאַלען.

און באַלד טאַקע ווי דער אַרויס, קומט לוי בחור אַריין. זיין בליק איז פייער, און דאָס בלינדע אויגעל וואַרפט זיך ווילד אַ שרעק. ביילע ציטערט, איז בלאַס ווי די וואַנד.

— אַזוי, האַ, מאַמזעלכען, וועסט-דו עס פיהרען ביי מיר לענדער?!... נאָרנישט, האַ, הפקר, מיינסט-דו, הפקר אַ וועלט! — זאָגט לוי בחור מיט אַ שטילער רציחה, אָננעהמענדיג ביילען ביי ביידע אָרעמס און קלעמט שטאַרק, אַזוי אַז איהר פערהאַפּט דער אָטהעם און פאַר וועהמאָג פערבייסט זי די ליפּען — אַ-יאָ, פויגעלע מיינע, דו האָסט געשפּאַסט? ענטפער, האַרץ מיינס, יאָ?

— אוי, נישט גוט!... לאָזט מיך חאַפּען אַ ביסעל דעם אָטהעם,

שיפּצט ביילע און מינעט זיך פאַר גרויסע אַנגסטען, ווי אַ יונג הינדעלע צאַפּעלט ביים שפּאַרבער אונטער זיינע שאַרפע נעגעל.

— הייסט עס. אַ פּנים, טאַקע אַזוי, געשפּאַסט! — מאַכט לוי מיט אַ משונה-זיס מינעלע, וואָס הייסט ערגער ווי געשאָלטען אין טאַטען אַריין! — ענטפער-זשע, ניכער

— וואָס ענטפער, וואָס? — שטאַמעלט ביילע שטאַרק צוטראָגען, איינבויגענדיג דעם קאָפּ.

— יאָ אָדער ניין, וויל איך וויסען. שאַרף גערעדט.

ביילע שטעהט אין איינע צרות און קען נישט עפענען דאָס מויל. פלוצלים קומט איהר אויפ'ן געדאַנק די אָפּיצערקע. די אָפּיצערקע, דאַכט זיך, שטעהט איהר אַצונד פאַר די אויגען אין יענער טרויעריגער לאַגע, ווי זי איז צוריקגעקומען פון בקור-חולים: שוואַך, צובראָכען, פעראומערט, פערשמאַכט, און וויזט איהר אויפ'ן בוים, אויף וועלכען זי האָט זיך געהאַנגען... „איידער אויפ'ן בוים שפּעטער, נאָך אַ געפּייניגט, וויסט לעבען, בעסער באַלד טאַקע אַ ריינער טויט“, אַזוי טראַכט ביילע און זי זאָגט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, בעהאַרצט גאַנץ שאַרף:

— ניין!...

— אַהאַ, ווילסט-דו, הייסט עס, איך זאָל איבערשמועסען אַ ביסעל מיט דיר דאָרט אין קעלער! זאָגט לוי, אָנטהויענדיג זיך אין גזלן, און דאָס בלינדע אויגעלע האָט זיך איהם צושפּיעלט: יאָ אָדער ניין? האָסט נאָך אַ ווײלע צייט. איינס, צוויי, דריי...

ווי אַ משוגע'נער הונד, שטיל מיט שוים אויף די ליפּען וואַרפט זיך לוי אויף ביילען, און ווי ער חאַפּט זי אָן ביי די האָר, וויל זי שלעפּען, לויפט אַריין די מוהמע שיינצע עפּיס זעהר צוטראָגען, נאָר אָהן אַ נשמה, דאָס טיכעל אויפ'ן קאָפּ פערדרוקט, די האַנד אויפ'ן האַרצען, קוים וואָס זי חאַפּט דעם אָטהעם, טהוט אַ נעהם לוי'ן ביים אַקסעל און רוימט איהם עפּיס איין אין אויער. ער בלייבט גלייך שטעהן אָבהענדיג, עפּיס נאָר ווי איינער, וואָס מען פּאַטשט איהם אויס.

— ביילעניאָ, האַרצעניאָ, וואָס איז דיר? וועה איז מיר, עפּיס איז דאָך אויף דיר גאָר קיין פּנים נישטאָ! — מאַכט די מוהמע שיינצע צו ביילען מיט גרויס רחמנות, ווי אַ געטרייע מוטער! —

גנה, טאָכטער, אין גאָרטען אַריין, גײ, כאַפּ אַביסעל פרישע לופט.

ביילע שטעהט אַ ווײלע נישט טויט — נישט לעבעדיג, ביז זי קומט צו זיך און גערט געשווינד אַרויס.

— אַי, אַ רוח אין איהר טאַטען אַריינגעפלויגען, ברענען זאָל זי, האָרילע די חצופה, מיט איהר מענדריקען איניזיינעם! — צופלאַקערט זיך די מוהמע שיינצע און שילט, נאָכדעם ווי ביילע איז אַרויסגעגאַנגען! — אודאי זיצט זי דאָרט אַצינד און גאָט דער לעבעדיגער אין הימעל ווייסט, וואָס פאַר אַ שפּיעל זי, די חצופה, די פאַלשע קאַץ, קאָן מיט איהר בייז צינגעל אָנמאַכען אונז. אָבדאַרען זאָל איהר דאָס צינגעל, רבונו של עולם! קענסט זי דען נישט, די כלבתא, װער זי איז? זי, אַז עס קומט אויס ענג, געפינט תמיד אַ וועג אויסצודרעהען זיך גלאַט און אַנדערע אַריינדרעהען אויף איהר אָרט... „וואו איז דאָס מיידעל? דאָס מיידעל וואו איז?“ פרעגט מען און מען וויל וויסען דאָרט, מענשען שטעלען זיך פאַר איהר אַרויס, לעגען איין די וועלט. שלעכט! דו פערשטעהסט?

— װער האָט עס דיר איבערגעגעבען דעם סוד, וואָס דאָרט טהוט זיך: פרעגט לוי דאָס ווייב, וואונדערענדיג זיך.

— װער מיר איבערגעגעבען? מאַכט די מוהמע שיינצע: איציק פאַקטאָר, וואָס רייבט זיך דאָרט אַרום די אדונים און הערט זיך צו צו אַלסדינג דאָרט. דו וואונדערסט זיך אפשר מיט וואָס איז היינט ערגער ווי פריהער, פריהער פלעגט מען...

— מילא, צו וואָס טויג מיר מעשיות, וואָס פריהער, — מאַכט לוי אַריינפאַלענדיג דעם ווייב אין די רייד: — היינט וואָס איז?

— היינט איז נישט דאָס וואָס אַ מאָל, — זאָגט שיינצע מיט אַ זיפץ טיעף פונ׳ם האַרצען: — אַנדערע צייטען... אויך אַ אַנדערער אָדון אין שטאָדט, אַ נייער, ערשט אָנגעקומען, ער קען אונז נישט, מיר קענען איהם נישט, מען זאָגט, ער איז אַ פייער, נעהמען איז ביי איהם אַי־אַי! דו פערשטעהסט?... גאָר ניט קיין גוטער משא־ומתן.

— להד״ם! מאַכט לוי, שאָקלענדיג מיט אַ פינגער אַקעגען דעם ווייב: להד״ם הייסט אַ פייג... גאָרנישט, נישטאָ! טאָמער קומט מען, לאָז די שעה נישט זיין, פרעגען — איז איין וואָרט: נישטאָ! דו הערסט? נישטאָ, נישטאָ און נישטאָ.

— יאָ, אַז יענע וועלען זיין נאַראָנים, גלויבען אויפ׳ן וואָרט

און נישט שטעלען זיך זי זוכען דאָ. אַ תירוץ אַ ביסעל פאַר די בענשליכט!

— נאַרישע יודענע! — שפּעט לוי אויס דעם ווייב, שאָקלענדיג אויף איהר מיט׳ן קאָפּ: — מען בעדאַרף ביי־צייטענס דעם חמץ אויסרוימען, דאָס הייסט, מען בעדאַרף זי אָבפיהרען אַהין, צו אונזער פייבלען, שאַ, שטיל, עס זאָל נישט קרעהען קיין האָהן. דו פערשטעהסט?

און דענסטמאָל טאַקע, ביי־נאַכט, האָט זיך געלאָזט הערען אַ געקלאַפּעריי פון רעדער ביי לוי בחור אויפ׳ן הויף. דאָס איז אַוועקגעפאָהרען די מוהמע שיינצע מיט ביילען, אונטער אַ אויסרייד, דורכצופאָהרען זיך אַ ביסעל, כדי זי, ביילע הייסט עס, זאָל עטהמען אַ ביסעל פרישע לופט און לאָז זי, נעבעך, האָבען תענוג עטליכע מינוט.

די מוהמע שיינצע איז דאָך, נאָך אַלע זאַכען, פאָרט די מוהמע שיינצע — אַ טייערע נשמה!...

דאָס וועקסטע בוך

דאס ערשטע קאַפּיטעל.

די געשעפטען רפאל׳ס האָבען איהם געטריבען קיין לאָדז, זעהען זיך מיט זיינע בעלי־בתּים, די פאַבּריקאַנטען דאָרט, וואָס זענען גע־שטאַנען שמאָל; נאָר מחמת פיעל וויכטיגע זאַכען, וואָס איהם איז נויטיג געווען אָבצוארבּייטען דאָ אויפ׳ן אָרט, און טאַקע א ביסעל אויך צוליעב דער מעשה מיט הערשעלען, האָט ער אָבגעלעגט די נסיעה זיינע אויף א קורצער צייט. אצונד ווייסט שוין רפאל, וואָס הערשעלעס אָנחאַפּען זיך אָן האָדיל די מעקלערין האָט אַזוינס בעטייט; אצונד פערשטעהט ער שוין זעהר גוט, אז די דאָזיגע האָדיל, אויף וועלכער מען טומעלט אַזוי שטאַרק, האָט אָבגעטאָן אַ מיאוס׳ע מעשה מיט א יודישער טאָכטער, נעבעך, וואָס מען טהאָר עס בשום־אופן נישט אַזוי לאָזען. ער האָט דעריבער אָנגעווענדט אלע מיטלען, געאַרבּייט מעשים, די זאַך זאָל זיך דערוויזען — וואו איז אַהינגעקומען אַנ׳אָרים מיידעל, נעבעך, און הערשעלע, וואָס זיצט דערווייל אינאיינעם מיט האָדלען פאַר דעם בלבול, וואָס זי האָט אויף איהם געמאַכט, זאָל ריין ווי גאָלד אַרויס פריי. נאָר מעהר פון אַלע זאַכען האָט איהם פערהאַלטען דאָ חנצה. זינט איהם איז געקומען צו די אויערן די שלעכטע לאַגע, אין וועלכער די לאָדזער פאַבּריק געפינט זיך, און אַרויסזעהענדיג דעם קלאַפּ אין אַ היבש ביסעל געלד, וואָס לייבּצען שטעהט פאָר דורך איהם צו חאַפּען, האָט ער אויסגעמיידט לייבּצעס הויז. דאָס האַרץ האָט איהם געצויגען צו חנצה׳ן, א פערגניגען צו פערברייגגען מיט איהר אַ ביסעל די צייט, אָבער קומען

צו איהר איז איהם געווען שרעקליך שווער. סטייטש, מיט וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער קוקען לייבצען אין די אויגען, און דרעהען, אָבליגנערן איהם מיט דער צונג! און ווי שלעכט איהם איז דאָ, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן, הויבט עס איהם נאָך אָן אינוויינוג צו מאַנטען אָט אַזוי:

„פערדאַרבענער מענש! — רופט זיך אין איהם אָן דאָס געוויסען — געהען זי ווילט זיך דיר! צוליעב וואָס? צוליעב זיך, פון דיין הנאה וועגען, צוליעב דיין בענעהרען. דו אַבי געהאַפּט אַ קוק, נאָך אַמאָל אַ קוק, הנאָה געהאַט פון איהר שענקייט, פאָהרסט דו זיך אַוועק, און גאָט ווייסט ווען דו קומסט צוריק, נישט צו בערעכענען זי, נעבעך, אַז דער מח וועט זיך איהר דאָ איבערקעהרען טראַכטענדיג, וואָס דיין פערשוואונדען ווערען פלוצלינג בעטייט, זי זאָל עס חאָטש אָנהויבען צו וויסען וואָס, פאַרוואָס?... זי איז דיך געווען אַ פּשוט ווייבעל, פערשלייערט געוועהנליך ווי אַלע אַנדערע גלופּסקער יודישע טעכטער, נישט צו־פיעל צו דענקען, צו־פיעל איבערצוקלייבען; פאַר איהר איז רעכט געווען אַלסדינג, ווי די וועלט פיהרט זיך, אַזוי איז גוט, אַזוי בעדאַרף זיין. קומסט דו, שענער מענש, צינדסט אין איהר אָן אַ העליש פייער, גיסט איהר אַיין שכל צו פערשטעהן. דאָס פריהערדיגע לעבען איהרס מיט דעם גאַנג פון דער וועלט אַרום איהר הערט איהר שוין אויף צו געפעלען, איהר וועלט אינגאַנצען ביסט דו, דו, נאָר דו — און פלוצים פאָהרסט דו זיך אַוועק, נישט צו דערקלערען איהר פריהער חאָטש פערשטעלט, פאַרוואָס דו פאָהרסט, לאָז זי זיך נישט האַלטען פאַר אַ בעליידיגטע, אַ אַוועקגעוואָרפענע; לאָז זי חאָטש האָבען אַ האָפנונג, אַז דו וועסט צוריקקומען, און פאַר פערדרוס און הארצוועהטאָג נישט אויסגעהן ווי אַ ליכט".

ביי רפאל'ן איז דעריבער געבליבען נישט צו ריהרען זיך פון'ם אָרט, ביז ער וועט טאָן זיין שולדיגקייט, ריידען מיט חנצה'ן און דערקלערען איהר אָפען אַלסדינג.

עס האָט געקאָסט רפאל'ן גענוג געזונט, ביז ער האָט זיך אויסגעריסען צו חנצה'ן. — קומענדיג שוין צו דער טיר, איז ער געבליבען אַ ווייליע שטעהן צומישט. אַראָבגעלאָזט די אויגען, גלייך ווי ער וואָלט דאָ געגאַנגען גנב'ענען. שווער ווי דער טויט איז איהם געווען צו לייבצען אין הויז אַריינצוקומען. דאָס איינציגע האָפנונג זיינס איז געווען, טאָמער גראָד, אויף זיין מזל, איז לייבצע אַצינד נישטאָ אין דער־היים. דאָס

האָט איהם צוגעגעבען אַ ביסעל מוט און ער איז אַריין אין שטוב מיט אַ פערקלעמט האַרץ.

דער ערשטער, וואָס איז איהם אַקעגען געקומען — איז געווען לייבצע!

— ברוך־הבא, אַ גאַסט! — זאָגט לייבצע, קלאַפּענדיג זיך די נאָז מיט אַ פינגער און צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — אַי־אַי־אַי, פערפאַלען צו ווערען אַזאַ לאַנגע צייט!... נישט שען פון אייך, כ'לעבען!... האָב מיך עס גאָרניט געריכט, אָסור... סטייטש, סטייטש, איהר זאָלט אַזוינס טאָן, אי־אי־אי!

רפאל ברימעלט עפּיס אָהן ווערטער, צו פערענטפערן זיך כלומר'שט, און איז צוטראָגען. לייבצע איז אויך עפּיס גאָר צוטראָגען, געהט איבער דער שטוב הין־און־צוריק, צופּט דאָס בערדיל, רייבט זיך דעם שטערן און דאָס פּנים איז איהם פערפלאָמט. בנציה, אין אַ חאַלאַטיל, אין אַ מין קלאַפּענמיצעל עפּיס אויפ'ן קאָפּ, שטעהט עפּיס שטאַרק צודרעהט אין אַ ווינקעל, מיט גרויסע טראָפּענס שווייס אויף דעם פּנים, בלייך ווי די וואַנד און דאָס אויסזעהן זיינס אינגאַנצען איז גאָר ווי אַ מויז, וואָס מען שלעפּט אַרויס פון זויערמילך. אין דער מיט שטוב ליעגט אַ גרויסער, איינגעפּאַקטער, לעדערנער קלומעק, אָנגעפּויסט מיט אַ בויך, נאָך נישט געקרעמפּעוועט מיט דער שטריק, וואָס פּלאָנטעט זיך אַרום איהם. אַ היבשע ווייליע איז שטיל, אַלע שווייגען, גלייך ווי עס וואָלט זיי אָפּגענומען דאָס לשון, נאָר מען זעהט, אַז אין לייבצען קאָכט זיך דאָס בלוט.

— אַזוי, אַזוי געהט עס אין דער וועלט! — מאַכט נאָך אַ היבשע צייט שווייגען לייבצע פערטראַכט, אָפּשטעלענדיג זיך אַקעגען רפאל'ן און אָנקוקענדיג איהם שאַרף — נאָך זעהר שען, כ'לעבען, פון אייך, וואָס איהר זייט האָטש געקומען, איז דאָס רעכט, האַ? טהוט מען עס אַזוי?... מילאָ, נו!... ווי שטעהען עס, האַ, די — די עסקים?

— בע! — בעקעט רפאל אונטער דער נאָז, אַבי אויסצודרעהען זיך ווי עס איז, טראַכטענדיג ביי זיך: — פע, לייבצע האָט שוין געמוזט אָנשמעקען, ער ווייסט שוין, אַפּנים, מיינע צרות.

— אַזוי, האַ, זאָגט איהר: בע? — מאַכט לייבצע, פערדרעהענדיג די נאָז, נישט אַראָבצונעהמען קיין אויג פון רפאל'ן, טראַכטענדיג ביי זיך: העה־העה! ער ווייסט שוין אַלסדינג. זיין „בע" הייסט, אַפּנים,

עד האָט אָנגעשמעקט, וואָס בײַ מיר אין שטוב נעהט אצינד פאָר. נאָר... טאַ! — וואָס קיתּט איהר עס עפּיס אַזוי, רב רפאל, און שווײַגט?

— עס!... איך קוק מיר אויפ׳ן קלומעקיל, קוק איך מיר. וועד קלײַבט זיך עס דאָ בײַ אײַך אין וועג אַרײַן, רב לײבצע?

— הײסט עס אַט, איהר פערשטעהט!... אדרבא, אַזוי איז נאָך גלײַכער, אַז איהר פערשטעהט — ענטפערט לײבצע מיט אַ מינעלע פון אַ יודען אַ פּקח, וואָס שטויסט זיך אויפ׳ן ווינק. און נעענדעגדיג זיך באַלד טאַקע צום אײדעמיל טהוט ער איהם אַ זאָג:

— מעגסט דערווײַל געהן, בנציה, אין דײַן קלײזיל צרײַן דאָרט. די זאַך בלײַבט לעת־עתה אַזוי, ווי מען האָט גערעדט.

— זאָל איך געהן אַזוי טאַקע אין חאַלאַטיל, אָדער אַרויס־נעהמען פונ׳ם קלומעק די לאַסטיקענע קאַפּאָטע מײַנע? — טהוט בנציה אַ פרעג

— נישקשה אַזוי אויך. וואָס איז דען אַ חאַלאַטיל? דאָס ערשטע מאָל דען איז דיר אַהין, אין קלײזעל, אין אַ חאַלאַטיל!...

„אַזאַ, דאָס שטעקעלע, פערפּאַקט דאָס שטעקעלע״! — מאַכט צו זיך אַלײן מיט אַ קנײטשעלע בנציה, לאָזענדיג זיך געהן מיט די פּיסעלעך צו דער טיר, טהוט אַ קוש די מזוזה און רוקט זיך אַרויס פון דער שטוב שטיל ווי אַ קעצעלע.

— אַט אַצונד קענען מיר שמועסען גאַנץ אָפען — זאָגט לײבצע, אָננעהמענדיג זיך בײַם בערדיל, און שטשירעט אויס אײן אויגעל אויף רפאל׳ן — צו וואָס לאָמיר זיך דאָ נאַרען, קײן סודות אין דער וועלט איז נישט... די מעשה דערפון איז אַזוי: ס׳איז, פערשטעהט איהר מיך, אַ צעשטערט לעבען!... אדרבה זאָגט, איהר קענט דאָך איהם, מײַן אײדעם. נו וואָס? אַ יונגער־מאַן אַ פײַנער, אַ טאַטענס אַ קינד, אַ צאַצע. איך פון מײַן זײַט האָב איהם ליעב, און מײַנע אויגען האָט ער דעם זיעבעטען חן, בין פון איהם צופרידען. איז דאָך, דאַכט זיך, גוט. נאָר וואָס העלפט עס אָבער, אַז זי, דאָס ווײַבעל, איז אַ נאַר!... איהר פערשטעהט וואָס? זי, אַ טריאַטער, כ׳לעבען! זי איז נישט צופרי...

לײבצע דערערעדט נישט דאָס וואָרט און וואָרט, קוועטשענדיג זיך, ווי אַ געווינערין, מיט אַזאַ מינע, אַז רפאל זאָל איהם דאָס וואָרט פונ׳ם מויל אַרויסנעהמען,

— נישט צופרידען — חאַפּט רפאל און רעדט אַרויס דאָס גאַנצע וואָרט, פיהלענדיג בשעת מעשה, ווי אַ שטײן איז איהם פונ׳ם האַרצען אַראָב, ווײַל ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז לײבצעס צוטראָגענקײט נישט וועגען געלד־עסקים מיט איהם, נאָר עס בעטײַט גאָר עפּיס אַנדערש.

— אָ־אָ־אָט!... נישט צופרידען. נישט ליעב, זאָגט זי — זאָגט לײבצע אויסשפּײענדיג דרײַ מאָל — פּע! איך דערקען גאָר עפּיס נישט פון אַ צײַט מײַן טאָכטער, אַזוי געענדערט האָט זי זיך. זי רעדט עפּיס אַזוינס, וואָס פּאַסט גאָרניט פאַר אונז, פאַר אונזער שטאַנד. האָט איהר געהערט אַ זאָג אַ ביסעל — פײַנט אַ מאַן! און ווער, נאָך ווער? אַ געלעכטער, כ׳לעבען, אַזאַ... אַזאַ... אינגאַנצען, איך בעט אײַך מחילה, אַזאַ... עס איז גאָר עפּיס ווי אַ כשוף, אײנעמס אַ אָבגע־טאָנענע זאַך. איהר ווילט עס אפשר נישט לײדען, אײַך איז אפשר נישט אײַנגענאָמען אַזוינס צו הערען?... אדרבה, זאָגט, זײַט מוחל, זאָגט, זאָגט!

„אַט פון וואַנען די חמאָרע רוקט זיך אויף מיר אָן! — טראַכט בײַ זיך רפאל און עס בעשלאָגט איהם אַ קאַלטער שווײס — לײבצע, אפנים, האָט אָנגעשמעקט דאָ דאָס גאַנצע שפּיעל... מײַן אַרבײַט, מײַנט ער, איז עס, און פאָדערט מיך דאָ אויף, איהם עס צו דערקלערען. מיאוס׳ע מעשה!...״

— אַהאַ, איהר שווײַגט! — מאַכט לײבצע נאָכדעם, אַז בײדע האָבען אַ ווײַלע געשוויגען — אַיאָ, איהר האָט מיר ניט וואָס צו ענט־פערן?... נו, הערט־זשע אויס מיך. מילאָ, זאָגסט־דו, הײסט עס, טעכטעריל — פײַנט! נו, שאַ, האָב זיך פײַנט און בײַ דיר בלײַב עס. וועמעס עסק איז דאָס, צו וויסען דײַנע חפציות? ליעב־סמיב, פײַנט־סמײַנט — נאַרישקײַטען!... זאַכענישען אַזוינע, נישט ווערטה די רײד, וואָס צווישען מאַן און ווײַב, ווער גיט עס אַרויס? — שאַ!... איז דער כישוף אָבער, צו אַלדי רוחות, עפּיס אַזוי גרויס, אַז נײַן! איך קען מיט איהם, זאָגט זי, אין אײן שטוב נישט זײַן. זיצען, זאָגט זי, מיט אַ מענשען, וואָס מען האָט פײַנט, איז אַ עבירה, ברײַנגט מיך נישט, זאָגט זי, צו קײן זינד. איך בין נישט קײן בהמה. אַ מענש, זאָגט זי, בין איך, אַ מענש מיט אַ ווילען, מיט אַ דעה!... איהר הערט אַ ביסעל, אַ זאָג פון, מחילה, אַזאַ, אַזאַ... בקיצור, אַזוי לאַנג, אַזוי ברײט — ביז ס׳איז געקומען דערצו, מען זאָל נעהמען דאָס בעל־הבית׳ל, נעבעך.

איהם מיט הכל־בכל, האַק און פּאַק, אָבשיקען צו די עלטערן זיינע אהיים. — אוי, האָב איך עס היינט אַ טאָג פון מיינע, פון דער טאָכטער און פון דער מאַמען, קאַלט און וואַרים!... ווייסט איהר וואָס — לאָזט אויס לייבצע מיט אַ געבעט — פּאַר אייך, רב רפאל, האָט מען זיך נישט צו שעמען, איהר זייט דאָך אַ היימישער מענש, אונזערער אַ גוטער פריינד, אָט, כ'לעבען, קומט, לאָמיר אַריינגעהן צו חנצה'ן, ס'איז אַצונד דאָרט ביי איהר חושך. איהר ווערט זי, אַזוי טאַקע ווי איהר קענט, אַ ביסעל אויסשטראָפען, נעבען איהר צו פערשטעהן, אַז זי איז אַ שוטה, אַ נאַריש ווייבעל, ווייסט אַליין נישט, משטיינס־געזאָגט, וואָס זי וויל. אייערע ווערטער, נישקשה, ווערען ווירקען. איהר זייט ביי איהר — דאָס זאָג איך אייך בסוד, צווישען אונז — אַ גרויסער חשוב, היינט וועט איהר דאָך מקיים זיין טאַקע אַ מצוה אויך — אַריינלעגען זיך אין שלום צווישען מאַן און ווייב, צונויפפיהרען אַ פּאָר־פאָלק... אָט, קומט, כ'לעבען, קומט.

לייבצע שלעפּט רפאל'ן ביי דער האַנד און נעהט פאָראויס. רפאל — אַז אָך און וועה צו איהם, וואָס זאָל ער, נעבעך, טאָן? — לאָזט זיך פיהרען, נישט ווילענדיג, איבער אַ לאַנגען קאָרידאָר און שלעפּט זיך איהם נאָך ווי אַ קוה אַ קעלבעל.

ביים עפענען די טיר אין חנצה'ס חדר לאָזט זיך פון דאָרט הערען יענטעל'ס קול, וואָס שטעהט און טענה'ט האַלב מיט גוטען, האַלב מיט בייזען מיט דער טאָכטער איהרער, וואָס זיצט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענד ביי אַ טישעל אין אַ ווינקעל. קוים איז לייבצע אַריין מיט רפאל'ן, ווערט מיט אַמאָל איבערגעהאַקט דער שמועס:

— נישקשה, יענטעל! איינענע מענשען. רב רפאל האָט עפּיס צו שמועסען מיט חנצה'ן אַ פּאָר ווערטער. — רופט זיך אָן לייבצע, ווינקענדיג, צום ווייב, וואָס האָט אַזוי פיעל געהייסען: מעגסט אַרויס־געהן, זיי מוחל

יענטעל אָבער וויל זיך נישט אָנשטויסען אויפ'ן ווינק און שטעהט פערוואונדערט, מאַכענדיג מיט די אַקסלען, קוקט אָן דעם מאַן מיט אַ קרום פּנים, וואָס האָט אַזוי פיעל געהייסען: האָסט געמעגט, כ'לעבען, נישט אַריינקומען, דו לעקיש איינער!

— נו, זיצט, זייט־זשע מוחל, זיצט, מיר בעטען — זאָגט לייבצע, אונטעררוקענדיג רפאל'ן אַ בייַנקעל פונקט אַקעגען חנצה'ן.

שטאַרק צופרידען מיט דעם אויפטהו זיינעם, רוקט ער זיך צו

באַלד צום ווייב, רוימט איהר איין עפּיס אין אויער — און ביידע געהען אַרויס.

לייבצעס פינסטער מזל איז בעשיינפערליך טאַקע שוין אַזוי געווען, דער טאָכטער צו העלפען אין אַלע איהרע האַנדלונגען פונ'ם אָנהויב אָן ביז איצט, פונקט אַקעגען זיין וואונש. ס'איז מסתמא פונ'ם הימעל אַזוי אָנגעשריבען געווען, אַז ער אַליין מיט זיינע משונה גענג זאָל אָנמאַכען אַ פערדרעהעניש ביי זיך אין שטוב, עס זאָל דורך איהם אַליין אַרויס־קומען דאָס, פונקט פערקעהרט וואָס ער וויל.

שלים'מזל'דיגער לייבצע! גיט עס ביי יודען נאָך שלים'מזל'דיגע טאַטעס אַזוינע? — ס'איז כדאי צו וויסען...

רפאל און חנצה זיצען, אָנקוקענדיג זיך פערוואונדערט אַקעגען עטליכע מינוט, נישט צו ריידען אַ וואָרט. דערנאָך איז רפאל צום ערשטען אַרויס מיט אַ ביטער שמייכעלע:

— איהר ווייסט, חנה'לע, צו וואָס דער טאַטע האָט מיך אַהער געבראַכט? דער טאַטע וויל, איך זאָל „אַייערן", איהר פערשטעהט, פערריכטען ביי אייך דאָס מזל און אייך טאַקע אַ ביסעל אויסשטראָפען.

— הייסט עס, דעם טאַטעס אַ מענש?! נו שטראָפט־זשע מיך, אַז איהר האָט זיך עס אונטערגענומען — מאַכט חנצה, אַ ביסעל מיט פערדראָס.

— ניין, חנה'לע, אויסשטראָפען בעדאַרף מען נישט אייך, נאָר מיך — זאָגט רפאל מיט אַ זיפץ פונ'ם האַרצען.

— דאָס הייסט אָנצוהערעניש געבען — מאַכט חנצה, רויט ווערענדיג ווי פייער — אַז דרינען, וואָס צווישען מיר און מיינעם, איז אייער שולד, און זיפצט אַצונד דערויף...

— אַי, פלאָגט מיך נישט, איך בעט אייך, אַי, איהר זאָלט וויסען מיין האַרץ!...

— נו, וואָס־זשע וואָלט געווען, אַז איך זאָל וויסען? וואָלט איך געהאַט פערגניגען פון אייער געטריישאַפט און איבערגעבעטען אייך פאַר מיינע רייד אַצונד.

רפאל'ן האָט זיך נישט געלעגט די צונג באַלד טאַקע אָבצוענטפערן איהר, וויסענדיג ביי זיך, אַז ווען חנצה זאָל וויסען זיין האַרץ, צוליעב וואָס ער איז דאָ געקומען, וואָלט זי קיין גרויס פערגניגען נישט געהאַט, און איהם איבערגעבעטען אַודאי נישט בעדאַרפט.

— אָדער אפשר מיינט איהר, אַז איהר פערדיענט, מען זאָל אייך

אויסשטראָפען דערפאַר, וואָס איהר זייט אַזאַ לאַנגע צייט נישט געקומען צו אונז אין שטוב אַריין, און איהר פיהלט אַייער שולד? — וואַרפט חנצה אַריין ווייטער אַ שטעכווערטיל.

רפאל איז שטאַרק צוטראָגען, ער קוקט אויף חנצה'ן מיט ליעפּ־שאַפט, מיט געבעט און שווייגט.

— שווייגען הייסט גערעדט — זאָגט חנצה, זעהר גערירט פון זיין בליק, אַזוי אַז טרעהרען שטעלען זיך איהר אין די אויגען, און עס רייסט איהר דאָס האַרץ, קוקענדיג אויף איהם — איך בעט אייך, ערגערט זיך נישט, נעהמט מיר נישט פאַר אומגוט, וואָס איך האָב מיך אַ ביסעל דאָ געהיצט. וואָס זאָל איך טאָן? ס'איז בּיי מיר היינט שוין אַזאַ טאָג. אוי, אַ טאָג! אוי, שטעה איך עס אויס!...

— טייערע, גוטע, חנה'לע! מאַכט רפאל, אויפשטעהענדיג צוקוקנדיג פונ'ם בּיינקעל, וויל אָנגעהמען בּיי דער האַנד חנצה'ן, אויסגיסען פאַר איהר זיין שווער ביטער האַרץ, נישט צו בּעמערקען, ווי יענטיל געהט דערוויל אַריין גאַנץ שטיל און מאַכט זיך כלומר'שט ווי זי זוכט עפּיס.

— מאַמע! — טהוט זיך אַ חאַפּ חנצה, אַזוי אַז רפאל זאָל וויסען ווער דאָ איז — וואָס זוכסט־דו עס, מאַמע, עפּיס אַזוי?

— גאָרנישט, גאָרנישט! אַ שפּיזעל איז פונ'ם זאַק נישטאָ. דאָ זיך איך, איז נישטאָ. מען בּעדאַרף געהן אַ קוק טאָן בּיי מיר ערגיץ דאָרט — ענטפערט יענטיל, אַרומקוקענדיג זיך און געהט ניט ווילענדיג אַרויס

יענטעלס מיין איז גאָר געווען אַכטונג צו געבען צו דער טאָכטער, וואָס זיצט מיט אַ יונגען־מאַן אָהן אַ שומר. ווייבּער פיהלען עפּעס בּיי זיך אין האַרץ בּעסער ווי די מענער. פריהער, אַז חנצה האָט געוואוינט מיט דעם מאַן, ווי דער שטייגער איז, האָט יענטיל זיך נישט געמאַכט דערויס, אַז די טאָכטער פלעגט בּלייבּען מיט רפאל'ן בּיי זיך אין חדר. אַצונד אָבער, אַז חנצה'ן קאָן זיך פערגלוסטען זאָגען, אַז דער מאַן איז איהר נישט צום האַרצען, העה! טראַכט זיך יענטיל, בּעדאַרף מען זיך צו דיר אַ ביסעל צוקוקען. דאָס האַרץ האָט איהר עפּיס געזאָגט, נישט רעכט צו וויסען וואָס געזאָגט. דאָס שפּיזעל איז געווען נאָר אַ אויסרייד. חנצה האָט פערשטאַנען דער מאַמעס מיין, און רפאל האָט אויך געוואוסט, וואָס דאָס שפּיזעל איהרם בּעטייט אַזוינס. בּיידע האָבּען געהאַט פיעל, זעהר פיעל איינע די אַנדערע צו זאָגען און בּיידע האָבּען איינגעזעהן, אַז דערצו איז נישט דאָ דאָס אָרט און נישט די צייט אַצונד.

— אַי, חנה'לע, האָב איך צו ריידען און צו ריידען! נאָר...

— אַי, רפאל, האָב איך עס צו דערצעהלען און צו דערצעהלען! נאָר... לאָמיר אָבּוואַרטען. איך וועל שוין אייך צו וויסען געבּען.

— געה איך, הייסט עס — זאָגט רפאל מיט אַ בּיטער שמייכעלע — געה איך דערוויל אַוועק דערמיט, אַז איך האָב אייך געזאָגט מוסר

— און דאָס מוסר־זאָגען האָט נישט געהאָלפען! — — —

בּיים אַרויסגעהן שלאָגט זיך רפאל אָן בּיי דער טיר מיט יענטלען, וואָס האָט זיך געיאָגט אָנצוזאָגען דער טאָכטער די גוטע בּשורה, אַז דאָס שפּיזעל, געלויבּט דער אויבּערשטער, האָט זיך געפונען!...

דאָס צווייטע קאַפּיטעל.

רב אָשר דער מעקלער איז די לעצטע צייט מיט רפאל'ן שטאַרק נישט צופריעדען געווען. ווי אויסליכען איז בעקאַנט, בלאָזט רב אָשר דער מעקלער פון זיך נישט אַזוי שטאַרק, איז מוחל אויף כבוד און קען אָראָבשלינגען יענעמס אַ גראָב וואָרט, גישט צו בעליידיגען זיך, חלילה. איהם אַרט נישט, אַז יענער האַלט איהם פאַר אַ ליגנער, וואו מען בעדאַרף — קען ער זיך מאַכען נישט הערענדיג, נישט זעהענדיג, נישט היטענדיג און מהוט זיך טאַקע זיינס. צו די אַלע דאָזיגע שענע מעלות איז ער אויך נישט פויל אויף אַ גאַנג. הונדערט מאָל אַ טאָג ווערט איהם נישט נמאָס לויפען צו יענעם מיט עפּיס אַ עסק, אפילו יענער וואַרפט איך דערפון אָב מיט הענד און מיט פיס. איז פאַר איהם פערשפּאַרט די טיר, שטופּט ער זיך אַריין דורכ'ן פענסטער. אַזוי אַריין אָדער אַזוי אַריין — אַלין איינס, אַבי אַריין! ביי דער וועלט הייסט עס: רב אָשר איז אַ בריה, אַ מענש מיט אַ אייזערנעם כאַראַקטער — ער קריכט! הויבט ער אָן עפּיס אַ זאַך — אַרבייט ער, קריכט, שטופּט זיך ביז ער דער־גרייכט טאַקע דאָס, וואָס ער וויל

פונדעסטוועגען האָט רב אָשר'ס קריכען מיט זיינע פּראָיעקטען צו רפאל'ן די לעצטע צייט איהם פאָרט נישט געהאָלפען, זיינע ווערטער זענען צו רפאל'ן צוגעשטאַנען אַזוי פיעל ווי אַ אַרבעס צו דער וואַנד, איינמאָל האָט רפאל זיך אויף איהם צובייזערט, וויזענדיג איהם די טיר. מיט אַ געשריי, אַזוי אַז אפילו אַזאַ יודען, נישט קיין בעל־גאוה, ווי רב אָשר איז, האָט עס שטאַרק אונטערגעטראָגען. ער איז, נעבעך. געשווינד

אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס, בייז ווי אַ רוח, און פאַר אַנדערע דאָרט אויסגעגאָסען אויף רפאל'ן זיין צאָרען:

— האָט איהר געהערט, יודישע קינדער, אַ יוד זאָל נישט האָבען קיין בטחון — מען זאָל זיך נישט לאָזען ספּעקולירען, מאַכען געשעפטען! אַ שענער משא־ומתן, כ'לעבען, וואָלט געווען, אַז מען זאָל געוועזן וועלען נאָר געהן אויפ'ן אייזערנעם בריק אין משא־ומתן!... ווי פון דער קעשענע האָט „ער" מיט זיין איינגעשפּאַרטקייט מיר אַרויסגענומען אַ פערדיענסט... איך זאָג אייך, ברידער, אָט פון די אויפגעזורענע, פון די חקרנים, איז נישט איינער קיין לייט. דאַכט זיך, אַ מענש — אַ סוחר, אַ קעפּיל, אַ פליהענדיגס, האָט געהאַפּט, דאַכט זיך, דעם סחורה פון אונזערע סוחרים דאָ, געקדרעהט, געהאַנדעלט גאַנץ נישקשה'דיג — און לסוף האָט די קליפּה טאַקע זיך אַרויסגעוויזען — שטעה, טפררררו!... נישטאָ ביי אַזוינע קיין גלויבען, קיינער פון יודישע קינדער איז נישט בעגלויבט: נישט גדליה דער שניט־קרעמער, נישט פייטיל דער צעלניקער, נישט אפילו ר' אידיל דער הלפן, און גאָט אַליין אפילו אויך נים!... איהר פערשטעהט? טאַקע „כל באיה לא ישובון" — איז איינער אַ ביסעל געהאַפּט, זאָל אַ רוח טאַקע אין זיין טאַטען — קיין סוחר וועט שוין פון איהם נישט זיין... אַ יוד האָט נישט ביי „איהם" קיין נאמנות, אַ יודענס אַ וואָרט איז גאָרנישט, אויסציהען, שונאי־ישראל, זאָל ער זיך פאַר איהם, וועט ער איהם נישט געבען אויף באָרג, סיידען קלאַפּ און צעהל. אַ יודענס אַ טראַטע, אַ וועקסעל הייסט ביי איהם אַ קוויטעל אויף עולם־הבא — און ביי אַזעלכען איז נאָר עולם־הזה, פּשוט גראָב, מזומנים. עולם־הבא איז גאָרנישט. מלאָכים נישטאָ, שדים און רוחות, להבדיל, נאָר איינגעווערטער זאַכען. טאָמער מיינט איהר, איך שפּאַס? — ביי מיין יודישקייט! טויזענט מאָל אודאי האָב איך געשוואוירען ביי מיין חלק עולם־הבא, און ביי איהם האָט עס אַזוי פיעל אויסגעמאַכט עפּיס אַזי ווי... מאָסקווע מעג גלויבען, לייפּציג גלויבט אויך אַ יודען, און אַז עס טרעפט זיך אַמאָל אַ „קומטיות", נו, מה־רעש? מאָסקווע קעהרט זיך נאָך נישט איבער, דער דייטש, נישקשה, גלויבט און באָרגט ווייטער. פע, זאָג איך אייך, איז מיר דער חקרן, פע, פע, יודישע קינדער!...

יענער פינסטערער מאָרגען, וואָס רב אָשר איז פאַר גרויס פערדראָס פון דער הויט געשפּרונגען, איז געווען אַ פּאָר טעג אַרום נאָך רפאל'ס בעגעגעניש ביי ליבצען אין הויז. רפאל איז דענסטמאָל געזעסען ביי זיך צו הויז אין איינע צרות, בעטראַכטענדיג זיין לאַגע, און ס'איז

איהם אָנגעזאַלצען אויפ'ן האַרצען. די געשעפטען זיינע טרייבען איהם אין װעג אַריין, און ער קען זיך אָבער נישט ריהרען פונ'ם אָרט. מיט תּנצה'ן מוז ער דאָך ריידען, אַרויסזאָגענדיג איהר דעם גאַנצען אמת, די װעהטאָגען זיינע, און װאַרטען אויף דער געלעגענער צייט דערצו, ביז זי װעט איהם שרייבען, לויט ס'איז אָפּגערעדט געוואָרען צווישען זיי. און אַצינד, נאָכדעם וואָס דאָ טהוט זיך אַזוינס צווישען איהר מיט דעם מאַן, איז ער נאָך צעהן מאָל מעהר מחויב צו ריידען מיט איהר. נאָר וואָס צו ריידען, און וואָס וועט אַרויסקומען פונ'ם ריידען? דאָס ווייסט ער אַליין נישט רעכט גוט דערווייל. די לאַגע איז אַצינד פערדרעהט, פערפּלאָנטעט נאָך מעהר ווי פריהער. ער פיהלט אָבער, אַז אַזוי לאָזען די זאַך טהאָר ער נישט און קען טאַקע נישט; הערשעלען, נעבעך, איבערלאָזען אַזוי אין דער מיט — טהוט איהם אויך זעהר לייד. ביטער! ער איז אין דער קלעם, דער קאָפּ שפּאַלט זיך איהם טראַכטענדיג, און פּלוצלים — ברוך=הבא, אַ גאַסט! רב אָשר איז דאָ מיט זיינע פּראָיעקטען.

עס פערשטעהט זיך, אַז רב אָשר האָט געכאַפּט זיין עהרליך אויסקומעניש און איז אַוועק ווי אַ אָפּגעקאָכטער, נעבעך. פּטור געוואָרען פון אַזאַ גאַסט, האָט רפאל זיך ווייטער פערטיעפט אין די געדאַנקען, איז אַחעקגעזעסען אַ היבשע צייט פערשמאַכט, נישט צו בעמערקען ווי רב אברהם איז אַריין.

— אַ=גאָט=העלף! זאָגט רב אברהם, נאָכדעם ווי ער איז אַקעגען אַ פּאָר מינוט געשטאַנען ביי דער טיר, און רפאל האָט אויף איהם זיך נישט אומגעקוקט.

— האַ, וואָס?! מאַכט רפאל שטאַרק פערדולט, נישט אומקוקענדיג זיך.

— גאָרנישט! אַ=גאָט=העלף זאָג איך. נעהמט נישט פאַר אומנוט, וואָס איך שטער אייך.

— אַ=אַ, רב אַברהם!

— איך וואָלט אייך, אָסור, נישט געשטערט, נאָר... איך האָב צו=געזאָגט. איך בין דאָ אַצינד מיט אַ בקשה.

— איהר מיך, רב אַברהם, שטערט! אָ, ניין, ניין, קיינמאָל נישט! זיצט, איך בעט אייך, און לאָמיר הערען אייער בקשה.

— רייזע איז נאָר אויס מענש. קלאָגט זיך עפּיס אויף אייך, רב רפאל. עפּיס פון אַ צייט, זאָגט זי, אַז איהר עסט נישט, טרינקט נישט. װאָס מען זאָל נישט געבען צום טיש, נעהמט מען עס צו במעט אינ-

גאַנצען צוריק. זי ברעכט זיך, זאָגט זי, דעם קאָפּ טראַכטענדיג, וואָס זאָל עס זיין? זאָל אייך אפשר דאָס עסען נישט געפעל'ען? נאָר זי שפּאָרט נישט קיין מיה. טהוט, זאָגט זי, אַלערינג וואָס מעגליך, דאָס עסען זאָל האָבען דעם זיבעטען טעם. קאַרגט נישט קיין אייער, קיין שמאַלץ, קבט אויס אַלע מיני געריכטען, וואָס נאָר דאָ: אַ ראָסיל=פליישעל, זאָגט זי, אַ עסיג=פליישעל, אַ זראַזעלע, אַ צימעסיל מיט אַ העלזעל אָנגעפילט אַ מאָל מיט פאַרפעלעך, אַמאָל מיט קאַשע און גריוועו צוגעדעמפּט, פערברוינט, אַזוי אַז דער מלכות מעג עס עסען. אפשר, זאָגט זי, זייט איהר, חס=ושלום, עפּיס נישט מיט אַלעמען? פאַרוואָס=זשע שווייגט איהר, זאָגט זי, און טהוט עפּיס נישט? דערויף איז דאָך דאָ אויף דער וועלט ביי אונז אַ לייב רופא. וואָס טהוען אַנדערע? איז נישט אַ דאָקטאָר, אַ רופא, איז דאָ אַ שפּרעכער, אַזוינער און אַזוינער. עס פעלט איהר אָב אַ שטיק געזונד, זאָגט זי, אָנקוקענדיג, וואָס פאַר אַ שלעכט פּנים די לעצטע צייט איהר האָט. אָט דאָ ערשט נישט לאַנג האָט זי מיך שטאַרק געבעטען: געהט, זאָגט זי, צו איהם אַריין, און דערגעהט זיך ביי איהם. איהר זייט דאָך, כ'לעבען, זאָגט זי, עפּיס אַ מאַנסביל. וואָס דען? געהט מען און מען טהוט אַ קוק, וואָס איז אַזוינס מיט איהם. — נו, רב רפאל, טאַקע באמת טאַקע, האַ?! וואָס=זשע פאָרט איז אַזוי די מעשה?

— עס... אַזוי... עס מאַכט זיך אַמאָל מיט אַ מענשען... מיט וועלכען מענשען מאַכט זיך נישט אַמאָל אַ קרענקונג?

— איהר נעהמט אייך אפשר צום האַרצען די מעשה מיט דעם יתום'ל? אַודאי, אַודאי איז דאָס אַ קרענקונג, מיך קרענקט עס אויך זעהר. לייזער=יענקעל, עליו=השלום, האָט איהם איבערגעלאָזט אויף מיר. נאָר פונדעסטוועגען, האַ... און אַז ס'איז שוין יאָ געקומען צורייך, פרעג איך אייך טאַקע: ווי האַלט עס עפּיס אַצונד מכּח איהם, מכּח דעם שקאָ'ין?

— אַלץ נאָך אין דעם אייגענעם שטאַנד וואָס פריהער. הערשעלע שטעהט אַלץ טאַקע אויף דאָס זעלביגע: לאָז זי, די יודענע, זאָגען, וואו איז ערגיץ דאָס מיידעל? און יענע ווידער האַלט זיך איהרס: לאָז דער שייגעץ אַזוי וויסען יענעם איבער די קעשענעס קריכען, ווי זי ווייסט פון וואָס צו זאָגען! דערווייל איז שלעכט.

— איז דען נישטאָ דערצו עפּיס אַ מיטעל, רח"ש, אַ שטיינער, דאָס אַלטע, געוויסע מיטעל? ווי געשיקט זיך עס?

— דאָס מיטעל האָב איך שוין געפּרובט טאָן. נאָר ווי עס אויס, האָט עמיצער, אַ פערבאָרגענער, פון דער יודענעס צד, איך געמאַן דאָס אייגענע מיטעל... אַצינד איז די זאַך אַזוי: אָדער ביידע זאָלען זיצען, אָדער די גאַנצע מעשה פערשרייבען און ביידע זאָלען אַרויס פריי.

— לאָזט זי אָב, כ׳לעבען, אָט די יודענע, ווי הייסט זי דאָרט, צו וואָס, איך בעט אײַך, נצחנות? אָט לאָזען ביידע אַרויס פריי, און מיט אַ׳ין עק!

— עס געהט דאָ נישט, רב אַברהם, אין נצחנות, ווי נאָר דרינען — ס׳איז דאָך אַ רחמנות אויף אַ נפש, אויף אַ יודישער טאָכטער, נעבעך. גאַנץ געווים, אַז די דאָזיגע האָדיל האָט זי, איהר פערשטעהט, ערגיץ פערפיהרט.

— ווען אפילו אַזוי, כרענ איך אײַך, נו-נו-נו?! וואָס איז דאָ אַזוי די מורא, פערשטעה איך נישט, אַז ערגיץ אַוועקגעפיהרט? אויפעסען וועט מען דאָך זי נישט, הלילה, צווישען יודען פערפאַלען ווערען וועט זי נישט. וועט זיך אויסזוכען, נישקשה!

— אָי, רב אַברהם, ווי זאָגט מען אײַך עפּיס... ס׳איז נישט קיין ריינע זאַך! האָדיל, איהר פערשטעהט, האָדיל שטעהט נישט אין קיין גוטען רוף...

— וואָס, אַ שטייגער, מיינט איהר דערמיט, רב רפאל? עס מוז דאָך אַלץ האָבען עפּיס אַ גאַנג.

— עס האָט אַוודאַי אַ גאַנג... דאָ שמעקט עפּיס אַזוינס, וואָס אַ שרעק!

— אי-אי, גאָט איז מיט אײַך! וואָס קען דאָ, פערשטעה איך נישט, אַזוינס שטעקען? — לאָז זיין, כ׳לעבען, גענוג געזעסען. אַ רחמנות, כ׳לעבען, אויף דעם שקאָץ!

— און איהר מיינט, רב אַברהם, אַז דער שקאָץ אײַערער וויל אַרויס אַזוי אָהן אַ׳ין עק איידער עס וועט זיך דערוויזען, וואו ערגיץ דאָס מיידעל איז אַהינגעקומען? איהר זאָלט זעהן, ווי ער לענט זיך פאַר איהר אַוועק. דאַכט זיך, אַ שטילינקער, אַ שעמענדיגער אויפ׳ן בליק, אָבער וואָס פאַר אַ בעהאַרצקייט, וואָס פאַר אַ שטאַרקייט ער האָט אין זיך, צו שטעהן שטאָהל און אײַזען פאַר זיין געזעבטער זאַך. ער איז ביי מיר אַצינד דערפאַר שטאַרק געהייבען, גאָר לעילא ולעילא, איך האָב איהם ליעב בעקומען טיעף פונ׳ם האַרצען. ניין, רב אַברהם, ער

איז נישט קיין צעקראָכענס, קיין שלים-מזלניק ווי אַ ישיבה בחור, אַ קלויזניק. עס וועט פון איהם זיין אַ מענש... שאַ! מען קלאַפּט. דאַכט זיך, אין דער טיר — מהוט זיך אַ חאַפּ רפאל אין דער מיט געשפרעך, צוהערענדיג זיך — אַריין, אַריין!

עס קומט אַריין אַ יונגע בילד-שענע, אויסגעפּוצטע דאַמע און בלייבענדיג שטעהן ביי דער שוועל, וואַרפט זי אַ בליק דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם פון אונזערע ביידע מאַנסבילען, נישט ווּיסענדיג צו וועמען זיך צו ווענדען. רב אַברהם ווערט, אויפ׳ן יודישען שטייגער, ביים דערזעהן אַ אשה, עפּיס פערשעמט און קעהרט אַוועק אין דער זייט דאָס פנים. רפאל שטעהט אויף און געהט מיט אַ פריינדליכער מינע דעם גאַסט אַקעגען.

— איך בעדאַרף צו רב רפאל׳ן, האָב מיט איהם וואָס צו רעדען, רופט זיך אָב די דאַמע, דורכנעהמענדיג רפאל׳ן מיט די אויגען.

— איך בין גרייט מיט פערגניגען אײַך אויסצוהערען! — ענטפערט רפאל מיט אַ פאַרבייג.

— דאָס, וואָס איך האָב צו זאָגען, איז נאָר אונטער פיער אויגען.

רפאל האָט פערבעטען די אומבעקאַנטע אין אַ בעזונדער הויז ווינקענדיג צו רב אַברהם׳ן, אַז ער זאָל בלייבען אויפ׳ן אָרט.

אַ היבשע צייט איז רב אַברהם אַוועקגעזעסען איינער אַליין פאַר זיך, און געדאַנקען משונה׳דיגע זענען איהם מיט-געוואַלד געקראָכען אין קאָפּ, גלייך ווי נישטאָ איבער דעם קאָפּ זיינעם קיין בעל-הבית — הפקר אַ וועלט! עס האָט זיך דאָרט געדרעהט האָדיל, זיך ענטפּלעקט עפּיס גאָר חלשות! עס דרעהט זיך אויך הערשעלע מיט דער קאַבצאַנסקער בתולה זיינער דאָרט — און רב אַברהם טהוט זיך אַ האַפּ, אַ פּאַטשגעבענדיג מיט אַ פּאָר פינגער זיך אין שטערען און מאַכענדיג אַ-האַ גלייך ווי ער וואָלט געטראָפען רש״י׳ס אַ בעוואָהרעניש מיט׳ן כלומר אהאַ! אַצינד פערשטעה איך, וואָס ער מיינט, וואָס רפאל מיינט, וואָס איז דער טייטש „ערגיץ פערפיהרט״... פע, פע: — מאַכט ער, אונטערהייבענדיג די יאַרמילקע, און פאָכט מיט איהר איבער׳ן קאָפּ ווי אָבצוטרייבען פון זיך פליגען-זלידנעס. די פליגען אָבער טהוען זייערס — געדאַנקען קריכען, פיקען דעם מוח, די אומבעקאַנטע יפת-תואר פּיץ אַריין אויך אין דער מיט. עס מאָלט זיך אויס אין קאָפּ אַ שענע גע-

שטאלט, אַ ליכטיגע צורה, שײנענדיגע אויגען, עס צוגיסט זיך אַ ליעבּע װאָרימקײט — דעם יצר־טוב, אַי, װערט נישט גוט!... רבּ אַברהם ראַנגעלט זיך מיט די געדאַנקען, חאַפּט זיך צו בּעשעפטיגען מיט ערענסטע זאַכען: אַ נעהם טאָן אַ פּרק־משניות, צענעהמען אַ האַלבּ שטיקעל „בּרטנורא“, זיך פֿערנעהמען מיט אַ שען שטיקעל „זוהר“, נאָר אומזיסט די מיה, געדאַנקען בּעפאַלען איהם װי די הײשרעקען. ס'איז זײ מיט קײן זאַך נישט צונעהמען. זעץ אין קאָפּ תורה, אַז איהם קריכען נאָר עפּיס אַנדערע זאַכען! עס מאָלט־זיך עס, דענקט־זיך, דער רוח װײסט װאָס אַזױנס... רבּ אַברהם נעהמט זיך גאַנץ יודישליך זיפצען און דערבּײ טאַקע, װי דער שטײגער איז, שרײבּען מיט אַ פֿינגער אויפ'ן טיש אײן מאָל „פּטום הקטורת“, נאָכאַמאָל „פּטום הקטורת“, אַלײן נישט צו װיסען, אַז ער שרײבּט און װאָס ער שרײבּט.

— אַך, רבּ אַברהם, האָט מיר קײן פֿאַראיבּעל נישט! מאַכט רפאל, אַרײנקומענדיג עפּיס שטאַרק צוטראָגען, און לאָזט זיך אין אײלעניש צו דער קלײדער־שאַפֿע איבּערצוטאָן זיך.

- איך זעה, איהר אײלט זיך זעהר, מיר איז שוין אויך צײט צו געהן, זאָגט ר' אַברהם, אויפהײבּענדיג זיך פֿונ'ם בּײנקעל, און לאָזט זיך געהן צו דער טיר.

— נישטאָ קײן מינוט צײט. איך מוז בּאַלד טאַקע לויפען, קומט, קומט אַרײן צו מיר הײנט. געדענקט־זשע, נאָך הײנט. רבּ אַברהם!

„ס'איז עפּיס נישט גלאַטיג — דענקט זיך אין רבּ אַברהם'ס קאָפּ בּײם אַרויסגעהן פֿון רפאל'ן — װער זאָל עס זײן די יפת תואר?... אַ קרובה? װאָס־זשע איז ער אַזױ צוטראָגען? האַ, אפשר אַ װײבּ?! אַי װאָס, עס הײסט דאָך — ער איז אַ אַלמן? אַ קשיא אויף אַ ליטװאַק!“...

בּאַלד אָבּער האָט רבּ אַברהם הרטה, איז בּרוגז אויף זיך דערפֿאַר, װאָס איהם קען נאָר אײנפֿאַלען, אויף רפאל'ן אַזױנס צוטראַכטען. סטײטש, כּטײטש, רפאל, אַזאַ כּשר'ער, ערליכער מאַן מיט אַ גוט האַרץ! ער שאָקעלט פֿאַר גרויס פֿערדראָס מיט דעם קאָפּ, נעהמענדיג זיך בּײ דער בּאָרד, און לאָזט זיך געהן געשװינד.

———

דאָס דריטע קאַפּיטעל.

די מוהמע שײנצע, װעלענדיג, װי עס האָט געהײסען, אָנטאָן פֿאַרנינטען בּײלען, איז זי מיט איהר דורכגעפֿאָהרען זיך פֿאַרנאַכט אויף אַ שפּאַציר, עטהמען אַביסעל פֿרישע לופֿט. אַרויס פֿון שטוב זענען זײ אײנצװײען און געקומען צוריק אין אײנע — די מוהמע, זי אַלײן. די מידקײט איז געװען פּשוט אויס מענש פֿאַר גרויס עגמת־נפש װעגען בּײלען, נישט צו־װיסען, װאָס אַזױנס איז מיט איהר געשעהען און װאו איז זי הינגעקומען? פֿאַר יסורים קען זי נית אײנזיצען אויף אײן אָרט, נאָר אַרויס — אַרײן פֿון שטוב אין גאָרטען, פֿון גאָרטען אין שטוב, אומעטום צוקוקענדיג זיך, ניסטערען, אפשר װעט זי עפּיס אָנשמעקען.

זי זיצט זיך אַ מאָל אַזױ, אַ פֿאַרנאַכט, שטאַרק פֿערומערט, צװישען געדיכטע צװײגען אין דעם גאָרטען, הינטער דער שטוב, און װי איהר אויפ'ן האַרצען אַזױ איז דער הימעל, פֿעראומערט, בּעלײגט מיט שװאַרצע פֿינסטערע װאָלקענס. אין דער לופֿט אַרום און אַרום שמעקט תשעה־בּאָב! דאָס גרינװאַרג דאָרט, אָבּגעבּליאַקעװעט, בּוימער רוישען, זאָגען קינות אויף די בּלעטער, װאָס הײבּען־אָן געל־צו־װערען, און אויף דעם אויסגעקראָכענעם שפּיץ קאָפּ זײערען, װאַרפֿענדיג זיך אין אַלע זײטען, תאהדין דער װינט טראָגט. אומעטיג, פֿערזאָרגט שטעהען די פֿויגעל איטליכער אויף זײן ריבּעל, איטליכער אויף זײן צװײגעל, קראַצענדיג זיך מיט'ן שנעבּעלע אונטער די פֿליגעלעך, אויסשטעלענדיג אַ אויגעלע — אַ קוקעלע אַהין, אַ קוקעלע אַהער, אַ טרעסיל מיט די פֿעדערלעך, אַ נענעץ — און פֿויץ אַרײן אין די נעסטען — שלאָפֿען, נית זאָגענדיג קײן שירה, װי דער שטײגער זײערער איז, מנחה־צײט. אויך

דעם האָהן, דעם בעל־תאווה'ניק, פאַרגעהט די לוסט, נאַריש צומאַכען זיך היינט מיט די ווייבער זיינע. ס'איז גאָר ניט דער שטעל, גאָר ניט דאָס קרעה, וואָס תמיד, עס קומט אויס עפּיס געפּיפּט ווי פון אַ פּסול'ן שופר. ער שטעהט פערטראַכט, אויסשטרעקענדיג דאָס העלזעל, בלינצעלט מיט די אויגעלעך, אויסדרעהענדיג דאָס פּנימ'ל אַ מאָל רעכטס, אַ מאָל לינקס, און אינגאַנצען, משמינס־געזאָגט, זעהט ער אויס לעקישעוואַטע. פלוצלים טהוט ער אַ שאַר מיט די פיסלעך, אַ ריק זיך אין דער זייט, אַ קראַץ מיט אַ אַראָבגעלאָזט פליגעל די ערד, פאַרנעהמט די ווייבער זיינע און — אַ גוטע נאַכט! אַוועק מיט זיי אין זיין רוה אַריין... אַ שטילער טרויער שוועבט אין דער לופט, אַ מרה־שחורה — אַרום און אַרום! ביטער און וויער איז אויפ'ן האַרצען. עפּיס בײנקט זיך, טרויסט זיך, עס ציהט ערגיץ אַהין — אַהין... און די נשמה תייגט אינוועניג שטיל, צוגיסענדיג זיך אַהן ווערטער.

דרצט זיך אַזוי די טערקיניע צווישען די צווייגען פעראומערט, פערטיפט אין איהרע געראַנקען. דערווייל פאַלט־צו די נאַכט. וואָס ווייטער, ווייטער ווערט טונקעלער. די בוימער זעהען־אויס עפּיס אומגעלומפּערט, בעקומען אַ משונה פערענדערט פּנים, און דער כח־המדמה, אָט דער פּאַקופּניק, פאַרבלענדזעט די אויגען מיט אויסגעדאַכטע פּאַקוסען. פונמייטענס, אינ'ם טונקעלקייט, דאַכט־זיך דער טערקינע אויס, אַז ערגעל הייננגט אויף אַ בוים, הוידעט־זיך און ווינקט איהר: קום, שוועסטער, קום זיך הוידען מיט מיר אויפ'ן בוים! צ' טהוט דיך אַ חאַפּ דערשראָקען, און איידער נאָך זי ריהרט זיך פונ'ם אָרט לאָזען זיך איהר הערען טריט, און באַלד טאַקי קומט איהר צו די אויגען די מוהמע שיינצע, שטעהענדיג דאָרט אין גאָרטען מיט איציק פּאַקטער — אַ טין בעשעפעניש אַזעלכס, וואָס איז געלייגט אויפגעוויגט פון זיין ליבען נאָמען מיט אַ ריקען, זעהר געשמידיג זיך צובויגען, צובוקען; מיט אַ קופּערנעם שנאָבעל; מיט אַ פּאָר גנבה'שע אויגעלעך און אַ פּאָר הענטעלעך, אַקוראַט ווי עס פּאַסט איהם צו דער פּרנסה. דאָס דאָזיגע בעשעפעניש קניעט זיך, בויגט זיך, קריכט, דורכשטופּענדיג זיך דורך לעכער און שפּאַלטען, שמעקט, טאַפּט, האָרכט־זיך־צו, וואָס טהוט זיך דאָרט אין די הויכע פענסטער, חאַפּט אַ וואָרט און פאַרשלעפּט עס ווי אַ קאַץ פון איין אָרט צום אַנדערען, מאַכט שו־שו און טהוט אַ ביס שטילערהייט.

אָט מיט דעם טין בעשעפעניש פיהרט עס די מוהמע שיינצע איצט אַ געשפּרעך, און פונ'ם גאַנצען שמועס זייערען קען

דער טערקינע צו די אויערען נאָר איין וואָרט פון צעהנטען — „זיצט... האָריל... וואו דאָס מיידעל?... שלעכט... אַרבייט, קאָמיסיאָנער רפאל... געלט... תשובה־געלט, תפילה־געלט... צדקה־געלט..." אַזוי רעדט איציק. די מוהמע שיינצע טענה'ט, פאַרגלאָצענדיג די אויגען צום הימעל, שטופּט אַריין איציק'ן עפּיס אין דער האַנד און באַלד ווערען ביידע פערשוואונדען.

דער טערקינע איז עס אַריין אין דער נאָז, זי שטויסט זיך, אַז דאָס איז ניט גלאַט, דאָ איז עפּיס אַ צרה. וואו איציק פּאַקטער הייזט זיך, דאָרט איז אַ קרעצעל. און פלוצלים פאַלט איהר איין אַ געדאַנק, ניט אַנדערש, אַז דער שמועס צווישען דער מוהמע מיט איציק פּאַקטער האָט אַ שייכות צו דער מעשה מיט ביילען. וואָס מעהר זי האָט צעקיים די ווערטער, וואָס זענען איהר געקומען צו די אויערען, איז איהר געוואָרען קלערער, אַז דער שמועס איז געגאַנגען איבער ביילען. אַ פּנים, ס'איז דאָ עמיצער, אַ תקיף, וואָס שטעלט זיך פאַר איהר אַרויס. דערווייל האָט מען עס, אַ פּנים, אַ נעהם געטאָן צום סטיק זוואָרלען. אַצונד איז שוין פערענטפערט געוואָרען, פאַרוואָס מען זעהט זי נישט דאָ, ביי דער מוהמען, שוין עטליכע טעג. די מוהמע האָט בעצייטענס זיך געאיילט צובעהאַלטען די טרפה סחורה — אָט וואָס דער עפּאַציר איהרער מיט ביילען בעטייט!

די טערקינע נעהמט פּשוט אים פאַר רחמנות אויף ביילען, און ניט זיך אַ וואָרט, נוקס זיך צוזיין פאַר איהר, נעבעך, מיט וואָס נאָר זי וועט קענען.

זי נעהמט אַרויס פונ'ם גאָרטען, בלאָנקעט זיך אַרום אין היף שרעקליך אויפגעבראַכט. און ווי זי שטעהט אַזוי ביים טויער, דערזעהט זי פאַרבייפאָהרענדיג אויף דער גאַס אַ פאַיעטאָן, און וועלכען גיי זי דערקענט, איז די מוהמע מיט ביילען זיך דורכגעפאָהרען נעבעטען. די פיס איהרע טהוען זיך אַ לויז, גיי פון זיך אַליין, און זי שפּרינגט אַריין אין פאַיעטאָן.

— וואוהין? — פרעגט דער פוהרמאַן.

— וואוהין? — מאַכט די טערקינע, בעטראַכטענדיג זיך — אַהין... וואוהין נעבעטען פאַרנאַכט איהר זייט געפאָהרען. איצט גייסט אייער שוין וואוהין?

— אַ שאלה אַ ביסעל אויב איך גיים! דער קאָפּ איז מיר נאָך

אויפ'ן אָרט, ברוך־השם. איך ווייס, ווייס, וואוהין איך האָב געבעטען געפיהרט די מוהמען מיט נאָך א פאַרשווינדעל. אפשר ווייס איהר עס מאַקי די מוהמע אַליין. דער שאַל איז אָנגעריקט איבער'ן קאָפּ, אַזוי אַז עס ווערט זיך נישט אַרויס דאָס פּנים.

דער פאַעטאָן איז צוגעפאָהרען צו אַ שטוב ערגיץ אין אַ פאַרלעגענע אָרט בעמט אונטער דער שטאָדט.

— טפּררר! — שטעלט אָב דער פוהרמאַן די פערד, ריידענדיג ווי צו זיך אַליין — אַצונד, האַ, זעהט איהר, אַז איך ווייס. אַ חידוש אביסעל! מיין גאַנץ לעבען אַ פוהרמאַן בין איך, געלויבט דער אויבער־שטער, זאָל איך נים וויסען, וואו וואוינט פייביל דער קליינער! אַ נע־לעבטער, כ'לעבען, איך טאַפּ־אָן, ווי אַ רב, אַלע שווערע ערטער דאָ אין דער פינסטער. די פערד מיינע, להבדיל, זענען אויך גרויסע למדנים דאָ... האָט זי עס מיך געפרעגט אַ שאלה: אויב איך ווייס וואו זיצט פייביל דער קליינער!... אָט האָט איהר אייך דאָס הויז פייביל דעם קליינעמס, אָדער פייביל יקטן, ווי ער הייסט ביי אונז!

אזוי האָט גערעדט פאַר זיך דער בעדייערעחדינער פוהרמאַן, אַריינלייגענדיג אין קעשענע דאָס פוהרגעלט און אַהעקגעפאָהרען צוריק.

דער טויער פון יקטן'ס הויז איז געווען צוגעשלאָסען. די מערקינע האָט דאַרויף זיך נישט שטאַרק מצער געווען. ווען אפילו ער זאָל זיין אָפען, וואָלט זי אויך אין שטוב נים אַריינגעגאַנגען. עס וואָלט געקענט פאַלען אויף איהר אַ חשד און איהר גאַנצער פּלאַן קאַליע ווערען. זי האָט געוואוסט, ווער פייביל דער קליינער איז, אַז ער איז איינער פון די בחור'ס באַנדע, אַ ממזר, אַ פערדאַרבענער ווי ער.

אַצונד איז ביי איהר געווען גאַנץ קלאָר, אַז ביי איהם אין הויז האָט די מוהמע בעהאַלטען בײלען ביז עס וועט איבער־געהן די בייזע שעה. איהר איז געגונג, וואָס זי ווייס וואו ביילע געפינט זיך, איצט וועט זי זיך בעטראַכטען, וואָס זי האָט ווייטער צוטאָן.

די נאַכט האָט דער מערקינע זיך נישט צוגעמאַכט קיין אויג. זי האָט אַלץ געטראַכט, וואָס טהוט מען, וואָס הויבט מען אָן?

לסוף קומט איהר אייפ'ן זינען — דער קאָמיסיאָנער רפאל, פון וועלכען איציק פאַקטער האָט גערעדט. דעריבער שטעלט זי

זיך אָב, טראַכטענדיג: אָט דאָס איז דער, וואָס אַרבייט אַזוי שטאַרק!

אויף מאָרגען האָט זי זיך דערפרעגט צו רפאל'ן, געקומען בשעת ער האָט געשמועסט מיט רב אברהמ'ן, און איהם דערציילט בסוד די גאַנצע מעשה.

דאָס פֿערטע קאַפּיטעל.

דער וואָס מיינט, אַז רב אָשר דער מעקלער איז פֿאַר'ן שלעכטען בענעגעניש ברונז געוועזן אויף רפֿאל'ן אַ לאַנגע צייט — האָט, זאָל מוחל זיין, אַ גרויסען טעות. רב אָשר איז דאָך נאָך אַלע זאַכען פֿאָרט אַ יוד, וועלכען עס מאַכט ניט אַזוי אויס דער נאַרישער כּבוד, וואָס נעהמט־אָן פֿאַר ליב אַ מאָל אויך אַ פּאַטש, נישט צומאַכען זיך דערפֿון אַזאַ פּירוש. חלילה. וואָלט רפֿאל געוועזן אַ „פּריץ", מעג מען זיין זיכער, אַז רב אָשר'ן וואָלט כּלל נישט איינגעפֿאַלען פֿאַראיבעל צוהאָבען, חלילה, אפֿילו ווען ער, דער פּריץ הייסט עס, וואָלט איהם געגעבען אין קאַרק און אַראָבגעשליידערט פֿון אַלע טרעפּ. ער, רב אָשר הייסט עס, וואָלט זיך אויפֿגעשטאַנען, אויב נאָר ער וואָלט ניט געבראָכען האַלז און נעניק, מיט דעם אויבערשטענס הילף, אָבגעשאָקעלט די פּאָלעס, געמאַכט מיט אַ קרימעלע: עט! און צוריק אַרויף צום פּריץ מיט אָבשיי, מיט אַ בוק, פּרובען נאָך אַ מאָל טאַקי קריכען צו איהם מיט אַ געשעפֿטעל, אולי ירחם. און פֿאַרקעהרט. וואָלט רפֿאל געוועזן אַ אידעל, טאַקי אַ אי־דעל וואָס הייסט, מיט די ביינער, וואָלט רב אָשר גערעדט מיט איהם, אָהן מחזקות, ווי אַ יוד מיט אַ יודען, נישט מאַכענדיג קיין צערעמאָניעס, גוט אָבגעשייגעצט איהם ווי ער פֿאַרדינט, און דער הייסער רגע טאַקי, און אַוועקגעגאַנגען גאַנץ רוהיג מיט דער דעה, מאָרגען, אם־ירצה־השם, ווידער אַריינגעהן צו איהם, איבערשמועסען דעם עסק אַזוי און פֿאַרקעהרט. רפֿאל אָבער איז דאָך ניט דאָס, ניט יענץ, אָדער דאָס און ניט דאָס, יענץ און ניט יענץ. ריידען מיט איהם אויף דעם שטייגער ווי מיט אַ יודען: — איך דיך אַ שטופּ, דו מיך אַ שטופּ; איך דיך אַ

נעהם אַ בערדעל, געבענדיג דיר צו פֿאַרשטעהן מיט'ן גראָבען פֿינגער און דו מיך אַ נעהם ביי מיין בערדעל, געבענדיג מיר צו פֿאַרשטעהן מיט דיין גראָבען פֿינגער — אַזוינס צו טאָן איז נאָר ניט מעגליך. אמת טאַקי, ער איז מאחינו בני ישראל, אָבער אין דער הלבשה, אין דער בענעהמונג זיינער איז עפּיס נישט דאָס... נישט יודישליך. מיט איהם בענעהמען זיך אַזוי־זיך, נטבּרידערשאַפֿט, מעשה־איד — חלילה וחס! אלא וואָס דען־ושע, האָבען פֿאַר איהם דרך־ארץ, אַראָבשלינגען זיינס אַ בעליידיגונג און שטעהן פֿאַר איהם ווי אַ קנעכט, אָדער ווי אַ יוד פֿאַר אַ פּריץ — איז ער דאָך אין־גרונד־גענומען פֿאָרט אַ יוד, ווען אפֿילו ניט אינגאַנצען, איז ער וועניגסטענס אַ שטיקעל יוד.

דעריבער איז נאָר קיין וואונדער ניט, אַז אַזאַ שלעכטע בענעגעניש, וואָס רב אָשר האָט נעהאַט ביי רפֿאל'ן, נישט צו קענען אַראָבשלינגען עס, נישט אָבצוזוענטפּערן צוריק, האָט איהם שטאַרק צומישט, און דאָס האַרץ איז שיער איהם ניט צופּוקעט געוואָרען פֿאַר כּעס אינוועניג אין זיך. אפֿילו אַ מעקלער אַ מלאך וואָלט אויך געקענט, שונאי־זיון, צופּוקעט ווערען, נישט אויסהאַלטענדיג אַזוינס. גלייך געטאָן האָט טאַקי רב אָשר, וואָס ער האָט זיך געשווינד אַרויסגערוקט פֿון שטוב מיט פּערדראָס, ווי באַלד אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער אויסגעלאָזט זיין כּעס, זיין שווער ביטער געמיט צו רפֿאל'ן אונטער די אויגען. און איז געוועזן זעהר גע־רעכט. להבדיל, אַ הונד אפֿילו, וואָס חאַפּט זיך אַרויס פֿון דער קלעהם, פֿון צווישען דער טיר, אויף דער גאַס, הייבט אויף דעם וויידעל, אָב־שטעלענדיג זיך, און בילט אויך פֿונדערווייטענס. נאָך זעהר שען פֿון רב אָשר'ן, וואָס חאָטש מיט'ן מויל גאַנץ עפֿענטליך, אין אַזאַ פֿאַל איז אַ יוד אַ מאָל ניט פֿויל אויף דער פּען, אַריינצושיקען שטילערהייד אַהין, אַהין... שוואַרץ אויף ווייס, אַ „שיר המעלה" אויך. קרים האָט רב אָשר אויס־געגאָסען דאָס האַרץ, אויסגערעדט זיך פֿאַר לייטען, איז איהם אָבגע־גאַנגען דער כּעס און ער איז אָבגעקיהלט געוואָרען.

„עט, ווי איך בין אַ יוד! — טראַכט ביי זיך רב אָשר, איבערבע־טענדיג זיך מיט רפֿאל'ן אין האַרצען — און אַז ער האָט געזאָגט דאָס און דאָס, מכבד געווען מיך מיט אַ וואָרט, אַזוי און אַזוי... מילא איז וואָס? נאַרנישט, כ'לעבען, הבל הבלים! דער גאַנצער נאַרישער כּבוד איז ניט ווערטה קיין גראָשען. און וואָס נעהר זיך אָן אַזאַ שמאַת'עריי צום האַנדעל?... אַ רעכטער סוחר יאָגט זיך ניט נאָך כּבוד, אין תכלית. אין תכלית אַריין קוקט ער, אָט וואָס!... נאָך דעם גאַנצען

פֿירן זײנעם אויף מיר, אַז איך בין אַזוינער און אַזוינער... לאָז איך פֿונדעסטוועגן נים אָב דעם עסק. היינט אָדער מאָרגען וועט ער איהם, מיט רײַם אויבערשטענס הילף, אָננעהמען, נישקשה! ער סעג זיך ביזערן, שפּײַען „בואי בשלום" וויפֿיל ער וויל... וואָס איז עס פֿאַר אַ לשון: איך וויל נים! „ער" — וויל נים, און „איך" וואו בין? איך, הייסט עס, בין גאָרנישט, מײַן ווילען איז עט־שמעט?... נאָך אַ טאָג, נאָך עטליכע טעג וועלען מיר זעהן, וועמענס ווילען איז שטאַרקער, נישקשה, עס הויבט מיך נים אָן צוצאַרען!... אײַ־אײַ־אײַ — טהוט זיך פּלוצלים רב אָשר אַ חאַפּ, קראַצענדיג זיך בײַ דער פּאָה מיט אַ זיפֿץ — עס הויבט מיך נים אָן צוצאַרען, זאָג איך. אוי, אַרט מיך, זעהר שטאַרק אפילו — היינט איז דאָך דאָנערשטאָג, אַז אַך און וועה מיר ז"

דאָנערשטאָג איז אַ שווערער טאָג פֿאַר אַ יודען. דאָנערשטאָג בעט דאָס ווײַב געלט אויף שבת. אַ אָרעמער יוד דאָנערשטאָג איז דאָס וואָס אַ בייזע פליג, אַ זלידנע, סוף זומער: עס קריכט, זוכט, ניסטערט, שטעקט אַרײַן דאָס נעזעל אין איטליכער זאַך, אײַנשטעלענדיג זיך פּשוט דאָס לעבען. נאָך אַלע שווערע מיה רב אָשר דעם מעקלערס, נאָך זײַן אַרויסלויפען, פֿאַרטראָגענקייט הו־הא טאָג ווי נאַכט, האָט ער געלעבט אין נויט. און אַלע דאָנערשטאָג פּלעגט איהם, ווי אַלע יודען אביונים, די נשמה אויסגעהן פֿאַר אַ גראָשען, ביז איהם פּלעגט געראָטען בײַ איינעם אַ בעקאַנטען צודערטאַפּען עטליכע גילדען אַ גמילות־חסד. און אין לעם דאָנערשטאָג גראָד איז איהם געווען ערגער נאָך ווי תמיד, ווײַל ס'איז שוין נים געווען מעהר בײַ וועמען צולײַען. פֿאַלט איהם אײַן — רפאל! בעטען היינט אַ גמילות־חסד בײַ רפאל'ן. און דאָס האָט פּיעל געהאָלפֿען, ער זאָל זיך איבערבעטען מיט רפאל'ן, מוחל זײַן איהם, וואָס ער האָט איהם פּוגע בכבוד געווען. „אַ יוד טאָר נים ברוגז זײַן" — טראַכט בײַ זיך רב אָשר, אויסשטעלענדיג אין געדאַנק אַ קלוג שמועסעל מיט רפאל'ן. אָנהויבען זאָל זיך עס גלאַט אַזוי זיך, אין דער וועלט אַרײַן, עס וועט זיך אַזוי קײַקלען, קײַקלען, פּיז עס וועט צוקומען צו דער מטבע — אָט דאָס וואָס מיינט דער פּסוק!... ער גלעט זיך דאָס בערדיל, משונה הנאה האָבענדיג, גלײַך ווי אַ געפֿיהלט העלטיל ליגט פֿאַר איהם אויפֿ'ן טעלער און דער ריח פֿון שבת'דיגע מאכלים פֿאַרנעהט איהם אין נאָז אַרײַן. און ווי ער שטעלט אַ פּוס, גרייט צוגעהן, דערזעהט ער פֿונדערווײַטענס פֿאָהרענדיג רפאל'ן, און קענטיג אין פּנים, אַז ער

איז שטאַרק פֿאַרטראָגען, פֿאָהרט ניכער אָבאַרבײַטען אַ געשעפֿט. רב אָשר'ן האָט עס געגעבען אַ קלאַפּ אין האַרצען, ער בלײַבט פֿערגאַפֿט, אויפֿעפֿענענדיג דאָס מויל און אויפֿשטעלענדיג די נאָז.

„דאָס איז נישט גלאַט אַזוי זיך אַ פֿאָהר — טראַכט־איבער בײַ זיך רב אָשר — אוי, פֿאַרשטעה איך! איך פֿאַרשטעה, נישקשה, וואָס איז אויף איהם אַזוי דאָס אײַלעניש. שווער מיך אָבצונאַרען, דאָס לויפֿט ער אָבמאַכען דעם עסק אָהן מיר. אוי, ווי זאָל איך עס אויסהאַלטען, נישט משוגע צו־ווערען, אַז איך זעה ווי מײַן אַרבײַט, מײַן מיה נעהט פֿאַרלאָהרען? איך ליג־פֿאַר דעם עסק, טהו, אַרבײַט, קריך אויס דער הויט, רעד־רעד, ווער צוזעצט רעדענדיג, און ער... ער מיינט, איך בין אַ קינד, אַ מלופּום־קינד בין איך, מעג ער מיט מיר טאָן וואָס ער וויל. ניין, ברודער! איך האָב אַ נאָז און שמעק, פֿונדערווײַטענס שמעק איך אָן".

און רב אָשר'ס נאָז טהוט זיך אַ קריץ. דער צאָרן איז גרויס. נאָר היינט איז דאָך אָבער דאָנערשטאָג. די לײדיגע קעשענע, די בײַטערע נויט דערמאָנען רב אָשר'ן, אַז אַ יוד אַ קבצן טאָר נים אין כעס זײַן, מוז אָננעהמען פֿאַר ליעב אַ פּאַטש אויך. וויפֿיעל יענע זאָלען איהם נים קריוודען, צופּען, רײַסען, מוז ער די וועהטאָגען טראָגען שטיל אין זיך, אַרונטערליגען זיך אונטער יענע שענע לײַט, זיי נאָך בענטשען — מאריך ימים זאָלען זיי זײַן, און ליעבען אין טאָג אַרײַן מיט אַ זיס פֿרעהליך פּניםל כלומר'שט.

און רב אָשר האַלט־אײַן דעם כעס, גלײַכט אויס די נאָז. נעהמט אויף זיך אַרויף אַ זיסע ליכטיגע צורה און לאָזט זיך אין אַ פּאָר שעה אַרום נעהן צו רפאל'ן, הייבט בײַ איהם אַ גמילות־חסד לכבוד שבת. נאָר — וועה איז איהם אין דעם פֿינסטערען מזל זײַנעם — נישטאָ רפאל אין דער היים! ער פֿוילט זיך נים נעהן נאָך אַ פּאָר מאָל, און אַלץ טאַקי — נישטאָ רפאל! און נאָך דער לעבעדיגער ווײַסט, ווי שטאַרק אָנגעוואָלצען רב אָשר'ן איז געווען אויפֿ'ן האַרצען. איז דער טאָג איהם פֿערגאַנגען אין צרות, דערפֿאַר האָט ער אין אָוונט זיך אַ ביסעל אונטערגעהעצקעט.

ס'איז געווען „ליהודים" — אַ שמחה, אַ פֿרייד אויף יודענס קעפּ!

ראש־חודש אָב צום מולד האָט זיך געענדערט די „פּאָגאָדע", פּונקט פֿאַרקעהרט ווי דער לוח שרײַבט. דאָרט שטעהט: שענע, לויטע־

רע מעג, מיט אַ מאָל גאָר איז קעלט און רעגנס די אַסיענציים. ייִדען קריכען, נעבעך, ביזן האַלז ווייט אין די גלופּקער בלאָטעס מיט די שיך און זאָקען, און אידישע מעכטער מיט די זיידענע קליידער און גילדענע בראַסלעטען. מילא אויף קליידער, וואָס ווערען פֿאַרשמירט, פֿאַרשלומפּערט, איז דער וועהטאָג נאָך נישט אַזוי גרויס, וואָרום דערויף ווענען די ראָך לאַנג, אויסגעלומפּערט, כּדי מאַקי אַרויפֿגעהטען אויף זיך די בלאָטע; וועה געמאָן האָט יידען דאָס האַרץ — אויף דער לבֿנה, נישטאָ די לבֿנה! יודען הלשען האָטש אויף איין מינוט אָנקוקען איהר ליכטיג פּנים, סטיימש, ס'איז שוין אַוועק דער ערשטער קוואַרטעל, זי איז שוין אויף דער צייט, אונטערגעוואַקסען ווי מען בעדאַרף, ראוי לברכה, מאַקי נעהם און זיי זי מקדש כּדת ישׂראל, גאַנץ יודישליך — און זי בעהאַלט זיך, עפּיס נאָר מאַקי ווי זי שעהמט זיך... פּלוצלים הייבען דאָנערשטאָג פֿאַרנאַכט קריהען די העהנער. עס מהוט אַ בלאָז אַ ווינטעל, עס צוגעהען זיך די וואָלקענס, און אַ שענע, קלאָרע לבֿנה, ווי אַ אויסגעצוואָגענע, אויסגעפּוצטע כּלה, טרעט אַרויס האָפֿעדיג, בעגלייט פֿון דער גרויסער משפּחה שטערען, פֿיינע מחותּנים, איינגעטונקטע אין גאָלד, אין בריליאַנטען, און גאַנץ גלופּסק מיט איהרע קאַליושעס בעקימען אַ שיינענדיג פּנים. עס פֿינקעלט, עס לויכט אומעטום! יודעלעך לויפֿען אָנזאָגען די בשורה, אונטערטרייבענדיג איינער דעם אַנדערען: ניכער, פֿייטיל! זהער, אהער, זרח, גרונם, סענדער, פֿישעל! בעריל דער שומער הייבט זיך געשווינד אויף פֿונ'ם קלעציל, שמעריל דער שניידער ליינט אַוועק די אַרבייט, פֿאַרשטעקענדיג אין לאַץ די נאָדעל, לויפֿען אַרויס און שטעלען זיך קוקען דער לבֿנה אין איהר ליכטיגער צורה. דאָס גאַנצע געזעמעל צושאָקעלט זיך, שרייענדיג אויף אַלערליי מיני קולות. עס לאָזען זיך הערען בת-קול'כלעך דיניגקע פֿון קליינע יונגלעך, גרעבליכערע פֿון בחורים, גראָבע, הייזעריגע, פֿאַרלעגערטע, בעטבאָוע אויף דער געמבע פֿון אַלטע, בעטאָגטע, גרייזגרויע, פּאַנפּעוואַטע, לאַבנעזינע און ברייטביכיגע בעלי-הבתּים. די לבֿנה נעהמט זיך איהר גוט אָן יודען שפּרינגען, העצקען זיך איהר אָקעגען לעבעדיג, פֿרעהליך.

איך אַנזער רב אָשר העצקעט זיך אויף די שפּיץ-פֿינגער צווישען דעם געזעמעל. דערזעהענדיג דאָרט געבען זיך רב אברהם'ן, מהוט ער זיך צו איהם אַ בוק עפּיס משונה, זאָגענדיג מיט אַ ניגון דריי מאָל:

— שלום עליכם!

— שלום עליכם, עליכם שלום! — ענטפֿערט-אָב רב אברהם, מפסיק-זייענדיג אינמיטען וואו ער האַלט. און אין אַ מינוט אַרום בייטען זיך די יוצרות. רב אברהם קעהרט אויס דאָס פּנים, זאָגענדיג מיט אַ בוק דריי מאָל „שלום עליכם" רב אָשר'ן, און רב אָשר ענטפֿערט איהם אָב „עליכם שלום" בשעת אונטערהעצקען זיך ביים „כּשם שאני רוקד" אַקעגען דער לבֿנה.

און ווי זיי העצקען זיך דאָ ביידע, בוקען זיך און זאָגען „שלום-עליכם" איינער צום אַנדערען, פֿאָהרט געשווינד פֿאַרביי זיי אַ פֿאַעטאָן מיט דריי פֿאַרשפּינגען אינגווענינג. רב אָשר דערקענט באַלד דאָרט רפֿאל'ן און ווערט פֿערצאַפּעלט מיט די ביינער. עס ענדערט זיך איהם דאָס קול, גלייך ווי אַ ביין וואָלט זיך איהם געשטעלט אין האַלז, פֿון גראָב ווערט עס דין, און ער לאָזט אויס דאָס דאַווענען מיט אַ וויינענדיגען פּישטש. די נשמה זיינע ווייגט אין איהם, פֿאַר גרויס וועהטאָג און פֿערדראָס, וואָס רפֿאל נאַרט איהם, מאַכט שטילערהייט אָב געשעפֿטען אָהן איהם. ער שטשירעט-אויס אין אויג אויף רב אברהם'ן, קוקט איהם אָן שאַרף, טראַכטענדיג ביי זיך: מען בעדאַרף דיך גוט אויסטאַפּען. איך וועל דיך, פּעטער, נעהמען אויפֿ'ן ציימבעל. פֿון דיר וועל איך מיך דערגעהן אַלסדינג!

יודען ענדיגען דאָס דאַווענען און שפּייען אויס, פֿונאַנדערגעהענדיג זיך איטליכער צו זיך אַ היים. רב אברהם שפּייעט אויך אויס און וויל געהן זיין וועג, נאָר רב אָשר נעהמט איהם אָן ביי דער פּאָלע און זאָגט:

— וואָס איילט איהר זיך אַזוי, רב אברהם? וואַרט אַביסעל, זייט-זשע מוחל, וועלען מיר געהן צוזאַמען. איהר געהט דאָך אַ היים.

— ס'מהוט מיר זעהר לייד, וואָס היינטיגס מאָל האָבען מיר צו געהן נישט אויף איין וועג — מאַכט רב אברהם — איך געה צו רפֿאל'ן, געה איך איצט.

— אָך, זעהר גוט! — זאָגט רב אָשר, אַ סמאָרע-געבענדיג — דער נאָז פֿאַר גרויס הנאה — אויב אַזוי, וועל איך אייך בעגלייטען, און געהענדיג וועל איך דערווייל שמועסען מיט אייך וועגען עפּיס אַ ענין.

— מהיכא-תיתי, אז איהר ווילט זיך מטריח זיין, אָך!

— מה נאמר ומה נדבר, וואָס זאָל איך זאָגען, וואָס זאָל —

יידען? — הויבט-אָן רב אָשר געהעגדיג זיין שמועס פול מיט שמר-שטיק. אונזער בעגעגענען זיך דאָ היינט, רב אברהם, איז מן-השמים, טאַקי גאָר פון גאָט. בעגעגענען אַזאַ מענשען ווי איהר באַלד נאָך קדוש-לבנה איז אַ גוטער סימן, ס'וועט, אם-ירצה-השם, זיין אַ מזל'דיגער חודש, אָמן. הלואי, רבונו של עולם! איך זאָג תמיד, אומעטום, אין מאַרק, אין די קאַנטאָרען, זאָג איך: נאָר בײַ אײנעם איז נאָך דאָ דער אמת, יושר, גערעכטיגקייט אין דאָס פּינטעלע יודישקייט. און בײַ וועמען? — בײַ רב אַברהם'ן! אוי, רב אַברהם, רב אַברהם, איז עס היינט אַ צייט, רב אַברהם! וואָס ווייסט איהר, וואָס ווייסט איהר... איהר ווייסט אײַך אײַער בית-מדרש, איהר זיצט זיך על התורה ועל העבודה, לערענט, דאַווענט. אַז-וואויל איז אײַך! אוי, ווען איהר זאָלט וויסען אונזערע סוחרים, די קרעמער, די מאַרק-מענשען אונזערע — זאָל מיך גאָט נישט שטראָפען פאַר די רייד — אַלסדינג מעגען זיי. נישטאָ קיין תאָהר וואָרט בײַ זיי, יאָ איז ניט יאָ, ניין איז ניט ניין, אַ שבועה נים קיין שבועה. „ויאמר" איז דער טייטש געבולען „וידבר" — מאַני-פאָרגע, העגטשקע-לשון, אַזוי אַלץ הינטען-אַרום, הינטען-אַרום. איטלי-כער מיינט נאָר זיך, זיין טובה, די גאַנצע וועלט איז בעשאַפען גע-וואָרען נאָר פאַר איהם, פאַר איהם אײנעם. אין פלוג, אָנקוקענדיג זיי, זעגען זיי, דאַכט זיך, מענשע פיינע בריות, פיהרער נאָר... האָס העלפט דאָס ריידען — הכל הבל, ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט! מיינט איהר דאָך, אודאי קענט איהר דאָך מיינען, אַז ער... רפאל אײַערער, למשל... — שטאַמעלט רב אָשר ניט ענדיגענדיג זיינע ווערטער, שטעלט אויס די אויגען אויף רב אַברהם'ן שווייגענדיג, צוזעהן, אויב ער פאַר-שטעהט זיך אויפ'ן ווינק און אויב דער ווינק איז איהם לרצון, און מען מעג אַרויסזאָגען זיך פאַר איהם שוין טאַקי גרעבליך

— וואָס ער? וואָס, אַ שטייגער, רפאל מיינער, למשל — פרעגט רב אַברהם אויפגעבראַכט — האַ, אפשר איז רפאל קיין אָרענטליכער מאַן נישט?!

— אי-אי, רב אַברהם! האָט איהר דאָך, איך בעט איבער אײַער כבוד, האָט איהר מיך דאָך נישט פאַרשטאַנען. אַדרבה, פאַרקעהרט! דער פשט פון מיינע ווערטער איז אַזוי: קענט איהר דאָך מיינען, אַז רפאל, רב רפאל אײַערער, איז אויך למשל ווי יענע לייט? חס-ושלום! האָט קיין טעות נישט! זאָג איך אײַך, ער איז אַ צדיק תמים!... בײַ „חקרנים" איז נאָך דאָ אויך יושר. אַ וואָרט איז בײַ זיי אַ תאָרט. איך

האָב איהם ליעב, באמת ליעב. פונאיינטוועגען בין איך גרייט האָטש אין פייער, אין וואסער. איהר מעגט עס איהם טאַקי איבערגעבען. נישקשה, דאָס וועט נישט הייסען קיין רכילות... יאָ, אָבער — שטעלט זיך אָב אין מיטען שמועס רב אָשר מיט אַ זיפץ, ווי ס'איז איהם שווער אַרויסצוזאָגען — אָבער ס'איז אַ וועהטיג צו זאָגען, ער... רב רפאל אײַערער, איז אַ ביסעל נישט יוצא אַקעגען מיר...

— מיט וואָס, אַ שטייגער? שטאַמעלט ניט, רב אָשר, רעדט ריינע דבורים.

— טאַ, אַז איהר פאָדערט אַזוי, מוז איך אײַך זאָגען, רב אַברהם — מאַכט רב אָשר מיט אַ קנייטשעלע, ווי ער טהוט עס נישט גערן — וועמען זאָל איך זאָגען, ווען ניט אײַך, רב אַברהם?... איך בעט אײַך, וואָס, אַ שטייגער, וואָלט מעלתו געזאָגט, ווען מעלתו, איהר הייסט עס, וואָלט פאָרגעלעגט אײנעם גוטע עסקים, רעיאַלע, געשאַן, געאַרבייט, אָנגעערדט זיך ווי אַ פויק און לסוף וואָלט יענער שטילערהייט אָבגע-מאַכט די עסקים שאַ-קיטש? איהר פערשטעהט דאָך אַצונד אַ קעגען וועמען איך רעד...

— איהר האָט אַ טעות, רב אָשר! רפאל איז ניט דער מענש צוטאָן אַזוינס. ניין, ניין!

— און אַז יאָ, אויב אַזוי ווי איך זאָג, וואָס וועט זיין

— וועל איך געבען קנס, וויפיעל איהר אַליין וועט הייסען.

— אויב אַזוי, זאָל מעלתו זיך מטריח זיין צודערגעהן, וואוהין איז ער עס היינט אַזוי פאַרטראָגען, נאָר אין איין אָטהעם אַרויסגעפאָהרען דעם גאַנצען טאָג. נאָר, שאַ! זאָל עס בלייבען צווישען אונז. פאַרזיכערט איהר מיך דאַרויף, רב אַברהם, מיט אײַער וואָרט, כהן שלכם, מיט אײַער הן?

— בהן שלי! — נו, אָט זעגען מיר שוין געקומען, רב אָשר. אַ גוטע נאַכט!

— וואָס דיינקט איהר, רב אַברהם, אפשר זאָל איך אײַך אַריי-נעהן, אַז איך בין שוין דאָ, האַ?

— אַז איהר גילט, מהיכא-תיתי. גוער לאָזט אײַך ניט קומט!

רב אָשר געהט אין אַנגסטיש הינטער רב אַברהם'ן און איז איהם מכבד מיט עפענען די טיר.

— פארשלאָסען! — זאָגט רב אברהם — רפאל איז נישטאָ אין דער היים.

— אָ־וואַ! — קרעכצט רב אָשר און שילט אין הארצען דעם פינסטערען מזל זיינעם — וואָס טהוט מען אצונד?

— נאָרנישט! — ענטפערט רב אברהם ווי א תם — אַיינר געהט מען א היים שלאָפען, אויסרוהען זיך נאָך אַזאַ טאָג אַרבייט. איך בעדארף נאָך אריין אין אַ אָרט, וועל איך מיר דורכגעהן דורך דעם הויף אויף דער אַנדערער גאַס. א גוטע נאַכט!

— וואַרט, זייט מוחל, וואַרט אַביסעל, רב אַברהם. ע־ע־ע! — מאַכט רב אָשר ווי מיט א האַלבען מויל, קראַצענדיג זיך ביי דער פּאה — אָ־חאַ, שלעכט... ערב שבת... פאַרשטעהט איהר?... איך קען ניט, אוי־אוי, קומען אַ היים... אפשר געפינט זיך. אפשר ביי אייך עפּיס געלט? בים־בים־בים!

— מיין גאַנץ פאַרמעגען נאָר א קליינינקייט. ווילט איהר, קען איך עס אייך לייען — זאָגט רב אַברהם, אַריינלעגענדיג די האַנד צו זיך אין קעשענע.

די לבנה האָט צוזעהען פונ'ם הימעל די דאָזיגע פרייערדיגע סצענע, איז געווען א עדות, ווי יודען, משטיינס־געזאָגט, זענען זיך מפרנס; ווי רב אָשר, דער הויפּטמעקלער, וואָס איז שטענדיג פאַרטראָגען אין געשעפטען, האָט מיט אַ ביטערען דפק אַריינגעלעגט אין קעשענע דעם גמילות־חסד, וואָס ער האָט גענומען ביי רב אַברהם'ען אויף שבת. און נאָך אַזויפיל אַרבייט, נאָך אַזויפיל אַנלויפען זיך ווי א הונד א גאַנצען טאָג, איז ער מיט עטליכע גראָשען, ניט זיינע, געקומען מיד, צובראָכען א היים, צום חייב און קינדער...

די לבנה האָט געזעהן דעם דאָזיגען יודען, זיין קאָפּדרעהעניש, זיין נויט, דאָס ביטערע עלענד זיינס, און איז זיך געגאַנגען אומעטיג פאַרטראַכט:

און דער הונגר דאָרט, אוי־וועה, דער הונד דאָרט בילט!...

דאָס פינפטע קאַפּיטעל.

אַרויסגעהענדיג אין גאַס, אויף יענער זייט הויף, האָט רב אַברהם דערזעהן, ווי רפאל שטעהט און רעדט דאָרט מיט דעם איינענעם ווייבעל, וואָס איז צו איהם געקומען היינט ביי־טאָג. איהר שיינענדיג פּנים ביי'ם אָבגלאַנץ פון דער לבנה נעהמט זיך אויס אין דער טונקעלקייט פון דער נאַכט, ווי א ווייס געמאָלט בילד אויף א שוואַרצען גרונט, און בעקומט דאָדורך נאָך מעהר חן. ער קוקט זי אָן — און די בילד־שענע „שולמית“, וואָס אין „שיר־השירים“, טרעט פאַר איהם אין־געדאַנק אַרויס מיט די אַלע פּסוקים, אַלע ליבּווערטער וועגען איהר דאָרט, וואָס היינטיגס מאָל איז עס איהם ניט גלאַט אַזוי, א משל אַקעגען די כנסת־ישראל, נאָר מאַקי פּשוט א שען ווייבעל. רב אברהם טהוט זיך אָן א נויט, לאָזט אַראָב די אויגען, דערווייטערענדיג זיך, גלייך ווי נישט בעמערקט. נאָר רפאל אָבער האָט איהם יאָ בעמערקט, געהט ער צו, ניט איהם דעם שליסעל און זאָגט:

— נאַט. געהט אַריין, זייט מוחל, צו מיר. איך וועל באַלד אָנקומען.

די לבנה קוקט דורכ'ן פענסטער אין שטוב אַריין, און א בּרייטער פּאַס פון גילדענע פליטערלעך ציהעט זיך פון איהר צו רב אברהם'ן, גלייך ווי ער עפענט די טיר. די גילדענע פליטערלעך קלעטערען טאַנצענדיג אַרויף איהם אויף דער ברוסט, אויפ'ן האַלז, פון דאָרט אויף דער באָרד, אויפ'ן קאָפּ. און מיני געדאַנקען, משונה'דיגע, שטופּען זיך מיט געוואַלד אַריין צו איהם אין האַרץ, פ אַ ר פ י ה ר ע נ ד י ג ווי מיאוסע קונדסים. דער יצר־טוב, נעבעך, ראַנגעלט זיך מיט די דאָזיגע קונדסים,

פֿרייט זיך, אָבער עס העלפֿט ניט — די „שולמית" גייט ניט אַרויס איהם פֿונ'ם האַרצען!

— וואָס איז עפּיס אין דער פֿינסטער, רב אברהם? — זאָגט רפֿאל בײַ'ם אַרײַנקומען — פֿאַר וואָס האָט איהר נישט אָנגעצונדען קיין ליכט?

— ס'איז מיר גוט אָהן ליכט אויך, אַזוי בײַ דער שיין פֿון דער לבנה.

— איך זיץ אויך אַ מאָל אַזוי בײַ דער שיין פֿון דער לבנה מיט גרויס פֿאַרגעניגען — זאָגט רפֿאל זעצענדיג זיך נעבען רב אברהם'ן — אין דעם דאָזיגען בלאַס ליכט, דאַכט זיך מיר, זעה איך אַ העלען לייטער פֿון דר'ערד ביז'ן הימעל, און די געראַנקען מײַנע קלעטערען אויף איהם ווי די מלאָכים אַרויף און אַראָב. דאָס האַרץ פֿיהלט, ווי עס לאָזט זיך איהר הערען פֿונדערווייטענס אַ גרים ערגיץ פֿון אַ געבורטס-אָרט העט אַ מאָל, אַ מאָל נאָך נאָר פֿאַרצײַטענס. עס טרוימט זיך איהם עפּיס ניט דײַטליך-קלאָרע זאַכען, עפּיס ווי פֿאַרגעסענע. אַלטע אַ וועלט מיט יאָהרען. עפּיס בענקט עס, גלוסט עס, נישט צו-וויסען וואָס און נאָך וואָס?... איהר פֿיהלט דאָך, רב אברהם, די טיפֿקייט פֿון דעם ענין, וואָס אוממעגליך אַרויסצוזאָגען איהם מיט ריינע ווערטער. איך זאָג תמיד, אַז איהר זייט אַ פּאָעט און די חסידות אײַערע איז נעמליכע פּאָעזיע. אמת'ע ריינע חסידות דערהייבט דעם מענשענס גייסט, וואַרעמט איהם, גיט איהם אונטער פֿייער. התלהבות הייסט עס, ווי גוטער אַלטער ווײַן, און פֿאַרטראָגט די נשמה העט-העט אין די הויכע עולמות אַרײַן, אין יענע הייליגע וועלטען, וואו ס'איז דאָ טרייסט, רוהע און איבּיגער פֿרידען... דאָס אַלסדינג איז פּאָסי זעהר גוט, פֿונדעסטוועגען אַ ליכט אָנצינדען בּעדאַרף מען פֿאָרט.

— טאָ, אויב איהר ווילט! — מאַכט רב אברהם, אַ חאַפּ-טהוענדיג זיך, ווי ער וואָלט אויפֿגעשטאַנען פֿונ'ם שלאָף.

— אצינד זענען מיר דאָ, אויף דער וועלט — זאָגט רפֿאל, אָנ-צינדענדיג אַ ליכט — ס'איז דאָ נײַעס, רב אברהם! דער יתום איז בּע-פֿרייעט.

— ווער?... דער „שקאָץ"?!

— דער שקאָץ! אויך דאָס מיידעל האָט זיך געפֿונען.

— געפֿונען!.. וואו איז זי געווען?

— אין אַזאַ אָרט, וואו צדיקים שטעהען דאָרט נישט. עס האָט

געקאָסט גענוג מיה צובעפֿרייען זי פֿון יודישע הענד. אַ נס וואָס דאָס פֿרײַלין האָט זיך אונטערגעהאַפּט. זי האָט געראַטעוועט.

— זי! אָט די, וואָס איז היינט געקומען צו אײַך? דאָס האַרץ אָבער האָט מיר געזאָגט, אַז איהר קומען איז ניט אומזיסט. איך בין זיך מודה, אַז פֿון דער צייט, וואָס איך האָב זי געזעהן, איז זי מיר ניט אַרויס פֿונ'ם זין. זי האָט געטאָן אַ גרויסע מצוה, „יהי חלקי עמה" אויף מיר געזאָגט געוואָרען אַ חלק עולם-הבא, וואָס זי האָט דערמיט פֿאַרדינט!

— אויב איהר ווילט, ר' אברהם, זײַן אַ שותף, האָבען מיט איהר אַ חלק אין עולם-הבא, מוזט איהר דאָך האָטש וויסען איהר ביטערען חלק עולם-הזה, ווי ביטער איהר איז דאָ.

און רפֿאל נעהמט זיך דערצעהלען רב אברהם'ן די מעשה מיט בײַלען און מיט דער טערקיניע, דורך וועלכער בײַלע האָט זיך אויפֿגע-זוכט בײַ פֿײַבעל דעם קליינעם אין הויז, וואו די מוהמע שיינצע האָט זי בעהאַלטען, אויסלאָזענדיג די טרויערדיגע געשיכטע, שטאַרק אויפֿגע-בראַכט מיט אַזוינע שטעכעדיגע ווערטער:

— אָט האָט איהר אײַך אײַערע יודעלעך! שענע מעשיות, עפּיס נאָר טאַקי ווי אין סדום!

רב אַברהם זיצט צוקאַכט ווי אַ אָבגעבריהטער, פּאַטשענדיג מיט דער יאַרמולקע איבער'ן קאָפּ און זעהר משונה אָנקוקענדיג רפֿאל'ן.

— וואָס איז, רב אברהם, אײַך געפֿעלט נישט, אַ פּנים, וואָס איך זאָג. ווי אין סדום?

— אודאי, אודאי! זאָגט בעסער, ווי אין גלות. ס'איז אַ גרויסער חילוק. אין סדום זענען די מענשען, ווי אין פּסוק שטעהט, בטבע געווען שלעכטע און זינדיגע. אין גלות אָבער מאַכט מען פֿון גוטע מענשען שלעכטע, פֿון פֿרומע — זינדיגע. נויט, זאָגען אונזערע הייליגע חכמים, צווינגט דעם מענשען צוהאַנדלען אי אַקעגען זײַן פֿערשטאַנד אי אַקעגען גאָט. נויט, איז דאָ דעם עולם'ס אַ ווערטעל, גייט ברעכט אײַזען.

— מילא ווי די מעשה איז, אַזוי צי אַזוי, די זינד בלײַבט אַ זינד. דאָס יודישע פֿאָלק צייכענט זיך דערווייל מיאוס אויס.

— אָט דאָס איז טאַקי די צרה, ווי באַלד אויף דעם אויף יענעם אַ חטא, איז שוין כּל-ישראל!... דאָס פֿאָלק ישראל וואָס — הא האָט געטאָן?

— אט דאס מאקי איז דער חטא זיינס, וואס עס האט גישט געטאן, טראכט נישט צו טאן און נעהמט נישט קיין מיטעל אקעגען די מיאוסע זאכען, וואס טהוען זיך ביי איהם.

— אי-אי, כ'לעבען! — זאגט רב אברהם, קרימענדיג זיך — חילט איהר, הייסט עס, אז רבנים, דיינים וכדומה אזוינע כשרע, לייטישע מענשען, זאלען געהן צו א לוי-כחור. א פייביל דעם קליינעם אין די היזלעך, שטראפען, זיך מיאוס-מאכען דארט מיט א מוהמע שיינצע, א האדיל די מעקלערין, מיט נאך חצופות, דראבקעס אזוינע, וואס א חרפה גאר צוברייננגען זיי איפ'ן מיל? נאר כבוד שוין אפילו אין דער זייט, מען וועט זאגען מוסר, וועט עס דען העלפען?

— ווי א טויטען באנקעס, מוסר זאגען איז ווי פארריידען די ציין, ווי אבשפרעכען קרחת, אזא האפט האט עס — זאגט רפאל צוהיצענדיג זיך און שטעהט-אויף פונ'ם ארט — אוי, די מוסר-זאגער, די מוסר-זאגער! אוי קען איך זיי, אונזערע מוסר-זאגער. קענען ניט צוזעהען יעגעמס זינד ווי א האר און זעהען ניט ביי זיך ווי א באלקען א דיקע. געגוג, איבערגענוג מוסר-זאגער ביי אונז. ניט זיי בעדארפען מיר האבען, ניט אין אפענע מיילער געניטיגען מיר זיך. די דאזיגע סחורה, אין כמעט נאר די דאזיגע, איז ביי אונז דא זעהר פיעל, ברוך-השם. מענשען טהוערס ברויכען מיר צוהאבען, מענשען ארבייטער, פארשטענדיגע, פראקטישע, וואס בעדארפען טאן, די זינד ניט צו-צולאזען, וואס בעדארפען אנגעהמען מיטעל, זיך שטעלען אקעגען די הענדלער מיט לעבעדיגער סחורה, וואס פארפיהרען יודישע טעכטער. דאס זענען די פרצים, וואס חיסלען אין דעם שטוך, אין די אנגעמאכטע, פון פרעמדע און פון אייגענע, פערשימעלטע כלאטעס. דאס זענען די חערים אין אונזערע חאונדען, אין אונזער צעפאלען לייב, צעריסענע גלידער און פיילע ביינער! פון יענע פאררופענע ערטער שרייען-ארויס צו אייך, יודען, אומגליקליכע נפשות — יודישע טעכטער, אייערע שוועסטער, געפאנגענע, אין דער נעץ אריינגענארטע! נפשות פארפיהרטע, קרבנות, נעבעך, וואס זאפטע לאזען זיך ברייננגען פון הונגעריגע, געבאלעווטע — פון ארימע, נויטבערערפטיגע! טהוט, טהוט עפיס פאר אייערע אריינגעפאלענע, אומגליקליכע שוועסטער יודען!

— גרינג צוזאגען! וואס קען א פאלק א דערשלאגענעם, א דערנידעריגטע, נעבעך, טאן? אין חבוש, קיין נעפענטעטער, מוציא צטו,

קען זיך אליין ניט בעפרייען מבית-אסורים, פון דער תפיסה, זאגען אונזערע חכמים.

— קיין כלל פונדעסטוועגען איז עס ניט, קיין דין אויך נישט. אין לעבען געשעהען פיעל-מאל זאכען, וואס פונקט פארקעהרט. די נויטגיט-אין דעם מענשען שכל און קראפט צו טאן אזוינס, ווי פון איהר פטור צו ווערען. וויפיל, א שטיינער, געפענטעטע בינדען זיך-אויף און ווערען פריי. ווער עס זיצט פארלייגט די הענד און ווארט אויף הילף, דער איז נישט ווערט געהאלפען צו ווערען. יושר, רחמנות — דאס זענען פונקען, וואס פליהען פונ'ם הארטען קרעמען, אז מען שלאגט איהם, שלאגט מיט דעם שטאהל. — קומט, רב אברהם, קומט צו די קינדער!

— וואו זענען זיי, די קינדער!? — פרעגט רב אברהם, גיך אויפהייבענדיג זיך פונ'ם ארט.

— איך האב זיי אריינגעפיהרט צו רייזען. זאלען זיי עסען און זיך אויסרוהען דערהייל אביסעל.

דורך דער אפענער טיר שטרעקט עמיצער אריין די האנד מיט א בריף. רפאל נעהמט, עפענט דעם בריף און די פארב קומט איהם אין פנים אריין — דאס איז א בריף פון חנצה'ן, אין וועלכען זי גיט איהם צו-וויסען, אז די מאמע איז היינט אוועקגעפאהרען צום טונעיאדעווקער, זאל לעבען, וועגען מאכען א שלום, א גוט-לעבען צווישען בנציה'ן מיט'ן ווייב, מיט איהר, הייסט עס, און דער טאטע איז געפאהרען זי ביז העלפט וועג צובעגלייטען. לכן, איז איצט דא א גוטע געלעגענהייט צו-ריידען וועגען זייערע זאכען. זי ווארט אויף איהם, שרייבט זי, היינט אין אוועגד.

רפאל געהט צוזאמען מיט רב אברהם'ן ביז דער טיר פון רייזעס הויז, דארט שיידט ער זיך מיט איהם און געהט זיין וועג פארוויסט, פארזארגט איז ביילע געזעסען ביי'ם טיש, ווי איינע, וואס איז געווען מסוכן קראנק און איז ערשט אראב פונ'ם בעט. שטיל, אבגעשוואכט איז זי געזעסען אין א מין משונה קליידעל מיט נאקעטע ארעמס און א פינסטער טרויערדיג פנים, אזוי ווי עס וואלט דערצעהלט די וועהטאגען איהרע, די יסורים, וואס זי איז אויסגעשטאנען; דערצעהלט ניט מיט שטכווערטער, מיט פארדראס, נאר מיט א בקשה, א בעטען זיך רחמים. זי האט ניט אבגעזאגט רייזען צופארזוכען א ביסעל יויך, ווי א קראנק קינד טהוט צוליב דער מוטער און נעהמט-איין א לעפעלע פונ'ם

ריצעפּט, וואָס זי ניט איהם. און הערשעלע, ער שטעהט אַקעגען איהר, קוקט מיט ליבשאַפט, נישט רעכט גוט נאָך צופאַרשטעהן דעם טעם פונ'ם שרעקליכען וועהטאָג, וואָס איז איהר געשטאַנען אויסגעדריקט אויפ'ן פּנים, אויף די בלאַסע ליפּען. און וואָס איינענטליך איז אַזוינס געלעגען אין די טרערען, וועלכע האָבען איהר געטריפט פון די אויגען אין דעם לעפעל געקעכטס, ביי איטליכעם מאָל צוטראָגענדיג עס צום מויל. דאָס האַרץ האָט איהם געצויגען צו איהר, געצויגען שטאַרק מיט אַלע כחות, עס האָט זיך איהם געוואָלט האַלזען זי, ליובען זי, אויסגיסען זיך אין טרערען מיט איהר אינאיינעם, און ווען מען וואָלט איהם געזאָגט: טהו זי אַ קוס און שטאַרב! וואָלט ער עס געמאַכט גערן בשמחה רבה. דאָך איז ער אָבער געשטאַנען פונדערווייטענס, ניט צוריהרען זיך פונ'ם אָרט, פאַר גרויס בושה. די בושה איז אַזוי שטאַרק ביי יודישע קינדער, אַז זי מאַכט זיי פאַר גרויסע עקשנים, דער טויט מעג זיך זיין נישט אַרויס-צווייזען עפענטליך די ליבע... ער איז געשטאַנען און זיך געשעהמט, געהאַפּט נאָר פונדערווייטענס בגנבה אריף איהר אַ קוק. רב אברהם מיט רייזען זענען געשטאַנען בעזונדער אין אַ ווינקעל, זי — קלאַפּענדיג זיך אַלץ אין האַרצען און ווישענדיג די נאָז, מיט אַ פאָהר איבער דעם אַרבעל, און ער — רייבענדיג זיך די אויגען, פערלאָפענע מיט טרערען. ביידע שאָקלען מיט'ן קאָפּ, אַ מאָל אויף ביילען, אַ מאָל אויף הערשעלען... רב אברהם גלעט די באָרד, רייבט דעם שטערען — און דאָס האַרץ וויינט אין איהם, שרייעט: אוי-וועה, רבונו של עולם, קוק אין זעה אונזערע בזיונות, די בזיונות פון דיין פאָלק ישראל!

דאָס זיבעטע בוך.

דאָס ערשטע קאַפּיטעל.

פרייטאָג. אַ שענער פריהמאָרגען. ליכט, וואַרימקייט און אַשיינענדיגער הימעל. דער רעגען, וואָס האָט געגאָסען ביי דער נאַכט מיט דונערן און בליצען, האָט אָבגעפרישט די אַלע געוועקסען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען געלבליך צו ווערען פון די גרויסע תמוזדיגע היצען, און איבער אַ נייעס געוואָרען אָבגעלעבט גרין ווי פריהער. אַקעגען טאָג חאַפּט זיך אויף אַ ווינטעל, עס צעגעהען זיך די וואָלקענס, עס ווייזט זיך די זון און די וועלט ווערט אָבגעטונקט מיט ליכט

בעשעפענישען אין וואַלד, אין פעלד וואַכען אויף און דערזעהען פאַר זיך אַ ליעבע וועלט: די גראָזען פריש די בוימער אָבגעצוואָגען, טראָפּענס טוי פינקלען דרויף ווי דימענטען — און זיי שעפּען גרויס תענוג פון זיי. אַלע לעבעדיגע בעשעפענישען, פונ'ם קליינעם ווערעמיל ביז די פייגעל, געהען אַרויס צו זייער אַרבייט, שמוצערען, צוויטשערען, שפּרינגען און פליהען, קריכען און קלעטערען. און די גלופּסקער פאַר-שווינען פעדערען זיך אויך און געהען — בחורים, מיידלעך, קינד און קייט — אַרויס פון דער שטאָדט צו דער רויטער קרעטשמע, מיט אַלע מיני כלים אין די הענד, קויפען דאָרט וואָלוועלען בראָנפען לכבוד שבת, ווי דער שטייגער זייערער איז פון תמיד אָן.

און האַרט נעבען וואַלד, ביי דער זייט וועג, וואָס פיהרט פון גלופּסק צו דער רויטער קרעטשמע, איז ליהודים. מיחיי דער שבת-גוי וואָס הייצט ביי יודען די הרובעם און לעשט אויס די בענשליכט שבת,

דאָס האַנדעלט אָב פּסח דעם גאַנצען חמץ פון דער שטאָדט, — ש הוליעט עס מיט גבריל'ען דעם שטאָדט=פאַסטוך פון יודישע בהמות אוןביידע זענען לעבעדיג=פרעהליך. פאַר גרויס שמחה זינגען זיי דאָס נוטע יוזניש ליעדעל מיט אַ ניגונ'דיל פון אַ שיכור, טאַנצענדיג שטאַרק פערפלאַמט האָפּ=האָפּ צום טאַקט פון סטעמפּעניו'ס צושפּיעלען אויפ'ן פּיערעלע.

אָט דער דאָזיגער סטעמפּעניו איז עפּיס ניט ווי אַלע אַנדערע מענשען מיט זיין פּנים'ל, מיט זיינע תנועות און מיט דעם גאַנצען אויסזעהן זיינעם, משטיינס=געזאָגט. ביי מענשען האָט איטליכער פאַר זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיין איינגען געשטאַלט, זיין אייגען פּנים, חאָטש פרימעטעס אַראָבצונעהמען פון איהם. אָבער סטעמפּעניו, איז שווער צוזאָגען, וואָס איינגענטליך פאַר אַ פּנים ער האָט, ווייל וואָס אַ רגע ווערט עס אַלץ אַנדערש, לויט דעם וואָס איהם אויף דער לונג, אויף דער צונג, און לויט די אָנשטעלען זיינע בשעת מעשה אין דער מינוט. מאַלפּעס מיט זייער שטיינער נאָכקרימען זיך, האָבען זיך געמענגט בעגראָבען אַקעגען זיינע העוויה'לעך. נישט תמיד אָבער האָבען אַלע טיילען פונ'ם פּנים אינאיינעם אויסגעדריקט איין זאַך, נאָר צמאָל האָט איטליכער פון זיי אויסגעדריקט עפּיס גאָר אַנדערש, בשעת איין זייט פּנים איז פערפומערט איז די אַנדערע פול פרייד, איין אויג וויינט, די אַנדערע לאַכט. מעוברת'ע איז געווען אַ סכנה אָנצוקוקען איהם דענסטמאָל, זיי זאָלען נישט מפּיל זיין פאַר שרעק. קיינמאָל האָט מען נישט געזעהן סטעמפּעניען אין שוהל ניט אינדערוואָכען, ניט שבת און יום טוב. אויך האָט מען איהם נישט געזעהן האַלטען יודישקייט. פונדעסטוועגען האָט דאָס קיינעם ניט געאַרט, גאָרנישט מאַכענדיג זיך פון איהם, גלייך ווי זיי וואָלטען איהם אַרויסגעלאָזט פון דער ערבות, און זאָל ער זיך טאָן וואָס ער וויל, נענוג, זיי זענען שוין מעהר נישט ערב פאַר איהם. סטעמפּעניו וויים שפּרובען צו קדחת, צו צאָהן=וועהטאָג און צו נאָך און נאָך מכות. ליעבע=פלעשלעך אַזוינע האָט ער געהאַט, וואָס איין טראָפּען דערפון אַרויפגיסענדיג ביי אַמאַנסביל אויפ'ן קלייד אָדער ביי אַ נקבה איז גענוג געווען, ער זאָל זיי אָנצינדען אַ פייערדיגע ליעבע אין האַרצען. און אַ סך בעלנים פונ'ם עולם זענען געווען אויף די דאָזיגע פלעשלעך זיינע, וואָס זענען בעקאַנט געווען אונטער זיין נאָמען.

אַ מין פידעלע עפּיס האָט סטעמפּעניו געהאַט, אויף וועלכען ער פלעגט, משטיינס=געזאָגט, שפּיעלען אין די וועלדער, אין דערפער, און

שענקען און אין אַלע יענע ערטער, וואו שקצים מיט שיקסעס פלעגען טאַנצען אין זייערער אַ חגאָ. ער פלעגט דאָרטען לוסטיג מאַכען דעם עולם אויך מיט פאָקוסען און אָנשטעלען. שלינגען שטיקער פייער און ציהען פונ'ם מויל לאַנגע שטענגעס, צוברעכען אייער אין זיין היטעל און אַרויסלאָזען דערפון פליהענדיגע טויבען; נעהמען עפּעס אַ מטבע ביי איינעם, אַ בלאָז=געבענדיג אויף איהר און זי פלעגט נישט ווערען, און פלעגט זיך דערנאָך געפינען אין קעשענע ביי יענעם. האָט ער געוואָלט — איז פון דער העלער הויט ביי עמיצען געהאַנגען אַ שלאָס אויפ'ן מויל.

סטעמפּעניו איז ניט אַיינגעזעסען אויף איין אָרט, נאָר אַרומגעוואַנדערעוועט שטענדיג פון איין אָרט צום אַנדערען, וואו עפּיס אַ געזעמעל, אַהאַ, דאָרטען איז ער.

אַצינד שפּיעלט ער פאַר מיחייען מיט גבריל'אָן. ער ריפּעט אויפ'ן פידעל. זיי שפּרינגען, טאַנצען און ווער עס געהט שטעלט זיך אָב. אַזוי אַז ס'האָט זיך פאַרקליבען אַרום זיי אַ גרויס רעדעל פון גלופּסקער עולם, קינד און קייט, וואָס זעהען=צו די שמחה וואונדערענדיג זיך, וואָס איז היינט אַזוינס פאַר אַ יום=טוב, וואָס איז דאָ די שמחה אַזוי גרויס אויף זיי.

און אין מיטען דער דאָזיגער חדוה, שפּרינגט פונ'ם עולם אַרויס אַ יודענע מיט אַ יאָמער, אַ געוויין, ברעכענדיג די הענד און שרייענדיג געוואַלד אויף דער פרעהליכער קאָמפּאַניע: אוי, רצחים, מערדערס... און פאַלט טאַקי באַלד אין חלשות.

עס איז אַ מהומה, אַ געטימעל, אַ שרעק און אויס שמחה. עס פידעלט נישט סטעמפּעניו, מיהיי מיט גבריל'אָן ניכטערען זיך אויס פאַר שרעק. און דאָס פּנים ווערט זיי בלאַס ווי די וואַנד.

— ווער איז דאָ, ווער, וואָס? — פרעגען איינער ביי דעם אַנדערן, מיט גרויס וואונדער.

— דאָס איז בתיה שמואל דעם טאַנטדעטניקס ווייב.

בתיה, אָט דאָס איז די יודענע, וואָס איז נעכטען געקומען אין בית מדרש געוואָהר ווערען, פאַר וואָס איז איהר משה'לע, וואָס לערענט דאָרטען, ניט געקומען אַ היים נישט האָבענדיג אין מויל דעם גאַנצען טאָג. און וואו איז ער? אַז זי האָט איהם דאָרטען נישט געפונען און רב אברהם האָט נישט געוואוסט צו זאָגען איהר, וואו ער איז, איז זי פון דאָרט אַוועק מיט אַ געבראָכען האַרץ.

די זון איז שוין פערגאַנגען. עס איז שוין פינסטערליך און בתיה זיצט בײַ זיך אין שטיבעל פעראומערט, פערזאָרגט אויף איהר טײַער זוהנדעל, איהר גדולה, וואָס איז אַ בענשונג פון גאָט. זי זיצט אין אײַנע צרות פאַרגעסענדיג זיך אין אַלע אַנדערע הויזליכע זאַכען, זי פאַרגעסט איהרע קלײנע טעכטערלעך, אַז זײַ זענען הונגעריג, אַז ס'איז שוין צײַט אָנצוצינדען אַ ליכט, אַײַנהײצען דעם אײוועז און אָבצוקאָכען דאָס טעפּעל געקעכטס אויף בײַ־דער־נאַכט. און די קלײנע קינדערלעך זענען אויך פערטרויערט, זיצען פערשלאָגענדיג זיך ווי שעפּעלעך אַלע אינאײנעם אין אַ ווינקעל מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּעלעך און אַרויסברענגענדיג פון זיך שטילע זיפצען. און ווער ווײסט — ביז וואַנען וואָלט בתיה אַזוי געוועזען געזעסען, ווען נישט די קאַץ, וואָס אויפהאַפּענדיג זיך פונ'ם שלאָף אויפ'ן אויווען וואָלט ניט אַראָבגעשפּרונגען צו איהר אויפ'ן באַנק, אײַנהאָרבענדיג זיך און רײַבענדיג זיך אין איהר פאַר ליעבשאַפט. בתיה טהוט זיך אַ חאַפּ, דערמאָנענדיג זיך אין דעם, אַז זי האָט אויף זיך אַ הויז קינדערלעך. און אויך אין שמואליקען איהרען דערמאָנט זי זיך, אַז אַ גאַנצען טאָג, נעבעך, יאָגט ער זיך נאָך דער שווערער ביטערער פּרנסה זײַנער, אויסזיײענדיג אין אַלע גאַסען, אין הײַזער און הויפען. און אויף דער נאַכט ערשט קומט ער, נעבעך, אַ הײם מיד, הונגעריג, — דאַרף זי דאָך איצטער זעהן וואָס צוגרײטען צו וועטשערע. ווי זי טראַכט דאָ אַזוי וועגען דעם מאַן, פאַלט איהר אײַן, אפשר האָט ער עס גענומען משה'לען און זענען בײדע אַוועק. הײנט איז דאָך דאָנערשטאָג, ווען שמואל געהט, ווי דער שטײגער זײַנער איז תמיד, מיט דעם פּעסעלע צו דער רויטער קרעטשמע ברײנגען פון דאָרט בראַנפען פאַר די בעלי־בתים זײַנע. אַ טאָג איז דאָך געוועזען הײנט אַ ליכטיגער, אַ שײַנענדיגער און אַ וואַרים ווינטעל האָט געוועהעט אין גאָטס וועלטיל, אויף די פעלדער פול תבואות און גרינוואַרג גאָר אַ גן־עדן, ריחות פון שמעקענדיגע קרײטעכצער מחיה נפשות — איז אפשר שמואל, וועלענדיג אָנטאָן אַ פערגניגען משה'לען, אַרײַן צו איהם אין בית מדרש און גענומען דורכצוגעהן זיך מיט איהם אַביסעל אין פרײען פעלד. וואָס זאָג איך אפשר, געוויס האָט שמואל אַזוינס געטאָן, און געטאָן זעהר גלײַך. משה'לע אונזערער, אונזער מתנה פון גאָט, ווײסט דאָך נישט מעהר ווי דעם בית מדרש, וואו ער פאַרברײנגט די גאַנצענע טעג אין לערנען תּורה. ער איז, נעבעך, שוואַך, דאַר־קוואַר, אײנגאַנצען נאָר הויט און בײן (מיר פאַר זײַן קאָפּ). וואָס פאַר אַ תענוגים, משטײנס־געזאָגט, האָט ער בײַ אונז אָרימע טאַטע־מאַמע!

תענוגים זאָג איך, איז עס ניט אַ געלעכטער? ווי קומט צו אונז תענוגים? הלואי, לעבעדיגער גאָט, טאַטע־פאָטער, מיר זאָלען איהם קענען געבען צו יעדער צײַט האָטש דאָס נויטיגסטע צום לעבען! ווײסט איז דער טאַטע זײַנער! און ער אַלײן, דאָס טײַער קינד, פאָדערט ער דען פון אונז וואוילטאָג? אַ שטיקעל דאַרען ברויט, אַז ער איז הונגעריג, איז פאַר איהם גענוג; אַ שוך אַז ס'צערײסט זיך איהם אַ מאָל, ס'קוקען אַרויס די פינגער, איז פאַר איהם אויך רעכט אָנגעהמענדיג עס פאַר גוט. אפילו גענוג לופט, וועה איז מיר, קענען מיר איהם אויך נישט געבען: אַ דירה אַ ביסעל, ענג, נידעריג, מען זיצט דאָ, משטײנס־געזאָגט, אײנער בײַ'ם אַנדערען אויף די קעפּ. אַז איך הער איהם אַמאָל בײַ דער נאַכט הוסטענדיג, געהט מיר די נשמה אויס. זעהר גלײַך האָט געטאָן שמואל, וואָס האָט אַוועקגענומען משה'לען אַביסעל פון דער גמרא, ער זאָל זיך דורכגעהן מיט איהם אַביסעל אין פרײען פעלד. אַ גרויסע מצוה האָט ער אין איהם געטאָן. זאָל משה'לע שעפּען אַביסעל פרישע לופט, אויסגלײַכען זיך די בײנער און זאָל ער וויסען פון אַ גוטע מינוט אין זײַן לעבען.

טראַכטענדיג אַזוי האָט זיך בתיה באַלד בערוהיגט. זי שטעהט אויף, צינדט־אָן אַ ליכט און נעהמט זיך צו דער אַרבײט, לעבעדיג, אויפגעראַמט. דאָס האָט געווירקט אויף די קינדערלעך און זײַ האָבען זיך געלאָזט אונטערהעלפען דער מאַמען מיט חשק. די שײלט קאַרטאָפלעס, די טראָגט־צו אַ קריגעל וואַסער, די טהוט אַ שפּרונג און ברײנגט דאַרע שפּענדלעך, די צולײגט עס אויפ'ן פּריפּעטשיק, און בתיה צינדט אונטער, צובלאָזט דאָס און מאַכט אַ פײַער און שטעלט־צו דאָס טעפּעל. די שפּענדלעך טרעשצען, פונקען פליהען, דער פלאַם האַפּט אַרום דאָס טעפּעל — און ס'איז ליכטיג־פרעהליך די קינדער אויף די הערצלעך. די קאַץ זיצט זיך אויפ'ן געזועסעל, גאַרימט זיך אַנטקעגען דעם פײַער, לעקט די לאַפּקעס און האָט הנאה.

— אַ קאַץ וואַשט זיך, איז אַ סימן אויף געסט — זאָגט דאָס עלטערע מײדעל.

— דער טאַטע וועט באַלד קומען מיט משה'לען — מאַכט בתיה מיט אַ פרעהליך שמײכעלע.

און אַ מײדעלע, דאָס יונגסטע פון די קינדער, שפּרינגט אַרויס מלא שמחה, פּאַטשט מיט די הענטלעך און זינגט זיך דאָס געוויסע ליעדעל;

פּי — פּי — פּי,
װאו איז דער טאַטע?
ניטאָ איהם הי;
װען װעט ער קומען?
מאָרגען פריה!
װאָס װעט ער ברײנגען?
אַ גלעזעלע ביר!
װאו װעט ער שטעלען?
אונטער דער טיר!
מיט װאָס װעט ער צודעקען?
מיט אַ שטיקעל פּאַפּיר!
װער װעט דאָס טרינקען?
איך מיט דיר!

— אַלע מיר טרינקען, אַלע! — צושרײען זיך אויף איהר די קינדער, מאַכענדיג צו דער מאַמען: יאָ, מאַמע, אַלע?

— אַלע, קינדערלעך, אַלע, — נעהמט זי אַין די מוטער מיט גוטע רייד, — באַלד װעט דער טאַטע קומען, ברײנגען געלד. איך װעל קויפען מעהל, מאַכען חלה אויף שבת, קויפען פיש, מאַכען אַ קוגעל און ס'װעט זײן גוט.

האָץ, האָץ, האָץ,
לעבּדיג, פרעהליך אַלע
מאַמע באַקט די חלה!
האָץ, האָץ, האָץ,
דער טאַטע ניט געלט.
די מאַמע קװעלט,
— קינדער צום טיש!
נאַט אײך יעדען אַ שיסעל,
פון אַ הוהן אַ פיסעל,
פון אַ הערינג ס'קעפּעל,
און אַ קוגעל פון צפּעל!
האָץ, האָץ, האָץ,
חנה, לאָה, צפּורה!

האָץ, האָץ, האָץ,
אסתר, שרה, דבורה!

דאָס ליעדעל זינגט שפּרינגענדיג-טאַנצענדיג פאַר גרויס פרייד אַ שען קלוג מיידעלע, אַבּאָרװיסע, אין אײן העמדעל, און בײ'ם אויסלאָזען איטליכען גראַם חאַפּט זי די קאַץ בײ די אויערען, — ענטפערט זי איהר אָב אויף איהר קול מיט אַ מיאַויקע.

קײן זאַך קען נישט דערװײכען דאָס האַרץ, אײַנגעבּענדיג איהם הײליגע געפיהלען, אַזוי װי די אָרימקײט, װען נאָר זי איז אַ בּעהאַלטענע, אַ רײנע און ניט קײן שמוציגע, אָבּגעלאָזענע. אָרימקײט מאַכט קלוג, אָרימקײט אײדעלט דאָס האַרץ מיט גוטע געפיהלען, גוטע מידות. אָרימקײט מאַכט הײזליכע צופרידענקײט — צוגעלאָזטקײט פון עלטערן צו קינדער און פון קינדער צו די עלטערן. װיפיעל גרויסע תענוגים מען דאַרף אויסטראַכטען, כּדי צופריעדענשטעלען זאַטע רײכע קינדער, װאָס בּאָדען זיך אין װאװילטאָג, און װיפיעל מיטעל דאַרף מען עס טאָן, אויפצובּלאָזען אײן פונק פון רחמנות און פון מענשליכע געדאַנקען אין זײער נשמה, װאָס איז פערזונקען אין דעם טיעפען שמוץ פ'ין גראָבּע תאוות. די נשמה פון אָרימע אָבּער—זי קען ריהרען אַ מינדסטע קלײניגקײט, און װערט פול מיט זיסע געטליכע געפיהלען. עפּיס נאָר אַמינדסטע זאַך אַגוטע אין דעם לעבּען פון אָרימע מענשען — װערען זײ מונטער און מלא שמחה. פון אַ נײע קאַפּאָטע, אַ שטײגער, נײע שיך, איז אַ גרויס נחת; קרעפּלעך אָדער עפּיס אַזוי אַ גוטע געריכט, װאָס מען מאַכט אַמאָל, איז אַגאַנצער יום-טוב. דאָס הײזליכע לעבּען בּײ פּײנע, אָרענטליכע אָרימע לײט איז פול מיט פּאָעזיע.

דרך-ארץ פאַר קבצנישע קינדער! פון זײ קומט אַרויס דער גרעסטער טײל פּאָעטען!

דערװײל נעהמט אַװעק אַ היבּשע צײט און שמואליק מיט משה'לען זענען נישטאָ. דאָס פײער אויפ'ן פריפּעטשאָק נעהט פאַמעליכען אויס, דאָס צונעשטעלטע טעפּעל קאָליש זידט, קאָכט אַלץ שטילער, שטילער. דאָס ליכט צאַנקט, אַלץ טונקעלער, פינסטערער װערט אין שטוב און אויך בּתיה'ץ אויפ'ן האַרצען. די מרה-שחורה חאַפּט זיך װידער צו איהר אַרײן, פריהער אין האַרצען — שאַ, ניט קײן װאָרט! נישט מצער צוזײן די קינדערלעך, נישבּעך, און שפּעטער אַביסעל, הע-הע, לאָזט זי זיך שױן הערען מיט װערטער! אַצינד איז בּתיה'ן אַ װעהטאָג אינצװײען: זי זאָרגט

זיך אי פאַר'ן מאַן, אי פאַר'ן זוהן. דער שטיינער שמואליקס איז געוועז
צוקומען אַ היים, אַ גאַנצע וואָך — פאַרנאַכט, דאָנערשטאָג נאָר אַ ביסעל
פריהער, כּדי צו געבען בּייציטענס עפּיס געלט אויף שבת, און היינט,
ס'איז שוין האַלבּע נאַכט, העהגער קרעהען — אין ער איז ניטאָ! ס'איז
ניט קיין גלאַטע זאַך, עס מוז דאָ עפּיס זיין. וואָס=זשע אַזוינס? אָט דאָ
צושפּילט זיך בּיי בּתיה'ן דער כּח=המדמה, זי טראַכט=איבער שרעקליכע
זאַכען, גאָר אַ מורא, אַזוי אַז די שטיל=פאַרבאָרגענע מרה=שחורה חאַפּט זיך
אַרויס פון'ם האַרצען, אויסגיסענדיג זיך אין טרערען, און בּיטערע קרעכ=
צען. די קינדער, קוקענדיג אויף דער מאַמע, ווי זי וויינט, זיפצט,
ווענען זיי טרויעריג אַוועק אין אַ ווינקעל צונויפשטיקענדיג זיך דאָרט אינ=
איינעם, פערומערט מיט אַראָבּגעלאָזטע קעפּלעך. דאָס ליכט האַלט שוין
איינגאַנצען בּיי'ם אויסגעהן, אויסשעפּענדיג שוין דאָס לעצטע בּיסעל חלב
אין לייכטער, קיין פונק פייער שוין ניטאָ אויפ'ן פּריפּעטשאָק, קאַלט ווי
אייז שטעהט דאָס טעפּעל, קיינעם קומט אויפ'ן זינען ניט אַרויף דאָס
עסען. אַלע זענען פערומערט, אפילו די קאַץ פאַרליינט דעם ווידעל,
געהט פאַרטרויערט אומעדום אַרום, ציהעט זיך אויס אויף דעם אויוועט ווי זי דרעמעלט.
די מולטער אפילו, וואָס מען פאַרקנעט אין איהר חלה אויף שבת,
שטעהט לייריג אין אַ ווינקעל און זעהט אויס פאַרלאָזט, פאַרוויסט. און
די נריל, וואָס הייבּט אָן געוועהנטליך צוגרילען בּיי נאַכט, בּשעת אַלע
אין שטוב לייגען זיך שלאָפען, שטעהט היינט, אַרויסשטרעקענדיג דאָס
קעפּעלע פון דער לאָך, קוקט ווי אַ נולם און ניט קיין פּיפּס. איין גרויסע
פליג נאָר טיילט זיך אָבּ פון'ם איבּעריגען עולם פליגען, וואָס שלאָפען,
אָנהאַלטענדיג זיך מיט די פיסלעך אויפ'ן סופיט, אויף די ווענד, און לאָזט
זיך געהן ווי צו=חלום, בּעאומרוהיגען מענשען מיט איהרע נאַרישע אָנ=
שטעלען: טהוט זיך אַ דרעה, אַ פליה, הין=און=העהר פלינק=געשווינד ווי
אַ רוח, אָנשלאָגענדיג זיך אָט אין אַ פענסטער, אָט אין עפּיס אַ כּלי, אָט
ניט עס מיט איהר אַ טראַג פאַרבּיי אַ אויער טאַנצענדיג, זזשענדיג דער
רוח מייסט זי וואָס.

און ווי די דאָזיגע פליג אַזוי האָבּען זיך געטראָגען בּתיה'ס געדאַנ=
קען, אויפריהרענדיג איהר דעם מוח. עס ווערט איהר אייננ אין שטוב
און וויל אַרויס אין גאַס זוכען איהרע ליבּע און נאָכפרעגען זיך אויף
דעם מאַן בּיי יענע בּעלי=הבּתים, וואָס ער בּריינגט זיי תּמיד בּראַנפען
אין דעם טאָג. נאָר באַלד בּעטראַכט זי זיך, ס'איז דאָך שוין לאַנג פער=
מאַכט אומעטום טיר און טויער און מען שלאָפט. זי גיט אויך אַ קוק

אויף איהרע בּידנע קינדערלעך ווי זיי ליגען צוגעטוליעט איינס צום
אַנדערען; ווי איהרע ליבּע, טייערינקע פייגעלעך — טראַכט זי — קומען
עס, נעבעך, אָבּ און שווייגען. אַ לעבען, משטיינס=געזאָגט, אין צרות —
און עס דערלאָזט איהר ניט דאָס האַרץ אַוועקוואַרפען זיי בּיי נאַכט אַליין
אין שטוב. אין=מיטען=דרינען טראָגט דער רוח אָן פון ערגיץ עפּיס אַ
הונד, ער שטעלט זיך אונטער'ן פענסטער, אַראָבּלאָזענדיג דעם ווידעל,
פערריסענדיג הויך דעם קאָפּ, און הויבּט=אָן רויען, מיט אַ יאָמער אַ
שרעק. דאָס רויען פון'ם הונד, וואָס לויט מען זאָגט, בּעווייזט עס ניט
אויף קיין גוטס, האָט בּתיה'ן גאָר צודרעהט. פאַר שרעקעניש, פאַר
צוטראָגעניש טהוט זי אַ נעהם די קאָטשערע, לויפט געשווינד אַרויס און
פערטרייבּט דעם הונד, אויסלאָזענדיג צו איהם איהר שווער בּיטער גע=
מיטה מיט טויטע קללות. דער הונד אַנטלויפט, שטעלט זיך אָבּ פונדער=
ווייטענס און הויבּט אָן בּילען שוין מיט זיין געוועהנטליכען קול, גלייך
ווי ער טענה'ט זיך אויס מיט בּתיה'ן, ווי בּלעם'ס אייזעל אַ מאָל,
פרעגענדיג זי: „וואָס האָבּ איך דיר אַזוינס געטאָן, וואָס דו האָסט מיך
געשלאָגען מיט אַ שטעקען? אי, נאַרישע יודענע! מיינסט דאָס דען ניט,
אַ הונד אַז רויעט איז גאָרנישט, שוטים נאָר שרעקען זיך דערפאַר?"

ריין, לויטער איז געווען דער הימעל אין אָנהויבּ אָוועגד. עס האָט
זיך געלאָזט זעהן אַ פערטיל פון דער יונגער לבנה צווישען אַ גרויסען
עולם ליכטיגע שטערען, שטעהענדיג אויף דער וואַך. באַלד אָבּער האָט
דער רוח אָנגעטראָגען די שוואַרצע=חברה וואָלקענס, זיי האָבּען זיך
בּיסליכווייז צוהוליעט, ווי דער שטיינער איז געאַרבּייט מעשים, בּיז ס'איז
געוואָרען אַ קאָכעניש, אַ שטורם און שטאָק=פינסטער. עס האָט געבּליצט,
געדונערט, און טרערען — גאַנצע טייכען וואַסער, האָט געגאָסען דער
הימעל. דער עולם אין שטאָדט איז געשלאָפען, נישט אָנגעהויבּען וויסען,
וואָס טהוט זיך אַזוינס אין=דרויסען. געפיהלט האָט עס נאָר איין יודע=
נע — בּתיה מיט איהרע קינדערלעך, וואָס די צרות זייערע האָבּען נישט
געלאָזט זיי שלאָפען.

אויף מאָרגען פריה איז בּתיה אַוועק, נאָכדעם ווי זי האָט אָנגע=
זאָגט צפּורה'ן, דער עלטערער טאָכטער, אַכטונג צוגעבּען אין שטוב אויף
די קינדער, און איז געגאַנגען אַהין צו דער „רויטער קרעטשעם" געוואָהר=
ווערען דאָרט וועגען דעם מאַן. אַ בּרכה פון גאָט איז אומעטום, אַ
גרויס גערעטעניש אויף די פעלדער, עס שמעקט, עס זינגט, עס לעבּט —

און בתיה געהט פאַרזאָרגט, פאַרומערט, איהר געהט ניט אין קאָפּ די שענע וועלט אַרום איהר.

אין דער „רויטער קרעטשעם" האָט מען איהר געזאָגט, אַז שמואליק איהרער איז, ווי דער שטייגער זיינער תמיד, געווען נעכטען דאָרט, גענומען דאָס פעסעלע בּראַנפּען זיינס און אַוועק דערמיט צוריק אין שטאָדט. נאָר אין פּנים בּיי די שטוב מענשען איז גרינג געווען צו דערקענען, אַז שמואליקס פערפאַלען-ווערען איז זיי אַ גרויסער וואונדער. מיט'ן מויל מאַכען זיי כּלומר'ש: עט, גאָרנישט, כּדי צוטרייסטען בּתיה'ן, זי זאָל זיך אַזוי ניט ערגערן, ניט אַזוי וויינען, אָבער אין האַרצען דיינקען זיי, אַז ס'איז עפּיס ניט גלאַט, דאָ מוז זיין עפּיס גאָר אַ מיאוסע מעשה. זי בּתיה געהט פון דאָרט אַוועק ווי אָהן אַ קאָפּ פאַר גרויס עגמת-נפש. זי געהט בּיים בּרעג וואַלד, ניסטערענדיג מיט די אויגען און פאָרשטעלענדיג זיך שרעקליכע זאַכען — גזלנים, חיות רעות וכדומה אַזוינע אָנשיקענישען, וואָס קענען זיך מיט מענשען אין אַ וואַלד מאַכען — און פּלוצלים דערזעהט זי פאַר זיך אַ רעדיל מענשען. סטעמפּעניו שפּילט אויף זיין פידעלע, מיכיי און גאַבּרילאָ טאַנצען, נעהמענדיג זיך אין-מיטען-דרינען טאַקי צו אַ פעסעלע בּראַנפּען, וואָס ליגט צווישען זייערע זאַכען אונטער אַ בּיים. בּתיה שטופּט זיך צווישען דעם עולם, טהוט אַ קוק — אוי-וועה, ס'איז דאָך דעם מאַנס פעסעלע! זי וואַרפט זיך אויף די בּיידע גוים מיט אַ געוויין, אַ געשריי ווי אויף רוצחים, נישט אַרויסרעדענדיג עס שאַרף, פאַר גרויס האַרצקלעמעניש, און פאַלט חלשות.

יענער שבּת אין גלופּסק דענסטמאָל איז געווען שבּת-פּעטריכע ואַלעקסי — דאָס הייסט, צוויי פאַרשוינען אַזעלכע, וואָס זענען דעם שבּת דערהויכט געוואָרען. אַז מיכיי און גאַבּרילאָ, אויף וועלכע ס'איז געפאַלען אַ חשד, אַז זיי האָבען נע'הרג'עט שמואליק'ן מיט דעם זוהן, זענען אַריין אין דער תּפיסה, איז די יודישע שטאָדט גלופּסק געבּליבּען אַ אַלמנה. יודען זענען אויסגעשטעלט, וואָס וועט מען טאָן אָהן אַ שבּת-גוי? ווער וועט זיי פאַרלעשען די ליכט און טאָן בּיי זיי אין שטוב געוויסע אַרבּייט? סטייטש, איז עס דען מעגליך, יודישע קינדער אָהן גוים! האָט מען דערווייל אָנשטאָט דעם שבּת-גוי מיכיי יוצא געווען מיט פּעטריכען, מיט אַ גויע, וואָס מעלקט יודישע בּהמות בּשעת אַ יום-טוב. און אויפ'ן אָרט פון גאַבּרילאָ'ן דעם אויבּער-פאַסטוך איז אַרויף זיין תּלמיד אַלעקסי, אַ קליין שייגעצעל. נאָר בּיידע אָבּער האָבּען ניט געטויגט צו זייער אַרבּייט. פּעטריכע, וואָס איז אַ נקבה, נישט האָבּענדיג דעם כּח

פון אַ כאַנסביל, אַריינגיסען אין זיך די אַלע גלעזעלעך בּראַנפּען, וואָס מען בּעקומט פאַר ליכט-אויסלעשען, איז בּאַלד נאָכ'ן פערטען כּוס שוין שיכּור געוואָרען. איז זי, נעבּעך, געפאַלען פון די פיס. האָבּען אַ סך ניט אויסגעלאָשענע ליכט אין פּיעל הייזער געשמאָלצען, אָנגעמאַכט אַ רויך מיט אַ טשאַד, און יודען האָבּען וועה געטאָן, ניט היינט געדאַכט, די קעפּ. און וואָס נאָך? יענעם שבּת האָבּען יודישע בּהמות זיך געמאָלקען שפּעט, ערשט אַרום האַלבּען טאָג. ווייל פּעטריכע איז געלעגען טויט שיכּור, נישט צוקענען דערוועקען זי, אַזוי האָט זי געפּאָפּען. מיט אַלעקסי'ן איז אויך געווען ניט קיין שענע מעשה. ווי בּאַלד דאָס קליין טי'עלע איז געוואָרען אַ פּריץ איבּער בּהמות, האָט ער מיט גדלות בּיי זיך געמיינט, איז די בּייטש בּיי איהם אין דער האַנד, מעג ער שוין טראַסקען מיט איהר, שלאָגען ווען ער וויל און וועמען ער וויל. בּעדאַרף זיך טרעפען, אַז ער הייבּט אויף די האַנד מיט דער בּייטש אויף יונגלעך, וואָס שפּילען זיך רוהיג אויף דער גאַס. ווערט אַ דראַקע, אַ ליאַרם, אַ געשריי — די בּהמות בּלייבּען דערווייל אָהן אַ פאַסטוך און צולויפען זיך אין אַלע זייטען.

דאָס צווייטע קאַפּיטעל.

אַ שרעקליכע מינוט, וואָס שווער צוגעפינען איהר גלייכען, איז געווען יענע מינוט בשעת פאַרשווינדענדיג ווערען דאָס וועגעלע מיט די „האַפּערס“, נאָך וועלכס שמואליק דער מאַנדעטניק האָט זיך האַסטיג נאָכגעיאָגט. אַזאַ צרה, ווי אַ פרייער פאָטער וועהט זיין ליעב קינד ביי גזלנים אין די הענד, נישט צוקענען עס ראַטעווען — דאָס לאָזט זיך מיט דעם מויל ניט איבערגעבען, עס נעהמט דענסטמאָל אָב דאָס לשון, נישטאָ קיין ווערטער, קיין יאָמערען, קיין קלאָגען — אַ געשריי האָט שמואליק געטאָן און געפאַלען, בעך אויף דר'ערד!

וואָס=זשע פאָרט איז דער סוף מיט איהם געווען? אפשר איז ער פאַר גרויס האַרצוועהטאָג משוגע געוואָר... אָדער אפשר גאָר געבליבען טויט אָהן אַ נשמה?

חס=וחלילה! שגעון דאָס איז פאַר נגידים. אָט די אָבגעהיטע מענשלעך קענען ניט איבערטראָגען קיין יסורים. פון עפּיס אַ שרעק קעהרט זיך זיי איבער דער מוח, פון עפּיס אַ צער געהען זיי אַראָב פון'ם זינען. נישט אַזוי אָבער זענען די קבצנים. קבצנים זענען פון אייזען, קיין קויל נעהמט זיי נישט — ניט קיין קעלט, ניט קיין הונגער, ניט קיין נויט און ניט קיין לייד, מכות, פורעניות, וואָרום דאַרויף זענען זיי דאָך געבוירען געוואָרען, פערשוואַרצט צו=ווערען, צולײדען און אָבצוקומען זייער גאַנץ לעבען. און דער רבונו של עולם גיט זיי יסורים מיט דער פולער מאָס און אַ אייזערנעם כח, אויסצושטעהען די צרות, נים משוגע=צו=ווערען און צושטאַרבען פון זיי.

אבות מאַכט, גרויס צער האָט שמואליק איינגענומען פון זיין גוהן.

דאָס גזלנים האָבען איהם געחאַפּט, ביטער און פינסטער איז איהם געווען, נאָר וויפיל אַזעלכע געבראָכענע הערצער, ביטערע געמיטהער פי ער זענען געווען ביי יודען דענסטמאָל, אין יענע שלעכטע צייטען; וויפיל טייכען טרערען, אוי, רבונו של עולם, האָבען זיך, אין יענע צייטען, אַריינגעגאָסען אין דיין לאָגעל, טרערען פון אָרעמינקע עלטערען, ביי וועלכע מען האָט אַוועקגענומען זייערע קליינע קינדערלעך, געבעך, בשעת שלאָפענדיג ביי=נאַכט אין די בעטעלעך און זעהענדיג גוטע חלומות; טרערען פון מאַמעס, ביי וועלכע מען האָט צוגענומען זייערע בני=יחידים; טרערען פון וויסטע אלמנות, טרויערדיגע אויף זייערע אַוועקגענומענע קינדער, יתומים, דאָס איינציגע טרייסט, דאָס איינציגע אָנהאַלטעניש זייערע אין לעבען! פיל נעסטען, אוי, זענען פאַרוויסט געוואָרען, יונגע פויגעלעך גערויבט געוואָרען, דאָס האַרץ פון עלטערן אויף שטיקער צעריסען געוואָרען — און פונדעסטוועגען, נישקשה, האָט מען אויסגעהאַלטען. געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, שהחינו, וואָס האָט געלאָזט אונזערע דאָזיגע קבצנים לעבען, וקימנו והגיענו, און געלאָזט זיי דערלעבען ערגערע נייע צייטען, צוצוזעהען ווידער דאָס אַוועק=נעהמען ביי זיי די איבעריגע קינדער!...

שמואליק האָט אַ געשריי געטאָן, אָבער ניט משוגע געוואָרען; שמואליק איז געפאַלען, אָבער די נשמה איז איהם ניט אויסגעגאַנגען. עס עפּענט אונטער איהם זיך אויף דער גיהנם, מלאכי=חבלה רייסען איהם דאָס האַרץ, ער אָבער איז ביי די געדאַנקען, ער ווייסט, אַז משה'לע זיינער איז געפאַנגען, אַז ער מוז זיך יאָגען ראַטעווען איהם. אַי וואָס, בערעכענען זיך, צי ווּעלען איהם דינען די פיס נאָכצויאָגען זיך — דאָס פאַלט איהם גאָר ניט איין. אַ מאַנדעטניק, וואָס וואָגעלט זיך אַרום פון מאָרגענס פריה ביז אין דער נאַכט איבער אַלע גאַסען און הויפען, וואָס קריכט אַרויף=אַראָב הונדערטער טרעפּ אַ טאָג, וואָס הערט אַזעלכער פיס? קבצנישע פיס, משטײנס=געזאָגט, ווער בערעכענט זיי, ווער פרעגט זיי, אויב זיי ווילען אָדער ניט ווילען געהען אַ גאַנג? און גאָר אַ חוץ=דעם, וואָס שמואליק איז אַ מאַנדעטניק, איז ער דאָך דערצו עפּיס נאָך אַ יוד אויך, און דאָס געהען ביי אַ יודען איז עפּיס אַנדערש, ניט ווי ביי לייטען — דער קאָפּ זיינער איז איהם אין הימעל, ווי דער לאָקאָמאָטיוו פליהט ער פאָראויס, און די פיס שלעפּען זיך איהם נאָך, ווי די וואַגאָנעס, אויף דר'ערד

עס ברענט, קאָכט שמואליקס האַרץ ווי אַ קעסעל, עס רוישען,

קלאַפּען זיינע געדאַנקען, טהוען איהם אַ הייב־אויף פון דער־ערד, בּעגעגען, טרייבען די פים — און זיי לויפען געשווינד, געשווינד.

דער וועג, אויף וועלכען די „חאַפּערס" האָבען זיך געלאָזט פאָהרען, איז געוועזען אַ שמאָלער, אין דער זייט פונ׳ם בּרייטען שליאַך. ער האָט זיך געצויגען ווי אַ סטענגע צווישען גראָז און תבואה, פאַרקריכענדיג אַ מאָל אין אַ קאַליזשע, אָדער פערפאַלענדיג ווערען אונטען ערגיץ אין אַ טאָל, און פון דאָרט ווידער זיך אַ וויז טאָן, אַרויפקלעטערענדיג אויבען אויף אַ באַרג.

שמואליק לויפט מיט אַלע כּחות, צוהערענדיג, צוקוקענדיג זיך דערבּיי ווייט אַרום. נאָר אומזיסט די מיה — אומעטום אויפ׳ן וועג איז שאַ, שטיל! ער הערט ניט נאָר דעם שאָרך פון זיינע טריט. ער זעהט ניט נאָר דעם אייגענעם שאָטען זיינעם, וואָס טאַנצט איהם בּיי דער זייט אַקעגען דער שיין פון דער יונגער לבנה, וואָס זעהט־אויס שווימענדיג ווי אַ זילבּערען שיפעל הויך אין הימעל. אַ מאָל צולייגט זיך דער שאָטען אויף דר׳ערד צוויי־מאָל אַזוי גרויס ווי ער אַליין איז, און אַ מאָל קלעטערט דער שאָטען זיינער אַרויף אויף תבואות, אויף בּוימער, קרימט זיך, בּרעכט זיך ווי די קונצען־מאַכער אין די צירקען.

אמת, צוויי מאָל האָט זיך איהם געדאַכט ווי עפּיס אַ קול ערגיץ פונדערווייטענס, נאָר בּאַלד טאַקי האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס איז געוועזען טריט פון אַ האָז, וואָס דערשרעקענדיג זיך פאַר אַ שאָרך פון אַ אַראָבּגעפאַלען בּלעטעל, אָדער פון עפּיס אַ קריכענדיג ווערעמיל, איז ער שפרינגענדיג איהם פאַרבּיי־געלאָפען העננדום־פּעננדום, און פוץ אין תבואה אַריין! און דאָס צווייטע מאָל האָט זיך דערוויזען, אַז דאָס איז איהם געקומען צו די אויערען טאַקי זיין אייגען קול — אַ זיפץ, וואָס האָט זיך איהם אַרויסגעריסען טיף פונ׳ם האַרצען בּשעת די האָפנונג, צודערייאָגען דאָס חעגעלע, האָט אָנגעהויבּען בּיי איהם שוואַך צו־ווערען. איז דען מעגליך, אַז אַ מענש, ווי גרינג אפילו ער זאָל זיין אויף די פים, זאָל ...ך פאַרהערען אין לויפען מיט אַ פערד, און נאָך ווען, אַז מען טרייבּט עס מיט בּייטשען? — אוי, ניט מעגליך! טראַכט בּיי זיך שמואליק מיט אַ טהער געמיט, קלאַפּענדיג זיך אין האַרצען און אַ מאַך־געבּענדיג מיט דער האַנד, ווי איינער רעדט: פאַרפאַלען! פונדעסטוועגען לויפט ער ווייטער, בּאַרג אַרויף, בּאַרג אַראָבּ, גלייך מען וואָלט איהם געשטופּט פון הינטען, געטריבּען מיט גוואַלד.

עס געדויערט אַ היבּשע צייט און שמואליק ווערט מיד. עס פלאָנ-

טען זיך איהם די פים, ער געהט און פאַלט, שטעהט־אויף און פאַלט ווייטער. שוואַכער, שוואַכער ווערט אין איהם די קראַפט פונ׳ם בּרענענדיגען פייער, עס שטופּט שוין ניט אַזוי שטאַרק ווי פריהער. עפּיס טאַקי נאָר ווי אַ לופטבּאַלאָן, פון וועלכען עס געהט בּיסליכווייז אַרויס דער גאַז, וואָס בּיים פאַלען ריהרט ער אָן די ערד אונטערשפּרינגענדיג, אונטערשפּרינגענדיג בּיז עס געהט פון איהם אַרויס איננאַנצען דער גאַז, און ער בּלייבּט ליגען אויפ׳ן אָרט — שמואליק פאַלט, אויסציהענדיג זיך פאַרדולט אויף דר׳ערד!

עס דאַכט זיך איהם עסק, זאכען, אין וועלכע דער קאָפּ זיינער ליגט איהם תמיד. עס דאַכט זיך איהם — שמאַטעס. עס טהוען זיך אַ וויז פאַר איהם אַ היבּש בּיסעל שמאַטעס, כּל־המינים: שמאַטעס זיידענע, איידעלע, פון מיוחסים, פיינע־בּריות אין שטאָדט, און שמאַטעס גראָבּע, שמוציגע, פונ׳ם פּראָסטען עולם; הויזען, פּליודערען און תחתונים, טלית־קטן׳ס און קאַמעזעלקעס, קאַפּאָטעס און פראַקען, ספּאָדקעס און קאַפּעליושען, איין שמאַטע ניט בּעסער פון דער אַנדער׳ער — אַלע גאַנץ נישקשה׳דיגע שמאַטעס! ס׳איז דאָ, אָהן עין־הרע, כּהורה, גענוג שמאַטעס, בּרוך־השם, אויף דער וועלט... נאָר וואָס קומט אָבּער אַרויס דערפון, אַז דער האַנדעל מיט שמאַטעס איז שווער היינטיגע צייטען. נישט צו־צוטרעטען צו יענעמס שמאַטעס, אַזוי טייער זענען זיי, און פאַר דיינע — וויל מען צעהן פאַר אַ גראָשען. דעם גאַנצען טאָג איז ער היינט זיך אָבּגעגאַנגען די פים, שרייענדיג אין אַלע הויפען: שמאַטעס, בּעלי־בּתים אַרויס מיט אייערע שמאַטעס! ער איז הייזעריג געוואָרען שרייענדיג, און די שמאַטעס עפּיס נאָר ווי זיי לאַכען איהם אויס. ער האָט זיך געלאָזט אויף היימע טרעפּ אַריינגעהן אין אַ שטוב, האָבען זיך אַ לאָז געטאָן אויף איהם הויזען פאַרריסענע, שטאַרק בּלאָזענדיג פון זיך, אַזוי אַז איהם איז שטאַרק ניט גוט געוואָרען און האָט זיך אַראָבּגעקויקעלט פון אַלע טרעפּ אויף דר׳ערד, בּרעכענדיג האַלז און געניק, נישט צו־ווּיסען אויף וואָס ער איז פאַר אַ וועלט. —

קומענדיג שפּעטער אַ ווייַלע צו־זיך און עפענענדיג די אויגען, ערזעהט שמואליק אַ לבנה מיט שטערען, אַ וואַלד, אַ פעלד ניט תבואה, ער דערמאָנט זיך אין דער מיאוסער געשיכטע ניט דעם זוהן, שפּרינגט־אויף פונ׳ם אָרט און נעהמט זיך לויפען מיט אימפּעט, אַ ווישנעהמענדיג זיך די אויגען קוקענדיג — און נישטאָ דער וואָגען! ער רייסט אויף זיך די האָר, ווײנט אָהן טרערען, און לויפענדיג אַזוי בּאַרג־אַראָבּ

פלוצלים — אָ, דערבאַרעמדיגער גאָט! — וואַקסט פאַר איהם אויס דער וואָגען אין אַ קאַנאַווע, נעבען אַ בריקעל איבער אַ טייכעל, וואו ער האָט זיך איבערגעקעהרט אַראָבּיאָגענדיג זיך האַסטיג פונ׳ם באַרג און צע־בראָכען אַ אַקס, און די שענע פאַרשוינען אַרבּייטען אויף איהם.

שמואליק וואַרפט זיך אויף די פאַרשוינען ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה אויף די יעגערס, וואָס האָבען, נישט גוט דערשיסענדיג זי, גערויבט איהר געליבט קינד — און עס הויבט זיך אָן אַ מלחמה, אַ בלוטיגע מלחמה. בשעת איינער פון די לייט האַפּט זיך שפּאַנען דעם וואָגען, האָט שמואליק ווי אַ פּיאַווקע זיך איינגעגעסען מיט די ציין דעם צחייטען אין די פיס און מיט די הענד געריסען משה׳לען צו זיך. די ליבשאַפט צום קינד, דאָס שרעקליכע אומגליק און דאָס ברענען זיך נוקם צוזיין — די אַלע דריי זאַכען אינאיינעם האָבען פון דעם שוואַכען שמואליק׳ן געמאַכט אַ שמשון הגבור. נאָר אַקעגען יודישע־פּלשתּים אָבער העלפט שמשון־הגבור׳ס גבורה אויך נישט. פיער הענד, חוץ פיס און ציין, האָבען איהם געשלאָגען וויפיל ס׳איז אין איהם אַריין. משה׳לע האָט בעזונדער געלייזט, געהאַט זיין עהרליך אויסקימעניש דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ניט געקענט פערהאַלטען רוהיג בשעת יענע האָבען זיך אָבגע־רעבענט מיט זיין טאַטען.

— רב הערש־בער — זאָגט איין חאַפּער צום אַנדערען — צו־וואָס טייג עס, מיט דעם דאָזיגען אירלאַק זיך דאָ אַזוי באַברען? ער איז אַ עקשן, האַלט זיך פעסט אין ז׳עם וואָגען, וויל ניט אָבלאָזען — נו, מהיכא־תיתי! אדרבה גוט... זאָל ער זיך טאַקי בלייבען דאָ אין וו[אָ]גען און עס זאָל אויסקומען ווי דער פּסוק: „אותו ואת בנו״ דער טאַטע מיט דעם זוהן... נישט קיין נייעס. מען האָט שוין געזעהן, געהערט אין דער וועלט אַזוינע זאַכען.

– יאָ, זעהר גליך טאַקי זאָגט איהר, רב שניאור־וואָלף — ענט־פערט יענער — אין צווייען איז שטאַרקער. זייט זיך נאָר מטריח און העלפט בינדען דעם דאָזיגען באַראַן

און רב שניאור־וואָלף איז ניט פויל, אַרבּייט געשמאַק, בינדט שמואליק׳ן מיט אַלע דינים ביים בינדען אַ קרבן, עס זאָל עס איהם אָנ־הייבען אַרען, וואָס יענער, נעבעך, צאַפּעלט, קרעכצט, שרייעט גאָר אַ שרעק. דאָס פערד איז איינגעשפּאַנט, דער וואָגען גרייט. אַט טהוט מען אַ שמיץ, אַ טרייב: היידאַ, ניאָ, ניאָ! און דער טאַטע מיט דעם

זוהן ווערען געפיהרט צו דער עקדה, די כפרה צו־ווערען ביידע אין איין טאָג.

אַ ביטער געשריי טראָגט זיך ווייט אין דער טיפער שטילקייט פון דער נאַכט, אַ געשריי פון געחאַפּטע, געפאַנגענע שפּאַלט די הימלען, געהט־אַרויף צו גאָט מיט אַ קלאָג: אוי־וועה, רבונו של עולם, אוי, וועה געשריגען אויף דיין פאָלק ישראל!...

דער סאָלאָוויי אויף זיין צווייגעל, דאָרט אין וועלדעל, בלייבט ווי דערוואָרגען אינמיטען זינגען, אויך די פרעש אין דעם טייכעל ווערען פאַרשטומט, בעהאַלטען זיך אין וואַסער, דערהערענדיג דעם יאָמער און געשריי פון די אומגליקליכע, נעבעך. —

אַך, ווי שרעקליך, ווי שרעקליך עס קלינגט אַ געוויין אין דער שטילער נאַכט!...

און אַ קול לאָזט זיך הערען: וויאָ, וויאָ, וויאָ!

די יונגע לבנה, איננאַנצען אַ וואָך אַלט נאָכ׳ן מולד, געהט. ווי אַ קינד, פריה אין איהר רוה אַריין, צוזאַכענדיג אַ אַריג. און דאָרט וואו זי פאַרגעהט בעדעקט זיך דער הימעל מיט שוואַרצע וואָלקענס. עס בליצט און עס דונערט.

און פלוצלים פערטראָגט זיך אַ קלאַפּערי פון רעדער. עס דויערט ניט לאַנג, פאָהרט אָן אַ קאַרעטע און מענשען שפּרינגען אַראָב געוואָהר צו ווערען, וואָס אַזוינס דאָס שרייען בעמיט. זיי טהוען אַ קוק — און בלייבען פערגאַפט! באַלד ווערט אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער, אַ ויד־לעריי. עס שטרעקען זיך אויס הענד, עס ווייזען זיך קולאַקעס. שניאור־וואָלף און זיין שותף פאַרשטעהען, וואָס מען מיינט מיט די הענד, און פאַלען אויף אַ שכל בייציטענס, איידער מען גיט קלעפּ, זיך געשווינד אָבצוטראָגען.

די פינסטערע וואָלקענס זענען זיי בייגעשטאַנען — און זענען אין דער פינסטערניש נעלם געוואָרען.

דאָס דריטע קאַפּיטעל

שען איז די שטאָדט ז...., די הויפּטשטאָדט פון חאַהלין! נישט קיין פּאַלאַצען האָט זי, נישט קיין הויכע טורעמס, נישט קיין טייערע פּאַרציהרטע געבייען — און איז דאָך מלא חן. ארומגערינגעלט מיט בערג איז זי, מיט וועלדער, מיט פליצענדיגע טייכען און טאָלען; ס'איז אין איהר דאָ אויך גערטנער, בולוואַרען, און אָט דאָס איז איהר ציהרונג, איהר שעני־קייט. אריינפאָהרענדיג אין איהר דורך דער גלופּסקער גאַס, אין א העלער זומערנאַכט, ווען פון צווישען בוימער זעהען זיך אַרויס נעטע הייזער מיט צוגעמאַכטע לאָדען, און אומעטום הערשט א שטילע רוהע — קען מען זיך זאַט נישט אָנקוקען אין איהר, אַזוי שען איז זי, נאָר עפּיס טאַקי ווי א פאַרצויבערטע שלאָפענדיגע בת־מלכה אין די מעשה־ביכלעך. די נאַכט דעקט זי איבער מיט א טונקעל־בלויען שאַל, געשפּריינקעלט מיט גילדענע שטערען, און די לבנה, א מייסטערין אין ליבעס, פאַר־קוקט זיך אויף איהר מיט א זיס־שיינענדיגע צורה. בליהענדיגע אַקאַציעס, שמעקענדיגע קרייטעכצער טראָגען איהר אונטער ריחות פון בשמים. א קריסטאַל־קלאָר וואַסערל, רינענדיג ערגיץ פון א כקאַלע, ברומט איהר אונטער פונדערווייטענס, דער סאָלאָוויי שפּילט־צו א ליבעס־לידעל — און זי שלאָפט און טרוימט.

און אין יענער נאַכט, ווען ס'איז זיך פאַרלאָפען די מעשה מיט שמואליק'ן, און אז די דאָזיגע שענע בת־מלכה, נוט אָבשווינקענדיג זיך אין דעם שלאַקס־רעגען דענסטמאָל, האָט ווי נאָך א באָד געשמאַק גע־שלאָפען, איז אריינגעפאָהרען אין שטאָדט געשווינד א קאַרעטע. די פערד לויפען פאַרשוויצט, די רעדער קלאַפען אויף די שטיינער פון דער אויס־

געטאַ אַסטערטער גלופּסקער גאַס אַזוי שטאַרק אַז ס'פונקען פליהען. צוקו־מענדיג צו א טויער פון א הויף, שטעלט זיך די קאַרעטע אָב. דער שמייסער קריכט אַראָב פון דער קעלניע, צוויי פאַרשווינען, וואָס זענען געזעסען דאָרט צוזאַמען מיט איהם, געהען אויך אַראָב גלייך נאָך איהם. ביידע מיט געגאָלטע בערד, געקליידט דייטש. דער שמייסער, א געזונטער, א יונג מיט ביינער, געהט־צו און קלאַפּט אין טויער מיט דעם גאַנצען כח

— ווער קלאַפּט עס ווי א גזלן אַזוי שטאַרק אַז די ווענד ציטע־רען? — הערט זיך פונ'ם הויף א מענשענס קול, וואָס איז שרעקליך אין כעס — נישטאָ קיין רוה, נישט בײ־טאָג, נישט בײ־נאַכט!

— האַלט מויל און ביל נישט, הונד איינער! — בייזערט זיך דער שמייסער אויף א קול, וואָס לעכערט דעם מוח — געשווינד עפן דעם טויער! דו הערסט?

— אויף קראַנקע אפילו האָט מען נישט רחמנות... מען קלאַפּט און שרייעט... מען שרייעט אין איין אָטהעם... טאָמער ווייסטו וואָס? — מורמעלט דער שווייצאַר אונטער דער נאָז, שפּייענדיג מיט פאַרדראָס, שטעקט אריין דעם שליסעל אין שלאָס, דרעהט, דרעהט מיט מאַטער־ניש כלומרשט, שילטענדיג דערביי מיט מויטע קללות.

ווי נאָר דער שווייצאַר האָט געעפענט דעם טויער און דערזעהען די קאַרעטע און די מענשען פאַר איהם אין דרויסען, איז ער באַלד ווי איבערגעביטען געוואָרען, האָט געשווינד אַראָבגענומען דאָס היטעל מיט א זיס מינעלע און געשטאַנען מיט גרויס אָבשיי ווי א קנעכט פאַר'ן פּריץ.

— געה — זאָגען איהם די מענשען, וואָס שטעהען פאַר'ן טויער — געה וועק־אויף דעם „אויפזועהער“ פונ'ם „בקור־חולים“, דער „אופראַווליאַיושטשי“ פונ'ם אַקציז רופט איהם. ער זיצט דאָ אין דער קאַרעטע.

— בכבוד גדול, מיינע הערען! — זאָגט דער שווייצאַר מיט א חניפה'לע, מאַכענדיג זיך, ביים שטעלענדיג א פוס צוגעהן, ווי ער רעדט כלומרשט צו זיך אַליין — וואָס הייסט נישט פאַלנען אַזעלכע גוטע, גרויסע לייט ווי די הערען אַקציזניקעס? אומזיסט זענען זיי נישט מטריח קיינעם. גוואָס פאַר א בעטרעף איז ביי זיי א עמער בראַנפען?

— איך, ראָחלין, בעדאַרף איך דאַנקען פאַר דעם כבוד, וואָס

דער שװײצאַר האָט מיר דאָ איצט אָבגעגעבן — האָנט אײנער, דער יונגסטער פֿון די צװײ מענשען, צום אַנדערן שפּאַסענדיג, נאָכדעם װי דער שװײצאַר איז אַװעקגעגאַנגען — אָט דער שוטה, װײל ער האָט מיך געזעהען שטעהענדיג מיט אײך, האָט געמײנט, איך בין אײך אַ אַקציזניק װי איהר, און געקוקט אויף מיר מיט דרך-ארץ. װען ער זאָל געװעט װיסען, אַז איך בין אַ פּראָסטער בשר-ודם, אײנער פֿון די שילער, העע, העע, װאָלט ער מיט אַנ'אַנדער לשון גערעדט מיט מיר. נאָר טאַקי אײער זכות, אַקציזניקעס, שטעהט אונז בײ הײנטיגע צײטען, אונז בידנע משכילים, נעבעך. אײך איז קײן זאַך ניט פֿאַרבאָטען, אַלסדינג מעגט איהר, מען איז אײך מוחל און מען גיט אײך אָב כבוד. אַז-װאָװיל איז אײך אויף דער װעלט! עולם-הזה האָט איהר, און מיר, אױ... װען ניט איהר, װאָלט געװאָרען פֿון אונז אַנ'עק, חס-ושלום!

— קלאָגט זיך ניט אַזוי, ריבקין — טרײסט איהם ראָחלין אויך מיט שפּאַס — דערפֿאַר װעט איהר, משכילים, דאָך האָבען עולם-הבא און זוכה זײן צו דער סעודה פֿונ'ם לויתן.

— װילט איהר, ראָחלין, מאַכען מיר אָב אַ עסק גיך און געשװינד, װי מיר שטעהען דאָ אויף אײן פֿוס. מיר װעלען אײך געבען פֿון אונזער חלק עולם-הבא: אַ גוטע פּאָרציע פֿונ'ם לויתן, פֿונ'ם שור-הבר און יין-המשומר, און איהר זאָלט אונז געבען פֿון אײער חלק עולם-הזה: פֿלײש, פֿיש, בראַנפֿען און נאָך עפּיס...

— אַ-אַ, װעגען דעם מוז מען פֿריהער זיך אָנפֿרעגען אויף דער בירזע, אויב אײערע אַקציעס און װעקסלען אויף עולם-הבא װעלען האָבען אַ אָבגאַנג צװישען סוחרים. איך פֿאַר מײן זײט בין שטאַרק מסופּק, אויב אַ יוד, אַ סוחר, אַפּילו פֿון די גרויסע מאמינים, װעט געבען פֿאַר זײ אַ צעבראָכענעם העלער. דאָס גלויבען — דאָס איז פֿון די זאַכען, װאָס מיט'ן מויל און ניט מיט דער קעשעניע. נישטאָ קײן גרעסער אַפּיקורוס, װאָס לײקענט אין „רוחניות", שטאַרק דערהײטערענדיג זיך דערפֿון, װי די קעשעניע פֿון נגידים. אָט, אַ שטײנער, װעל איך אײך װײזען, אָנרופֿענדיג מיט די נעמען. ניי... נישט דאָס אָרט דאָ, נישט די צײט, אָט געהט דער משגיח!

עס הויבט-אָן גרויען דער ראַנד הימעל אויף מזרח-זײט. אײנער, ניט רעכט נאָך אָנגעטאָן, געהט אין אײלעניש און שטעלט זיך אָב בײ דער קאַרעטע.

— הערר איפֿזעהער! — לאָזט זיך הערען אַ װײכע שטימע פֿונ'ם

בײדעל אַרױס — איז דאָ בײ אײך אין ספּיטאַל אַ אָרט פֿאַר צװײ קראַנקע?

— נישטאָ אַצינד אַפּילו אײן בעטעל אַ לעדיגעס. איהר, מײן הערר, װײסט דאָך זעהר גוט, אַז דער „בקור חולים" איז קלײן אײן-פֿערגלײך מיט דעם היגען עולם יודען, װאָס פֿאַרגרעסערט זיך אַלץ װײטער װײטער זינט עס האָט זיך דאָ געעפֿענט צװײ נײע קװאַלען פֿון תורה און פּרנסה, די ראַבינער-שול מײן איך און די אַקציזנע הויפּט-קאַנטאָר. אַ קאַטאָװעס אַביסעל װיפֿיל מענשען פֿון אַלערלײ סאָרטען קומען-אָן אַהער! די שטאָט-פֿיהרער מאַכען אַסיפֿות, אַלץ װעגען בקור-חולים, מען רעדט, שרײעט, מען איז זיך מישב — און גאָרנישט.

— נו?!

דער דאָזיגער „נו" האָט געהאַט אין זיך פֿיל טײטשען. עס האָט געקענט הײסען װי אַ פֿראַגע: נו, עס װעט שוין נעהמען אַ עק דײנע פּלױדערײען? געקענט אויך הײסען אַ װאונדער: נו, אם-כן װעט מײן בקשה ניט דערפֿילט װערען! אויך געקענט הײסען פֿאַרדראָס: נו, שײגעץ אײנער! נאָך און נאָך טײטשען. דער אױפֿזעהער, װאָס איז באמת געװען אַ פּלױדערזאַק און געהאַט צופֿערדאַנקען מיט זײן שטעלע דעם „אופּראַװליאיושטשי", האָט געפֿיהלט אין דעם דאָזיגען „נו" אַלע טעמים, אַלע טײטשען מיט-אַ-מאָל, דעריבער האָט ער זיך פֿאַרכאַפּט צופֿאַרגלעטען דעם פֿעהלער אַזױ:

— דאָס אַלסדינג האָב איך נאָר געזאָגט גלאַט אַזױ-זיך, עס שאַדט ניט, איהר זאָלט װיסען, װאָס דאָ טהוט זיך, פֿאַרשטעהט איהר מיך. װאָס אָנבעלאַנגט אָבער אײער בקשה — אָח! מאָרגען דערפֿיל איך זי מיט דעם גרעסטען כבוד. װאָס הײסט, אַז איהר בעט!...

— אַ שענעם דאַנק אײך! די זאַך אָבער קען מען ניט אָבלײגען אויף מאָרגען. זעהט נאָר, די קראַנקע ליגען אָט דאָ אין װאָגען.

— הערט נאָר אַ מעשה, אָט דאָ אין װאָגען און איך האָב ניט בעמערקט!... אָט אַצינד זעה איך שױן, זעה איך. זײ ליגען דאָך כמעט אָהן אַ סימן לעבען. אַ מעשה, אַ מעשה!...

— אָט דאַריבער טאַקי בעט איך דאָך, אַרײנצונעהמען זײ אין בקור-חולים באַלד אָהן שהיות.

— הײ, איװאַן! — רופֿט דער אויפֿזעהער דעם שװײצער — גיכער ברײנג אַהער די מענשען מיט די אַלע זיבען זאַכען אויף צונעהמען טראָגען פֿונדאַנען די קראַנקע!

— ריבקין! — זאָגט דער אופּראַוולי̇אַיושטשי, אַראָבגעהענדיג פֿונ׳ם װאָגען — נאָט אײַך מײַן קאַרטעל צום דאָקטאָר פֿון בקור־חולים, פֿאָהרט, זײַט מוחל, און ברײַנגט איהם באַלד אַהער אין מײַן קאַרטעטע. און איך װעל נעהן אַ היים צופֿוס. נישקשה, נאָך אַזאַ לאַנגע צײַט זיצען, איז גוט דורכצוגעהן זיך אַביסעל. און אײַך, הערר ראָחלין, בעט איך — זאָגט ער פֿרײַנדליך, אומקעהרענדיג זיך צו איהם מיט׳ן פּנים — איהר זאָלט ניט אַװעקגעהן פֿונדאַנען ביז מען װעט די קראַנקע אָבגעבען זײַער אָרט און טאָן זײ, װאָס מען בעדאַרף.

דערװײַל הויבט־אָן ברעכען אויף טאָג, עס פֿערפֿאַרבט זיך רויט דער הימעל אין מזרח־זײַט און שמואליק מיט משה׳לען, דער טאַטע מיט דעם זוהן, ליגען בײדע אויף אײן בעטעל דערװײַלע אין פֿאָרהויז ביז עס װעט גרײט װערען פֿאַר זײ אַ בעזונדער אָרט. בײדע זענען צוהרגעט צובילט, ליגען פֿאַרדולט בלײַך גײ די װאַנד.

דאס פערטע קאַפּיטעל.

יענער דור, אין שמואליקס צײַט, איז געװעזען אַ דור פֿון משכּילים, חקרנים הײסט עס, און פֿון אַקציזניקעס. די יודען דענסטמאָל האָבען שטאַרק קײן חשק ניט געהאַט אָננעהמען די „השכּלה״, װאָס מען האָט עס „פֿון אויבען״ פֿאַרגעשריבען זײ פֿאַר אַ רפֿואָה צו זײַערע אַלע מכּות. זײ האָבען זיך געשטעלט און געזאָגט: „שקאָלעס ני זשעלאַיעם!״ שקאָלעס, הײסט עס, װילען מיר ניט. האָט די װעלט שטאַרק פֿאַראיבעל געהאַט דערויף, מורא־האָבענדיג, ז׳ זאָל ניט חרב װערען, חס־ושלום, צוליב דעם נאַרישען פֿאָלק ישׂראל, װאָס װיל זיך ניט בילדען. און גאָט דער לעבעדיגער װײסט, װאָס עס װאָלט געװעזען דער סוף פֿון דער װעלט, פֿון גוים און יודען, להבדיל, אינאײנעם, װען ניט דער מלאך פֿון פּרנסה זאָל זיך ניט געהען אונטערהאַפּען מיט הילף אין דער בײזער שעה, ניט ידײנס געדאַכט. אָט דער דאָזיגער מלאך פֿון פּרנסה, װאָס דרעהט דאָס רעדיל פֿונ׳ם יודישען מזל מיט דער גאַנצער לעבענס־געשיכטע זינט גלות מצרים ביז הײַנטיגען טאָג; װאָס גיט מיט דער פֿולער האַנד כּבוד די נגידים און חכמה יענע, װאָס מיט ברײטע, פֿולע קעשענעס — ער האָט זיך געגריבעלט אין אַלע יענע מיני פּרנסות, װאָס זענען געװען בכּח אַראָבצופֿיהרען יודען פֿונ׳ם װעג אין געװיסע צײַטען, און נישט געפֿונען קײ בעסער מיטעל צופֿאָרדרעהען זײ מיט השכּלה, װי דער אַקציז פֿון בראַנ־פֿען. גוט איז ער דערמיט, װאָס די ממשלה זײַנע װעט זיך פֿערשפּרײטען אומעטום, װאו יודען מעגען זיצען; װאָס ער װעט בעשעפֿטיגען מיט פֿאַרשיעדענע מיני שטעלעס מװיזענטער מענשען פֿונ׳ם געהויבענעם און געמײנעם עולם, און פֿון זײ װידער װעלען האָבען שפּע שײנקערס, בעלי־

אַכסניות, אַרבייטער, בעלי-מלאכות, קרעמער, סתם בעלי-בתּים און אויך אפילו מקבלים, כּלי-קודש, בּטלנים, קבּצנים, און וואָס נאָך, וואָס דער אַקציז פאַר זיך אַליין, בראַנפּען הייסט עס, האָט געגנג כּח צו געוועלטי- גען איבער דעם מענשענס נשמה. שטאַרקער פון משקה איז נישטאָ אין דער וועלט. משקה נעהמט צו דאָס געלד, דעם שכל און דאָס האַרץ, מאַכט וואָס טרפה כּשר און וואָס כּשר — טרף. און פאַר די אַלע מעלות, אַרויסגעזאָגטע און ניט אַרויסגעזאָגטע דאָ, וועט יודען ניט אַזוי אַרען די גיינג פון די אַקציזניקעס, די נבאים פון דער משקה, וואָס כמעט אַלע וועלען ניט זיין קיין צדיקים, און מען וועט זיי מוחל זיין אויף אַלע עבירות, וואָס צו גאָט און וואָס צו לייט, אויך אויף אַזעלכע עבירות, וואָס מען טאָר ניט זאָגען. און אַז מען וועט זיך מאַכען ניט וויסענדיג, אַוועק- קוקען פון די גרעסערע, וועלען זיך נעהמען צו בילדונג די קלענערע. עס וועלען ווי גרינגע גראָז זיך אָנהויבען ווייזען יונגע לייט. פריש-צאַפּעל- דיגע משכּילים, אין שטעדט, אין דערפער, וועלען לערנען, אַריינקוקען אין די ביכלעך, פריהער בשתיקה: אויף בוידעמער, אין קעלערס, אין דער ווייבערשער שוהל, אויך אין באָד, להבדיל, און דערנאָך שוין גאַנץ אָפען אַריינגעהן אין שולען, גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטען, טראָגענדיג פאָרמעס מיט מעשענע קנעפּ. עס וועט זיין ליהודים, יודען — ליכטיג אין די וועלט, גוים הייסט עס, וועלען נאָר אָנקוועלען.

און אַזוי טאַקי איז געשעהן! אין יענע שלעכטע ציַיטען, אַז ס'איז געווען ביטער און „פינסטער", האָט זיך איבערגעדרעהט מיט אַ מאָל דאָס רעדעל — יודען האָבען גענומען די אַרענדע פון בראַנפען, האָבען זיך באַלד אַ ווייז געטאָן אין דער יודישער גאַס אַקציזניקעס און אַ פריש- מחיה'דיג ווינטעלע האָט געוועהט אין די געצעלטען יעקב'ס!

און אַקציזניקעס זענען געווען פאַרשיעדענע, פון אַלערליי סאָרטען מענשען. דער מיטעלער סאָרט פון זיי, סתם אַקציזניק, הייסט עס, און דער גרעסטער טייל פון זיי פאַרדי ענען זיך מיט איהם דאָ בעסער און פריהער פון אַלע

דער דאָזיגער מין סתם-אַקציזניק איז געוועהנטליך אַ געבוירענער ערגיץ אין אַ יודיש שטעדטיל. דער טאַטע זיינער, אליקום-געציל, אַ יוד אַ קבּצן, אַ ליטוישער אָנגעזועהענער אָרימאַן, האָט איהם אַ נאָמען געגעבען פייבוש, און איהם מגדל געווען, ווי דער שטייגער איז, לתורה ולחופה. תורה האָט ער געלערענט קינדוויַיז אין חדר און בחור-ווייז אין אַ ישיבה, אנב טאַקי החתונה געהאַט און דערנאָך ... אַוועק אָדער אַנטלאָפען פון

זיין שטעדטיל, פון זיין „געבירט" און פון זיין פלונית'טע, דאָס מיינט מען זיין ווייב, אויף אַ צייט-לאַנג, אָדער אויף לעולם-ועד. אַצינד טראָגט ער זיך דייטש, מיט דער מאָדע, מיט ווייסע קרענגענדלעך וועלנע, אָדער אפשר נאָר פאַפּירענע, וואָס צוויי אַ גראָשען. דאָס רעקעלע זיינס, וואָס איז איהם ממש אַ דערקוויקעניש, פאַרקירצט ער אַזוי, אַז דערגרייכט קיים ביז'ן העלפט געזעסעל, מחילה, אויף צו-להכעיס דער קאַפּאָטע, עליה-השלום, וואָס האָט זיך געשלעפּט ביי איהם אַ מאָל ביז די פּיאַטעס. דאָס איינענע טאַקי איז ביי איהם אויך מיט די פאות. זאָל דער אויבער- שטער שומר ומציל זיין, אַז פייבוש בן-אליקום-געציל זאָל איבערלאָזען דערפון כאָטש עפּיס אַ סימן! דעפּאַר אַ „משוב" פאַרלאָזט ער זיך דוקא אַ גרויסען. מיט דער באָרד און וואָנסעס האָט ער געגוג אַרבייט, פריהער פּוצט ער די באָרד מיט אַ שערעל און דערנאָך גאָלט ער זי גאָר אָב, צו אַלדי רוחות. די האָר שמירט ער, זיי זאָלען גלאַנצען, אָנלייגענדיג געגוג פּאָמאַדע, און ביי עפּיס אַ שמחה'לע בעשפּריצט ער די קליידער מיט פּאַרפּומע, עס זאָל שמעקען. זעהר וויכטיג איז ביי איהם דאָס געהן אָהן אַ היטעל. באַלד ווי ער קומט ערגיץ אַריין, איז איידער ער טהוט אויס די קאַלאָשען, נעהמט פון זיך אַראָב דאָס מאַנטעל, שטעהט ער שוין מיט אַ הוילען קאָפּ, און נישט דוקא אַריינקומענדיג אין אַ הויז, וואו מענשען, נאָר אין אַ וועלכען געבּיי ס'איז, אפילו אין אַ סעריי, אין אַ שטאַל וכדומה. הכּלל, אַלע גוי'שע זאַכען, וואָס פייבוש האָט אָנגענומען, היט ער פיעל מעהר אָב ווי דער גוי אַליין, ווייל וואָס ניי איז זעהר חשוב. און נאָך מעהר דערפון, ווייל עס פיהלט זיך עפּיס אַ בעזונדער טעם אין דעם וואָס מען טאָר נישט. אַ ציגאַר, אַ שטיינער, יום-טוב רויכערט זיך זעהר געשמאַק דעם פרומען יודען, ווייל עס קומט איהם אויס עפּיס אַ חידוש — רויכערען ווען מען מאַכט קידוש, מען עסט פיש, יויך און צימעס! און שבת אַ ציגאַר איז שטאַרק געשמאַק דעם ניט-פרומען, ווייל רויכערען שבת איז פאַרבאָטען. פייבוש שעהמט זיך ריידען יודיש און שניידט אַ מין גוי'איש, משטיינס-געזאָגט, אומבּרחטנות, אַזוי אַז ער מאַטערט אָב זיך אַליין, נעבעך, און יענעם ווערדט נישט גוט הערענדיג. ווי פּערעל שיטען זיך איהם פון מויל, הויך און שאַרף, נאָר יענע מיאוסע וידעל-ווערטער און אויך יענע סיני ווערטער, וואָס ווערען געבּרויכט אין די אַקציזנע קאַנצעלאַריעס, ווי אַ שטיינער: אָמבּאַשעניע, ראַספּאַראַ- זשעניע וכדומה. פייבוש איז שוין ביי איהם פע, ער לאָזט זיך רופען פּאַנטיע אַקימאָוויטש, און אַ שטיק געזונד קומט איהם צו הערענדיג,

אַז דער צלם=אלהים איז פון איהם אַראָב, אַזאַ מין שבח גיט איהם אונטער שטאַרק חשק נאָך מעהר פּאָמאַדע אַרויפלייגען אויפ׳ן קאָפּ. נאָך מעהר קוקען אין שפּיגעל און לערנען זיך האַלטען די נאָז אַזוי, אַז זי זאָל ניט אויסגעבען איהם פונחאַנען ער שטאַמט. אין דאָרף, אָדער אין שטעדטיל, וואו עס קומט איהם אויס צו=וואוינען, רייבט ער זיך אַרום די דאָנגע בעאַמטע און פּריצים׳לעך, עס ציהעט איהם, זיצען מיט זיי בײ׳ם גרינעם קאָרטען=טישעל און עסען בײ איין טיש מיט זיי. איז בײ זיי אַ הנאָ, אָדער אַ געבורטס=טאָג, פּוצט ער זיך אויס יום=טוב׳דיג, קאַרגט ניט אויף זיך קיין פּאָמאַדע, קיין פּאַרפומע און קומט גוט=יום=בענטשען, מזל=טוב אָבגעבען מיט אַ פאַרבויג און מיט אַ מתנה. און אַז דאָס מזל שפּילט איהם און ער איז זוכה צוזיין פאַרבעטען ווי אַ גאַסט צום טיש, מישט ער מילכיגס מיט פליישיגס, קאָלבאַסען מיט קעז אינאיינעם, עסט, רייבט אויף וואָס די וועלט שטעהט, אַלע זאָלען זעהן, אַז ער האַלט ניט פון זאַבאָבאָנעס, ווי יענע פאַנאַטיקער. פונ׳ם פערפלאָמטען פּנים און די אויגען זיינע, וואָס וואַרפען זיך, בשעת=מעשה, אין אַלע זייטען, זעהט אויס, ווי ער מיינט, אַז ער טהוט זיי דערמיט אַ טובה, וואָס זיי וועלען עס איהם קיינמאָל ניט פאַרגעסען. און אַז זיי שפּאָטען, ווי געוועהנטליך, פון יודען, אָדער טאַקי פון איהם אַליין, כלומר׳שט נומבּרודערשאַפט, איז אַ מאָל שווייגט ער, ניט וויסען=מאַכענדיג זיך, און אַ מאָל לאַכט ער אויך פון שלום וועגען. באַלד בײ׳ם אויפשטעהן אין דער פריה, נאָך האָט ער די הענד ניט געוואַשען, דאָס מויל ניט אויסגעשווינקט, חאַפּט ער זיך עסען, האָטש עס ווילט זיך איהם ניט, נאָר כדי מקיים צוזיין די עבירה פון עסען אָנשטאָט דאַוונען. פונדעסטוועגען איז ער גאָר נישט אַזאַ רשע אַקעגען גאָט, ווי עס דאַכט זיך. אין האַרצען בײ זיך איז ער אַ בעל=תשובה, בעט=איבער דעם רבונו של עולם. אויף אַ טייל עבירות איז ער איהם מודה, און אויף אַ טייל ברייגנט ער איהם אַ היתר פון פיעל ערטער געוויסע, וואו עס שטעהט, אַז מען מעג. אָדער ער ווייזט איהם אויס, אַז אייגענטליך זענען זיי געמאַכט געוואָרען נאָר כדי צופאַרהיטען דורך זיי פון עבירות. עפּענטליך עסט ער גויאישע מאכלים, דאָך אַז ס׳קומט איהם אויס אַ מאָל עסען יודישע מאכלים, עסט ער מיט אַפּעטיט, שמאַכענדיג דערביי פאַר זיך מחמת גרויס הנאה. דערגלייכען איז ער ניט אַזוי שלעכט אויך צו לייט — ער איז זעהר גוט צו יודישע טעכטער, פערהאַלט זיך אַקעגען זיי נישט אַזוי ערענסט, פונדערווייטענס אָבהיטענדיג זיך מיט אַ וואָרט. ווי פרעמדע מענשען צווישען

זיך, נאָר פריינדליך מיט ליבשאַפט ווי מיט אייגענע שוועסטער, איז מיט זיי אַ נאָהענטער שמעלקע, וואָס אויף דער לונג, דאָס איז איהם אויף דער צונג, נישט מאַכענדיג, חלילה, אַ אונטערשיעד צווישען אַ בעל=הבתישע טאָכטער און אַ דינסט, אַדרבה די וואָס אַ אָרימענקע איז אַ מצוה, זי מעהר מקרב צוזיין, זיין צו איהר נאָך מעהר צוגעלאָזט. עס האָט זיך געמאַכט אַ מאָל אַ מעשה מיט דער טאָכטער פונ׳ם בעל=הבית, וואו ער איז געשטאַנען סטאַנציע, אַ אויסגעגעבען ווייבעל אין דער פרעמדער ערגיץ אין אַ שטעדטעל, וואָס איז געקומען אַ היים, זעהן זיך מיט דער משפחה. אַ שמחה, אַ פרייד בײ׳ם קומען איהרס אויף איטליכען אין שטוב, אַלע קושען זי, האַלזען זי, און זי קושט, האַלזט יעדען בעזונדער. און בשעת הדוה איז פייבוש אויך דאָ אין דערמיט, ביידע, ער מיט איהר, האַלזען זיך, קושען זיך אויף דער זייט, אויף יענער זייט פנים נאָר אין איין אָטהעם. אַז ס׳איז אַריבער די הייסע רגע, דער עולם האָט זיך אָבגעקיהלט אַ ביסעל, הויבט=אָן דאָס ווייבעל צוקוקען זיך צו די קרובים, אויספרעגענדיג איינעם נאָך דעם אַנדערען, וואָס ער מאַכט, וואָס ער טהוט? און אַז ס׳קומט צו פייבושען און זי שטעלט אויס אויף איהם אַ פּאָר אויגען פערוואונדערט, טהוט ער זיך אַ חאַפּ, מאַכענדיג אויך פערוואונדערט: וואָס הייסט! ווער איך בין ווייסט=דו ניט? איך בין דאָך — דער היגער אַקציזניק!!...

און באמת טאַקי איז אַ אַקציזניק געווען אַ גרויסער פאַרנעהם אין זיין אָרט, ווייל פיעל מענשען האָבען בעדאַרפט צו איהם אָנקומען. ווער שמועסט די שיינקאַרעס, וואָס רעכנען זיך אין שטאָדט פאַר שענע, אָנגעזעהענע בעלי=הבתים און שפּילען אַ ראָליע כמעט ווי די וואָבערניקעס דאָרט, זיי זענען געלעגען בײ׳ם אַקציזניק אין דער האַנד און געהאַט פאַר איהם דאָס ניין=יעהריגע קדחת.

שניידער, בדחנים וכדומה חברה פ״ץ, די פאָלקס=פּיטנים, וואָס מאַכען לידלעך אויף אַלע מיני שלעק, משלחת׳ן אין זייער צייט, און מען זינגט זיי דערנאָך אומעטום צווישען דעם יודישען עולם — זיי האָבען עס געמאַכט אויף די אַקציזניקעס פון פייבוש׳עס שניט, נישט מעהר ווי דאָס דאָזיגע לידעל:

„און אַקציזנע יונגע לייט
זענען פערשייט:
גאָלען די בערדעלעך
און פאָהרען אויף פערדעלעך

נעהען אין קאַלאַשען,
און עסען אונגעוואַשען.
זיי געהען אין די טראַקטירען,
טרינקען טעה
און דעם חייבעל איז ווינד און וועה".

און דאָס איינציגע לידעל אפילו, איז אויך נישט געווען פאַרשפּרייט צווישען דעם פאָלק און ס'איז ניט אָנגענומען געוואָרען, גלייך ווי פיעל שטיקלעך פיוט אַזוינע, צווינגען עס ביים עולם. און דאָס דינט פאַר אַ בעוויז, ווי שטאַרק די פּרנסה ווירקט, אַז זי איז מכפּר אויף אַלע זינד.

נידעריגער מיט אַ שטאַפּעל פונ'ם מיטעלען סאָרט אַקציזניקעס זענען יענע, וואָס אַנגעשטעלט געווען אין „נאַראַלניעס", אין אַמבאַרען, שפּייכער, קעלערס פון בראַנפען און שומרים אַרומפאָהרענדיגע אויף פערד. צווישען די דאָזיגע לייט איז אַ אויסמישעניש פון אַלערליי מיני נפשות: געוועזענע קרעמערלעך, מאַרק-מענשען, מעקלערס, משרתים און אַכסניות. צום-טייל גרויסע גראָבע יונגען, „געשלאָגען אויף דער עברי", וואָס האָבען בעקומען שטעלעס נאָר צוליב דעם, וואָס זיי זענען אַרץ-פיאַסקע-עזות-פּנים'ער מיט הערצער פערשטאָקטע, האַרטע ווי שטיין, און אויך אַזעלכע, וואָס האָבען געקענט, משטיינס-געזאָגט, קוים רעכנען ביז „תשבורת", דורך איבערגעגעבענע זיי בסוד-סודות עפּים אַזוינע מיני כּללים, און מאַכען „כּפל" אויף די צונויפגעשטעלטע פינגער, ווי אויך אַרוים מיט אַ גויאיש וואָרט, משטיינס-געזאָגט, אַז מען האָט בעדאַרפט אַ מאָל.

עס זענען דאָ אין דעם דאָזיגען פּעקעל אויך געוועזענע מלמדים, וואָס מיט זייער בּיזקייט, מיט זייער פריי-זיין אויף דער האַנד זענען זיי ווי געוואונשען צוגעפּאַסט צו זייערע איצטיגע שטעלעס. עס געפינען זיך דאָ אין צעטעל אויך בּטלנים, טויגעניכטסען, גאַרנישטען, סווישטשעס, וואָס האָבען קיין פינגער אין קאַלט וואַסער קיינמאָל ניט אַריינגעטאָן, טויגען ניט אַ קאָץ אָנ'עק צופאַרבינדען, שטעהען ווי די אָנגעמאָלטע, ליימענע גולם'ס אויף זייערע שטעלען, און פרעגט זיי בחרם, וואָס טהוט זיך דאָ מיט זיי אַזוינס — דאָס זענען אָרימע קרובים פון די געהויבענע אַקציזניקעס, פון זייערע ווייבער, פון זייערע ליבהאָבער און ליבהאָבערינס, אָדער פון גבירים, נגידים, מוסרים און תקיפים, וואָס מען האָט געמוזט צוליב-טאָן און געבען זיי שטעלעס פון-יוצא-וועגען.

אָט די דאָזיגע משה-מחויבניקעס זענען געבליבען דאָס, וואָס זיי זענען געווען, ניט אַראָבגעהענדיג זיך פונ'ם רעכטען וועג, תּם-ושלום, פּונקט די אייגענע ווי פריהער: מיט די אייגענע קליידער, מיט די אייגענע נעמען, חצקיל געהייסען און חצקיל געבליבען, אויך מיט דעם אייגענעם לשון, גערעדט מאַמע-לשון, יודיש, הויך מיט אַ ניגון, מאַכענדיג מיט די הענד, נישט נאָר צווישען זיך, נאָר אויך מיט דעם אָדון זייערען. אַז דער אָדון פלעגט אַ מאָל פּלוצלים אָנפאָהרען מיט דער פאָרסע און זיי אַ פרעג טאָן עפּיס וואָס ס'איז, פלעגען זיי ענטפערען קורץ און שאַרף: מיר חייסען גאָרנישט, רב... רב (אַזוינער און אַזוינער) האָט אונז דאָ אַנידערגעשטעלט, און מיר שטעהען. פונדעסטוועגען אַ שטיקעל אפּיקורסות האָט זיך צו זיי דאָך צוגעקלעפּט — די באָרד און פּאות, אַ שטייגער, פלעגען זיי אויסקעמען אין מיטען-וואָך און אַ מאָל טאַקי שבּת אויך. די נאָז פלעגען זיי ניט שנייצען פראַנק און פריי, איטליכען אין די אויגען, נאָר זיי האָבען זי, די נאָז הייסט עס, געלעהרענט דרך-ארץ, אָבטאָן איהר זאַך שטיל, אין דער זייט, און טאַקי אָבווישען זיך מיט אַ טיכעל, נישט דוקא מיט דער האַנד, אָדער מיט אַ עק קאַפּאָטע. דעם דאַווענען פלעגען זיי אַ מאָל אָבמאַכען בקיצור, ווי מען זאָגט: סור-בור ומפליא לעשות. פאַר דעם אָדון זייערען פלעגען זיי אַראָבנעהמען דאָס היטעל און שטעהן פאַר איהם מיט אַ הוילען קאָפּ. זיי פלעגען אַ מאָל הערען ניט קיין שענע ווערטער פון זייערע חברים, אַקציזניקעס, נישט אָנצוזיין בייזערען זיך אויף זיי, אַדרבּה, אָפט פלעגען זיי נאָך דערפון הנאָה האָבען. יענע גראָבע יונגען, טיאַטע עם-הארצים צווישען די אַקציזניקעס, פלעגען ריידען ניבול-פּה, טאָן אַ עבירה, ניט בכּיוון, אויף להכעים, חלילה, נאָר פּשוט דערפילען דערמיט זייערע תאוות. אויסגענומען די געוועזענע מלמדים, זיי האָבען געטאָן טאַקי אַ עבירה בּיכּוון, צוליב דער עבירה אַליין. דער חילוק צווישען זיי און סתם אַקציזניק פונ'ם מיטעלען סאָרט איז נישט מעהר אין דעם: יענער האָט געזינדיגט און הנאָה געהאַט, און זיי האָבען געזינדיגט און קיין הנאָה ניט געהאַט. יענער האָט געזינדיגט מיט שעטנז, אַ שטייגער, אין אַ מלבוש, און זיי — אין אַ לאַטע פון וואָל אויף צעריסענע ליינוואַנדענע פּליודערען. יענער האָט געזינדיגט, מישענדיג פליש מיט מילך, האָט ער געגעסען אַ היהגרעל מיט פּוטער, אויך פערטרונקען מיט „נסך", דעם טייערסטען וויין, און זיי — האָבען געגעסען אַ פּיסנע קאָליש, געקאָכט אין אַ פליישיג טעפּעל, מיט אַ מילכיגער לעפעל. און דער וויין, וועלכען זיי האָבען אַ מאָל זיך פאַר-

נונען טרינקען, נאָכדעם ווי זיי האָבען איהם געמאַכט „נסך" דורך דעם אָנריהרען פון אַ גוי, איז געווען ראָזינקעס־וויין. דאָס איז נאָך גאָרנישט, זיי פלעגען זיך נאָך אַ מאָל גאָר נעמען צו טאָן אַ עבירה, חאָטש ס'איז פריקרע, אָקעגען זייער נאַטור, ווי אַ שטייגער, עסען ראַקעס.

אַ העכערער גראַד פון דעם מיטעלמעסיגען סאָרט זענען געווען די געהויבענע אַקציזניקעס — „אופּראַוולייאַישטשעס", אַ שטייגער, וואָס איטליכער אין זיין אָרט איז געווען אַ גרויסער פריץ, געהאַט צו זאָגען איבער אַלסדינג, וואָס שייך צום אַקציז. אויך רעוויזאָרען, שרייבערס, בוכהאַלטערס, סעקרעטאַרען אין די קאַנצעלאַריעס און אין דער הויפּט־קאָנטאָר פונ'ם אָדון איבער אַלע אדונים, פריץ איבער אַלע פריצים, פונ'ם אַרענדאַר, הגביר הגדול והמרא — פון איהם אַליין! מיינסטענס זענען די דאָזיגע געוועזען פאַרשטענדיגע, געבילדעטע, אָרענטליכע. לייטישע מענשען.

אָט די דאָזיגע אַלע מיני אַקציזניקעס, פון קליין ביז גרויס, זיי זענען עס די טאַטעס פון דער „השכלה" אין דעם פריהערדיגען דור.

און מיט די קינדער זייערע, די משכילים הייסט עס, איז געווען אויך דאָס אייגענע וואָס מיט די טאַטעס, די אַקציזניקעס. צווישען די משכילים איז אויך געווען אַ ערב־רב, אַ אויסמישעניש פון אַלע מינים — משכילים מיט פולע זְנגעשטאָפּטע קעשענעס און לעדיגע מוחות, פון סוחרים, „פּאָדריאַדטשיקעס" וכדומה. אויך משכילים פון מלמדים געוואָרענע לעהרער אין די שולען, וואָס פלעגען אויסלעהרנען מיט די שילער די ערשטע פרשה בראשית און אַ שטיקעל „חיי אדם" מיט'ן „דייטשרישען איבערזעץ", משטיינס־געזאָגט. חלילה, זאָגען „ברא" בעשאַפען, נאָר „שוף". דאָס זענען געוועזען די אַפּיקורסים, די הקרנים, די „בעל־לשון'ס" אין יענער צייט. אויך איז געווען משכילים בטלנים, וואָס פלעגען זיך קרימען אויף פיוטים, אויפוויזענדיג אין זיי פעהלער. פאַרברייננגען די גאַנצע צייט זייערע אויף איינבייסען אַ האַרבען פסוק, אַ קרייטיש שטיקעל אגדתא, געבען מיינסטיינס צו־פאַרשטעהן זייערם אַ אויפטהו מיט משלים פון דעם שטייגער פיהר־ונג אין דער וועלט און פון דער פּאָליטיקע. די מגילה — דאָס איז פאַר זיי געוועזן אַ אָרט, אַריינצולייגען דאָרט טיפע כוונות אין די ווערטער פון המן און אחשורוש, געגריבעלט זיך מיט אַ

קוועטש אין איטליכס וואָרט פון מרדכי'ן און אסתר המלכה און עס דערקלערט שכל'דיג על־פּי חכמת הפּאָליטיקע עף־עף! פון „כפרות שלאָגען" האָבען זיי נישט אַזוי געהאַלטען, פלעגען איבערהיפּען געוויסע שטיקלעך „יוצרות" און צובאַמקען יענע, וואָס האָבען פערלאַנגט „רעפאָרמעס" אין דעם שלחן־ערוך.

פונדעסטוועגען בעדאַרף מען נישט אַזוי גרינג אָפּמאַכען די משכילים פונ'ם פריהערדיגען דור, מען מוז געדענקען די צייט, ווען, און דאָס אָרט, וואו זיי האָבען געלעבט. עס מעג זיי בייִשטעהן אויך דער זכות, וואָס ווען נישט זיי, וואָלטען היינטיגע חכמים, אין אונזער צייט, זיך נישט גענומען אויף דער וועלט. און איהר, בייזע צינגער, אָנשטאָט צווידלען, צונישט מאַכען יענע, וואָס אַ מאָל, זידעלט בעסער די, וואָס היינט. וויפיעל, אַ שטייגער, משכילים־עמי־הארצים, אויסגעלאַסענע, בטלנים, האָט איהר אייך אי איצינד אין אייערע צייטען. מילא אויף די אַמאָלדיגע איז נאָך דאָ אַ תירוץ — מענשען זענען דאָס אייגענע וואָס אַ שטאַרק צונויפגעשטיקטע לופט, אַ שטייגער, צו איין זייט. ערגיץ עפּיס, ווי באַלד עס שפּירט זיך אַ מינדסטע עפנונג, טהוט זי זיך אַ שטופּ מיט אומפּעט, פּער־פליהענדיג פריי העט וייט צו דער אַנדערער זייט. האָט פונ'ם בית־המדרש צו דער „השכלה" זיך געעפענט אַ ביסעלע די טיר, האָבען יודישע קינדער אַ לאָז געטאָן זיך ווי די דולע, פערקריכענדיג ווייט. מיט וואָס אָבער קען מען פאַרענטפערען די היינטיגע, וואָס די טיר צו דער השכלה איז נישט געווען פערשלאָסען קיינמאָל פאַר זיי? די פריהערדיגע זענען געווען פערפיהרט אומגערן, ניט־וויסענדיג, און די היינטיגע — טאַקי וויסענדיג. און נאָך אַלע זאַכען זענען דאָך נישט אַלע אין יענעם פריהערדיגען דור געווען פערדאָרבען, חלילה. ווי צווישען די אַקציזניקעס האָבען זיך געפונען איינצעלנע לייטישע מענשען, אַזוי אויך צווישען די משכילים. פיעל גרויסע לומדים, חכמים, געלעהרענטע, זענען פון זיי אין יענער צייט געווען, בע־ריהמטע שריפטשטעלער, פּאָעטען, וואָס מאַכען כבוד זייער דור יודען, און די שפּעטערדיגע דורות.

און איהר, חכמים פונ'ם נייעם דור, בעריהרט ניט דעם כבוד פון די חכמים פונ'ם אַלטען דור דערפאַר, וואָס זיי האָבען נישט געהאַט צוטאָן איבער אַ זאַך, ווי בית־שמאי מיט בית־הלל, אַ שטייגער, איבער אַ איי, וואָס איז ערשט נולד געוואָרען איצט. און

פערלויף פון פערשיעדענע צייטען וועלען נייע געדאנקען און אנדערע בעדערפנישען נולד ווערען ביי איערע קינדער, נאך אייך. מענליך, אז יענע קינדער אין זייער צייט וועלען אויך לאכען פון די טאטעס, פון זייערע חקירות און זייערע חלומות. איטליכע צייט איז מיט איהרע פויגעלעך. נייע פויגעלעך — נייע לידלעך!...

דאס פינפטע קאפיטעל.

די מעשה מיט שמואליק דעם טאנדעטניק, זי בעווייזט אויך זעהר גוט, ווי נאך טויזענטער אזעלכע בעווייזען, אז א יוד בעדארף אננעהמען פאר ליעב איטליכע מכה, איטליכען קלאפ, אי א פאטש אויך, אפילו ווען עס טהוט איהם שטארק וועה; ער בעדארף גלויבען, אז דער פאטש איז, נישקשה, ניט אומזיסט, נאר פון זיין טובה וועגען, אויב נישט באלד אין דער הייסער מינוט, איז שפעטער. ווי עס זעהט-אויס, איז שוין, א-פנים, דעם יודען אויבען אזוי אנגעשריבען ביי'ם געבוירען-ווערען, אז ער זאל ניט האבען קיין לעק עולם-הזה אהן צער און יסורים. דעם יודענס מזל ליגט אין א הארטער כפול-שמונה'דיגער שאלעכטס, ווי דאס קעריל פון א נוס, וואס קומט אן זעהר שווער צודערטאפען עס ביז מען ברעכט ניט שיער אויס די ציין קנאקענדיג.

שרעקליכע וועהטאגען האט שמואל'ק, נעבעך, געליטען יענע נאכט, אי הארצוועהטאג, אי וועהטאגען פון די קלעפ, וואס ער האט געכאפט, נאר ווען ניט זיי, וואלט ער דאך ניט זוכה געווען צוהאבען דעם כבוד, אז מיכאל ספיר, דער עלטסטער איבער אלע אקציזניקעס אין מאהלינער גובערניע, זאל זיך מיט איהם אבגעבען, אריינגעהמען צו זיך אין דער קארעטע איהם מיט זיין משה'לען און אבפיהרען זיי ביידע אין בקור-חולים. און ס'איז באמת א כבוד, א גרויסער כבוד, וועלכען אבצושאצען איז אין שטאנד נאר אזעלכער, וואס איהם איז גוט בעוואוסט דער שמייגער לעבען פון אונזערע יודען אין היגען ווינקעל, זייער פיהרונג און מיינונגען אין יענע צייטען.

אונזערע זיידעס האבען געגלויבט: דאס גאנצע לעבען אויף דער

וועלט איז נאָר צוליעב יענער וועלט. „דער מענש ווערט געבוירען אויף
מקיים צוזיין מצוות לשם=שמים און שטאַרבען דאָ כדי צולעבען דאָרט״.
דעריבער איז אַלסדינג, וואָס ער געברויכט דאָ אויף דער וועלט, נישט
צוליעב דערהאַלטען דעם גוף און פון זיין הנאה=האָבען, נאָר צוליעב
דעם. כדי מקיים צו זיין אַ מצוה. זיי האָבען געגעסען, אַ שטייגער, אין
אַ וואָכענדיגען טאָג, כדי צו מאַכען „המוציא״ און בענטשען, און שבת
אויך כדי מקיים צוזיין „שלש=סעודות״. האָבען פערזוכט זומער די פירות
כדי מאַכען ברכה מיט אַ „שהחיינו״. וויין האָבען זיי געטרונקען פסח
מקיים צוזיין ארבע כוסות. זיי האָבען חתונה געהאַט ניט ווי אַלע אַנדערע
לייט, נאָר אויפ׳ן יודישען שטייגער, כדי מקיים צוזיין די ערשטע
מצוה. אין באָד זענען זיי געגאַנגען, נישט זיך צוליעב, נאָר לכבוד
שבת, לכבוד יום=טוב. מיט׳ן נעגעל=וואַסער און די הענד וואַשען זענען
זיי ניט אויסען געווען אַזוי דעם פוץ, דאָס ריינקייט, ווי די ברכה, „על
נטילת ידים״, דעם „אשר יצר״. און אַ פשיטא=שיין ניט קיין גוטינע
זאַכען, וואָס גלאַט שיין פאַר דעם אויג וכדומה נאָך אַזוינע תענוגים —
דערפון האָבען זיי כלל וכלל ניט געהאַלטען. זאַקען, ליינווענדענע תחתונים,
אַ טלית=קטן און אַ קאַפּאָטע, איינע אַ וואָכענדיגע און איינע אַ שבת׳דיגע,
אָט דרינען איז בעשטאַנען זייער גאַנצע גאַרדעראָבע. יודען זענען נישט
קליין געווען געהן צופוס, נישט האָבענדיג קיין קאַרעטעס מיט פערד,
זענען אויסגעקומען אין שטוב אָהן שענע טייערע מעבעל, אָהן פאַר=
קעטען און מירמעלשטיינערנע זיילען, אָהן שווייצאַרען מיט טרעסטען,
מעשענע קנעפּלעך און אָהן גלעקלעך ביי די טירען. די טיר איז געשטאַ=
נען אָפען, ווער עס האָט בעדאַרפט, איז פריי אַריין. איז יענער פער=
גאַנגען העט אָהין צום בעל=הבית, צו דער בעל=הבית׳טע אין שלאָפצימער,
איז אויך געווען נישקשה. אין יענער צייט זענען נים געווען בנמצא קיין
יודישע „טשינאָווניקעס״, קיין ראַבינער, קיין סטראַפּציעס און געשוואוי=
רענע אַדוואָקאַטען, קיין יודען מיט אויבעל׳עך, מיט אָרדענס און מיט
מיטלען, חוץ פרנסי=חדשים און קהל׳ס=לייט: שמשים, חאַפּערס,
קברנים, מלמדים, ראשי ישיבות, פרושים, כלי=קודש, קבצנים, מקבלים
און בטלנים. די צייט איז זיך געגאַנגען איהר וועג, יודען זיצען זיך
וואו זיי מעגען, גאַנץ יודישליך — די יאַרמולקעס מיט די היטלען אויף
די קעפּ, שויצען געשמאַק, און נאַרנישט! וואָס הערען זיי אַ וועלט?
איין יוד שטעלט אַרויס אַ פיג דעם אַנדערען, קליין און גרויס אַל׳ץ
איינס, כל ישראל אחים — אַלע גלייכע פריצים!... דאָרט ביי זיך,

אויף דער יודישער גאַס, זענען יודען טאַקי בני=מלכים, פרינצען, האָנאָ=
רעוואַטע. אָבער ביי׳ם אַרויסגעהן אין דער וועלט, צווישען לייט, לעגען
זיי אַוועק אין דער זייט זייער כבוד, זייער שטאָלץ, בעקוטען, משטיינס=
געזאָגט, אַ פנים פון קנעכט, קניען זיך, בוקען זיך, דערנידעריגען זיך
פאַר אַ ליאַדע פּריצ׳ל צוליעב דאָס שטיקעל זינדיגע פרנסה, שטעהען
פאַר איהם אָהן אַ היטעל, אַלץ מיט אַ פאַרבויג, מיט אַ חניפה׳לע, אַ׳
מורא=האָבענדיג, אַז מבטל=זייענדיג זיהם אין האַרצען צינגלייכער
צייט.

און די אַקציזניקעס, אָט די נייע מיני פאַרשוינען דענסטמאָל, זיי
זענען עס געווען, קען מען זאָגען, די ערשטע אין דער יודישער גאַס,
וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט פון אַנדערע מיט זייער שטייגער לעבען,
מיט זייער הלבשה, מיט אַל׳ע נייעס און די פיהרונגען זייערע. זיי האָבען
עס אָנגעהויבען ווערען „טשינאָווניקעס״, בעאַמטע, העכערע און קלענערע,
שטעהענדיג איינע אונטער די אַנדערע און הערענדיג איינע די אַנדערע
לויט די שטעלעס. וועלכע זיי האָבען פערנומען. דער עלטסטער, דער
גרעסטער פון די אַקציזניקעס, האָט געפיהרט דאָס רעדעל און זיין
גובערניע בגראַנדע, האַלטענדיג יעדען אין דער מורא. זיין הויז איז
תמיד פול געווען מיט מענשען — דער איז געקומען בעטען אַ שטעלע,
און יענער בעט, מען זאָל איהם פון דער שטעלע זיינער ניט אָבזאָגען.
איין שענקער קלאָגט זיך, וואָס מען האָט אַוועקגענומען זיין בראָנפען,
און דער אַנדערער בעט רחמים, אָרעבצונעהמען פון איהם דעם קנס,
וואָס מען האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט. איטליכער קומט מיט זייַנס,
אַלע שטעהען אָהן היטלען, וואַרטענדיג אין פאָר=צימער די שעה, וואָס
מען וועט רופען איינעם נאָכ׳ן אַנדערען צום אָרון הגדול אין קאַבינעט. און
משרתים, בעדינטע, לויפען ווי די רוחות אַהין=אַהער. געהען פאַרביי דעם
וואַרטענדיגען עולם שווייגענדיג מיט שטאָלץ, און אַז וואויל איז יענעם,
וועלכער איז זוכה צוהאַפּען פון זיי אַ וואָרט, אַ בליק. אָט די דאָזיגע ניי=
מאָדנע לייט זענען פאַרדעכענט געווען ביי יודעלעך, שוואַכענדיגע, ציטע=
רענדיגע, ווי אמת׳ע פריצים. סטייטש, זיי האָבען דאָך אויך עולם=הזה:
זיצען אין שענע דירות, פאַלאַצען, מיט טייער מעבעל, טראָגען אפילו
אין דערוואָכען שענע בגדים, פאָהרען אין קאַרעטעס, און דער שליסעל
פון פרנסה איז ביי זיי אין די הענד. מיט אַזעלכע אדונים, אַ קליינינקייט
עפּים, איז נים שייך זיך אויפצופיהרען כמנהג יוד, פשוט, אָהן צערעמאָ=
ניעס, אָהן דרך=ארץ, ווי אחינו בני ישראל צווישען זיך. פאַר אַזעלכע

מעג מען זיך דערנידעריגען, ביקען זיך, קושען די הענד, שטעהן אָהן א היטעל און מאַכען זיך עפר־ואפר, נישקשה!

נאָר דעם גרויסען כבוד האָט מען אזעלכע אַקציזניקעס אַבגעגעבען צוליעב דער פּרנסה. אין האַרצען האָט מען פון זיי געטראַכט אַנדערש ווי גערעדט מיט'ן מויל, ווייל זיי האָבען זיך דאָך ניט געפיהרט יודישליך. נאָר עפּיס אַנדערש איז דער הערר מיכאל ספּיר, אַ מענש אַ גוטער, אַ פרומער, די גאַנצע פיהרונג ביי זיך אין הויז איז יודישליך — איהם האָט מען טאַקי געאַכט, ליעב געהאַט באמת פונ'ם האַרצען. ער איז געווען אַ געבילדעטער מענש אי אַ וואויל־לערנער, האָט געקענט לשון־קודש, ליעב געהאַט זיין פאָלק און זיך געלאָזט דערקענען מיט געלט צו אַ נויטבעדערפטיגען, צו אַ יודישען מחבר. אַ מחבר אין יענער צייט ביי יודען איז געוועהנטליך געווען אַ אָרימאַן, וואָס ער פלעגט שוואַרצען דאָס פּנים, אַרומגעהענדיג פאַרטיילען זיין ספר. אמת, היינט זענען אויך דאָ אַ טייל מחברים קבצנים, נאָך אפשר גרעסערע פון די פריהערדיגע, נאָר די אָרימקייט זעהט זיך ביי זיי ניט אַזוי אַרויס. זייערע ספרים פאַר־טיילען זיי נישט אַליין, נאָר דורך גרויסע שרייענדיגע, אומגעלומפּערטע מודעות אין די צייטונגען. און אויב יודען פאַרשעהמען זיי, קויפען ניט, איז דאָך דאָס פאַרשעהמען יענעם אונטער די אויגען ניט אַזאַ בזיון ווי פאַרשעהמען איהם אין די אויגען. מיכאל ספּיר אָבער האָט זיך בע־נומען פריינדליך מיט אָרימע מחברים, פלעגט גערן נעהמען זייערע ספרים, זעהר שען זיי בעלוינען און אָפט נאָך פאַרבעטען זיי צום טיש. איבערהויפּט איז מיכאל ספּיר געווען אַ פריינד פון די משכילים און לעהרער אין די יודישע שולען, וואָס זענען ביים עולם אין יענער צייט נישט בעליעבט געווען. ער האָט גערעכענט זיך פאַר אַ שולד, אַריינ־צוגעבען זיין איינציגען זוהן אין דער ראַבינער־שול, וואָס אין דער שטאָדט!... כדי אַנדערע רייכע לייט זאָלען איהם דריגען נאָכטאָן. און אָט דעם יונגען מאַן, ריבקין, איינער פון די בעסטע ראַבינער־שילער, פון אַ העכערער קלאַס, איהם האָט ספּיר אַריינגענומען צו זיך אין הויז, ער זאָל לעהרנען מיט זיין זוהן. ריבקין האָט געטאָן זיין זאַך געטריי און ספּיר האָט איהם דערפאַר זעהר ליעב בעקומען, זוכענדיג תמיד אַ גע־לעגענהייט, פאַרשאַפען איהם וואָס ס'איז אַ פאַרגניגען. גראָד אין יענעם טאָג, ווען די מעשה מיט שמואליק'ן, האָט מיכאל ספּיר בעדאַרפט צוליעב עסק פאָהרען ניט ווייט אין אַ דאָרף, דער טאָג איז געווען זעהר

אַ שענער, האָט ער מיטגענומען ריבקינ'ען, ער זאָל אַביסעל זיך דורכ־פאָהרען אויף דער פרייער לופט.

אמת טאַקי, אַ גרויסער כבוד איז פאַר שמואליק דעם טאַנדעטניק, וואָס אַזאַ מאַן ווי מיכאל ספּיר האָט איהם בעפרייט פון די חאַפּערס הענד און אָבגעפיהרט איהם מיט משה'לען אין בקור־חולים; פונדעסט־וועגען איז נאָך אָבער ניט אויסגעמאַכט, אויב שמואליק וואָלט פאַר דעם דאָזיגען כבוד גענומען פון־לכתחילה אויף זיך, צוליידען אַזעלכע שווערע, ביטערע יסורים. אפשר וואָלט ער גאָר געזאָגט: ניט קיין חאַפּערס און ניט קיין ביזפרייער, ניט קיין מכה און ניט קיין רפואה, ניט קיין וואונדען און ניט קיין בקור־חולים. איז דען טאַקי ניטאָ ביי אונז אַזוינע קבצנים, עזות־פּנים'ער, וואָס פאַרגעסענדיג דאָס גוטס, וועלכס מען טהוט זיי, טרעטען זיי אַרויס אַקעגען אַלע אונזערע גבאים און יענע מיני בעלי־טובות מיט אַ ליאַרם, אַ געשריי: פיל גלייכער וואָלט געווען פאַר אונז און פאַר כל־ישראל, אַז איהר וואָלט גאָר ניט געבוירען געוואָרען!... מילאַ, כבן וואָלט כבוד נאָר אַליין ניט גענוג געווען פאַר שמואליק'ן, ווען מיט דעם כבוד צוגלייך זאָל זיך ניט געווען אויס־דרעהען פאַר איהם אויך אַ גוטע נצליכע זאַך.

דאָס זעקסטע קאַפּיטעל

נישט אַזוי גיך איז שמואליק אויסגעהיילט געוואָרען פון די וועהטאָגען זיינע. אַז זיין משה'לע איז אַרויס פונ'ם בקור־חולים געזונט, איז ער נאָך געלעגען מסוכן קראַנק, און אַ לאַנגע צייט ניט אַראָב פונ'ם בעט. אין דער צייט, ווען דער דאָקטאָר אין בקור־חולים האָט זיך שטאַרק אָבגעגעבען מיט איהם, בזכות מיכאל ספיר, היילען דעם צעבראָכענעם גוף זיינעם, האָט ריבקין, דער ראַבינער־שילער, זיך שטאַרק אָבגעגעבען מיט משה'לען, היילען איהם זיין נפש, בילדען איהם הייסט עס, אויסלערנען איהם לייענען ביכלעך און שרייבען. געטאָן האָט עס ריבקין נאָר פאַר רחמנות — ער האָט געזעהען אַ אָרים־בחור'ל, אַ קראַנקס, נעבעך, איז איהם דאָס האַרץ פאַרלויפען מיט בלוט קוקענדיג אויף איהם. אַלע טאָג פלעגט ער קומען איהם מבקר־חולה זיין און זיך ניט דערווייטערט פון איהם נאָכדעם אַז ער איז רעכט געזונט געוואָרען. און לסוף, געפינענדיג אין איהם גוטע מעלות, אַז ער האָט אַ גוט קעפּעל צום לערנען, האָט ער איהם שטאַרק ליעב בעקומען, געלויבט איהם אין טאָג אַריין. מיכאל ספיר האָט זעהר הנאה געהאַט, וואָס דורך איהם איז אַרויס אַ ישועה אַ וואויל קינד, און זיך בעטראַכט, העלפען אַזאַ בחור'ל און אַריינגעבען איהם אין דער ראַבינער־שול, ער זאָל ווערען מיט דער צייט אַ ניצליכער, אַ פאַרטיגער מענש. צו־צוגרייטען איהם האָט זיך אונטערגענומען ריבקין און געלעהרענט מיט איהם געשמאַק.

מיט דער נייער תורה האָט אָנגעהויבען אין משה'לען צו־יאָוירען און אייפגעהן עפּיס משונה נייע געדאַנקען — אַזאַ יאָוירען, וואָס ווערט אין טייג און אויך אין אַ פאַרזייהט קערענדיל, אויפבורענדיג אַלע טייל־

כלעך אין איהם, און וואָס אָהן דעם איז דאָס שפּראָצען און וואַקסען ריין אוממעגליך. די תורה פון דער „השכלה" האָט, ווי זויערטייג, אָנגעמאַכט אַ האַלעבורדע אין משה'לעס האַרץ, אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין זיינע געדאַנקען; זאַכען גאַנץ קלאָרע פריהער, הערען־אויף קלאָר צו זיין אַצינד. וואָס גוט וואָס שלעכט, וואָס שען וואָס מיאוס, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט איז איצט בײַ איהם די שאלה, אויב ס'איז אַזוי. פאַרצייטיגע חכמים קומען ניט צו די היינטיגע, אַלטע געהען אַראָב פונ'ם מאַרק — אָבער אַזוינס דויערט בײַ איהם נישט לאַנג. דאָס לערנען קינדוויז אין חדר; דאָס זיצען און לערנען שפּעטער אין בית המדרש, אונטער דער השגחה פונ'ם ליעבען רב אברהם'ן; דאָס בײַנקען נאָך טאַטע־מאַמע, פאַרשטעלענדיג זיך ווי עס האָט זיך בײַ זיי געלעבט, ווי ס'איז צוגעגאַנגען די שבתים און ימים־טובים — אָט דאָס איז איהם בײַגעשטאַנען בשעת דאָס יאָוירונג אין איהם, אַז עס זאָל געהן ריכטיג, און די נייע וועלט זיינע זאָל זיין געבויעט אויף דעם פונדאַמענט פון דער וואָס אַ־מאָל. דערצו נאָך האָט דאָס מזל איהם אויך געדינט, צושיקענדיג איהם אַ גוטען רבי'ן, ווי ריבקין, און אַ גוטען חבר, ווי מיכאל ספיר'ס זוהן — בײדע געזעצטע, מיט אַ גוטער אויפפיהרונג, וואָס האָבען דערמיט אויף משה'לען גוט געווירקט. משה'לע בילדעט זיך, וואַקסט, וואַקסט מיט דער צייט, ביז ער פּיקט זיך אויס ווי אַ היהנדעלע, וואָס עפענט די אויגען און דערזעהט פאַר זיך צום ערשטען מאָל די וועלט, גלייך ווי זי איז אויך ערשט בעשאַפען געוואָרען!

אַ היבשע צייט איז שמואליק אַוועקגעלעגען אין בקור־חולים און אַז ער איז אַרויס פון דאָרט איז ער נאָך אַלץ צו די קרעפטען ניט געקומען, און געשטיצט פון גוטע מענשען איז ער פאַרבליבען אין ז... ביז ער וועט אינגאַנצען געזונט ווערען און זיין אין שטאַנד צו־אַרבייטען.

שמואליק זעהט זיין זוהן אַרומפיהרענדיג זיך מיט שילער און האָט הנאה, טראַכטענדיג בײַ זיך: דאָס זענען אַודאי ישיבה־בחורים, מיט וועלכע ער לערענט צוזאַמען אין בית־המדרש, זיי האָבען זיכער אָנגעשמעקט אין איהם, ווי גוט ער קען די גמרא און איטליכער האַלט פאַר אַ כבוד צוזיין מיט איהם חבר. דאָס איז געווען שמואליקס איינציגע טרייסט אין זיין ביטערער לאַגע, פאַרשטעלענדיג זיך אַלץ, ווי דער שטייגער זיינער איז תמיד, דאָס גרויסע גליק, וואָס דערוואַרטעט איהם שפּעטער, אם־ירצה־השם. עס דאַכט זיך איהם, דער זוהן איז אַ רב

ערגיץ בײַ יודען, ער זיצט מיט ברייטקייט אויפ'ן בינקעל, דיינים מיט דעם שמש אַרום איהם, די טיר בײַ איהם אין שטוב מאַכט זיך נישט-צו פֿונ'ם עולם מענשען, וואָס נעהען צו איהם, דער מיט אַ דין-תּורה, דער מיט אַ שאלה, דער אַזוי, יענער אַזוי, אַלע בענשען זיך מיט איהם און זאָגען: אַז-חאַויל איז אײַך, רב שמואל, וואָס איהר האָט זוכה נעווען בײַ נאָך צוהאָבען אַזאַ זוהן

און ווי שמואליק טרייסט זיך דאָ אַזוי מיט גוטע האָפֿנונגען אויף שפּעטער, מיט אַ-מאָל קומען איהם צו די אויגען עפּיס ביכלעך, ניט קיין כּשר'ע, וואָס משה'לע האָט, נישט-וויסענדיג, זיי אין שטוב פֿאַרגעסען. דערזעהענדיג זיי איז איהם פֿינסטער געוואָרען אין די אויגען! געוואַלד, רבּוני של עולם, משה'לע זײַנער, פֿאַר וועלכען ער האָט זיך אַזוי מקריב געווען, אויף וועלכען ער האָט דעם לעצטען גראָשען רבּי-נעלט אויסגעגעבען, צולערנען איהם תּורה — סטײַטש ער, משה'לע, זאָל אַזוי פֿאַרפֿיהרט ווערען, אַרײַנקוקען אין די טרפֿה-פּסל'ן! דאָס גאַנצע לעבען זײַנס איז ער ווי אַ הונט אַרומגעלאָפֿען איבער די גאַסען, זוכענדיג דאָס שטיקעל ברויט, שוואַרצענדיג זיך דאָס פּנים, און די גאַנצע האָפֿנונג זײַנע איז געווען דער זוהן, ער וועט עס איהם שפּעטער אָנטאָן כּבוד, צוטיילען גליק און גרויס נחת — הײַנט אַז דער זוהן זײַנער איז אַראָב פֿונ'ם רעכטען וועג, איז דאָך אויס אַלע האָפֿנונגען, וואָס-זשע טויג איהם אַצינד גאָר דאָס לעבען, זײַן הינטיש-לעבען? חרב געוואָרען איז זײַן וועלט מיט אַלע גוטע זאַכען, וועלכע ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אויף שפּעטער; אונטערגעגאַנגען איז דער ליכטיגער שטערען פֿון טרייסט, וואָס האָט איהם געשײַנט, געפֿינקעלט פֿונדערווײַטענס — וויסט און פֿינסטער איז איהם!

דעם עולם'ס וואָרט: „אָדם קרוב לעצמו", איט'יכער מיינט זיך, איז נעזאָגט געוואָרען אויך אויף דער ליעבשאַפֿט פֿון טאַטעס צו קינדער. ווי גרויס און שטאַרק ס'איז די מיה פֿונ'ם פֿאָטער צום-גוטען פֿאַר די קינדער, איז דרינען דאָ, מעהר אָדער ווייניג, זײַן אייגענער אינטערעס — האָבען כּבוד פֿון די קינדערס כּבוד, זײַן בערימט דורך זייער רוהם, שטאָלץ און גרויס דורך זייער גרויסקייט. דעריבער אַז שמואליק דער טאַנדעטניק האָט דערזעהען, אַז זײַן זוהן איז אַוועק אין אַ שלעכטען וועג און צעשלאָגען זײַנע האָפֿנונגען, האָט עס געהייסען בײַ איהם אַזוי פֿיעל. בי ער בעגזולט איהם, נעהמט בײַ איהם צו אַלסדינג וואָס ער האָט נע-

מיינט האָבען דורך איהם שפּעטער — נו, איז אויס רחמנות, און ער נערט אויף איהם אין כּעס, פֿלאַם-פֿײַער.

שמואליק איז שטאַרק אָנגעלאָדען און וואַרט, אַז משה'לע וועט קומען, וועט ער אויסלאָזען צו איהם דעם גאַנצען צאָרן.

משה'לע איז געקומען — און מיט איהם צונלייך ריבקין.

— אַ היים לאָמיר פֿאָהרען, קיין גלופּסק! — טהוט שמואליק אַ געשריי אויף משה'לען, רויט ווערענדיג פֿאַר כּעס ווי אַ אינדיק.

משה'לע בלייבט שטעהן צומישט, נישט צופֿאַרשטעהן וואָס דאָס געשריי בעטײַט.

— קיין גלופּסק! — שרײַעט שמואליק, ציטערענדיג מיט אַלע אברים.

משה'לע רוקט זיך אָב אין דער זייט אָהן לשון פֿאַר גרויס וואונדער, אַ שרעק, און ריבקין ענטפֿערט אָב אָנשטאָט איהם:

— רב שמואל, קיין גלופּסק וועט אײַער זוהן ניט פֿאָהרען!... דאָ, אין דעם אָרט פֿון תּורה, וועט ער בלײַבען און מען וועט איהם געבען אַלע זײַנע בעדערפֿעניש.

— און מען וועט איהם געבען אַפּיקורסישע ביכלעך — מאַכט שמואליק מיט גאַל, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, — אַפּיקורסישע ביכלעך, הא, וועט מען איהם געבען, אַראָבפֿיהרען איהם פֿונ'ם וועג!...

— טאַטע, וואָס רעדסט-דו?!...

— שטום! מיך נאַרען מיינסט-דו? אָ, ניין! איך האָב, נישקשה, געפֿונען די ביכלעך, דײַנע ביכלעך, האָב געזעהן, געזעהן...

— וואָס געזעהן? — פֿרעגט איהם ריבקין.

— געזעהען, אַז דאָס זענען די אַפּיקורסישע ביכלעך.

— איהר האָט אַ טעות, רב שמואל! אַ גראַמאַטיקע אַ יודישע אַ רוסישע און אַ געאָגראַפֿיע האָט איהר געזעהן!

— צו-וואָס? איהם צו-וואָס טויגען אַזוינע ביכלעך?

— סטײַטש, צו-וואָס?! יוז יש, לשון-קודש הייסט עס, מוז ער קענען, ער איז דאָך אַ יוד. רוסיש מוז ער אויך, דאָס איז דאָך די לאַנדס-שפּראַך, וואו ער זיצט, און קענען די וועלט-בעשרײַבונג מוז ער אויך, ער איז דאָך אויך עפּיס אַ מענש. איהר פֿאַרשטעהט, רב שמואל, דאָס אַלסדינג איז אַ מוז!

— נאָט אײַך אַ מוז! אַ נייער „מוז", וואָס שטעהט ניט אין די צעהן געבאָט. מיר, אין גלופּסק, האָבען עס ניט געהערט. די גלוב-

סקער לעבען, ברוך־השם, אָהן דעם געבאָט אויך. האָבען עס ניט נעקענט אַמאָל, קענען עס ניט היינט און זענען פונדעסטוועגען כשר'ע יודען, פיינע מענשען און שענע סוחרים לכל־הדעות, קוממ איצט משה'לע מיינער און מאַכט עס אויף זיך פאַר אַ הייליג געבאָט!

— יאָ, דאָס מוז ער אויך צוליעב דעם — זאָגט ריבקין מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּען — אויך צוליעב דעם מוז ער עס, כדי אַריינצוטרעטען אין אונזער בית־מדרש — אין דער ראַבינער־שול.

— אוי, אַז־אָך און וועה צו אַזאַ בית־מדרש, אַז־אָך און וועה צו זיינע רבנים, משטײנס־געזאָגט, און אַז־אָך און וועה צו מיין זוהן, וואָס פאַרלאָזט אונזער בית־מדרש און געהט אַריין אין זייערען, להבדיל!... וואַרף אַוועק דיינע נײנג, משה, און קום צוריק קיין גלופסק!

— אייער זוהן אָבער איז דאָך אַ שלאַפינקער, נעבעך, און בעדאַרף האָבען, אין לעבען אַריין, אַ גוטע נאַהרונג — זאָגט ריבקין מיט אַ געבעט, צודערוועגען אין דעם טאַטענס הארץ רחמנות אויף זיין קינד — זעהט, וויפיל ער האָט געליטען, נעבעך, אין זיין לעבען: מאַנגעל, יסורים און לייד, און ווי בלייך ער איז, וואָס פאַר אַ פּנים, נעבעך, ער האָט פון די מכות, וועהטאָגען, וואָס ערשט נישט לאַנג. און איהר מאַקי אַליין, רב שמואל, זייט דאָך, נעבעך, אויך גאָר אויס מענש, נישט געקומען נאָך צו די קרעפטען, נישטאָ קיין כח צוהאַנדלען. וואָס־זשע פאָרט וועט איהר טאָן אין אייער גלופסק. מיט וואָס וועט איהר דאָרט מפרנס זיין אייער ווייב און קינדער.

שמואליק טהוט אַ קרעכץ און טרערען שטעלען זיך איהם אין די אויגען. ריבקין בענוצט זיך מיט דער גוטער מינוט, לייגט אַרויף די האַנד שמואליק'ן אויפ'ן אַקסעל און זאָגט:

— בערוהיגט־זיך, רב שמואל, און בלייבט דאָ, ביז איהר וועט רעכט געזונד ווערען. הייבט אויף די הענד מיט אַ לויב צום הימעל, דאַנקט דעם אויבערשטען, וואָס ער האָט אייך צוגעשיקט אין דער נויט אַזאַ גוטען טייערען מענשען, ווי מיכאל ספּיר. נישקשה, ער וועט אייך ניט פערלאָזען. איהר פאַרשטעהט?... איהר וועט נאָך זוכה זיין צולעבען, אם־ירצה־השם, אין פיעל גוטס און נחת. אייער זוהן וועט ענדיגען די שול, בעקומען אַ גוטע, אַיינטרעגליכע ראַבינער־שטעלע — און עס וועט מיט דעם אויבערשטענס הילף גוט זיין אייך ביידען.

הלואי, מען זאָל ניט געפּרופט ווערען וואָס שמואליק דער טאַנדעטניק איז אויסגעשטאַנען אין יענער מינוט צייט. דער יצר־טוב מיט דעם יצר־הרע האָבען ביידע זיך געראַנגעלט אין איהם, איטליכער קומט מיט זיינס. דער פון דער רעכטער זייט שטעלט־פאַר שמואליק'ן אַ רב, אַ דאַרען־מאָגערען מיט אַ געקנייטשט־בלייך פּנים'ל, וואָס פאַסט תעניתים, זיצט אין טלית און תפילין און לעבט פון רוחניות, מאַכענדיג דערביי צו שמואליק'ן: אָט דאָס איז אַ לייט, אַז־וואויל איז איהם! און יענער פון דער לינקער זייט שטעלט שמואליק'ן פאַר אַ ראַבינער, אַ דיקען־פעטען מיט אַ בייכעל, טרינקט און עסט פאַר צעהן, שפּילט אין קאָרטען און לאָזט זיך־צו עולם־הזה, מאַכענדיג דערביי: אָט אַזעלכען געהט עס גוט אויף דער וועלט! איינער זאָגט: מיין רב איז שטאַרק געהויבען אין זיין אָרט. און דער אַנדערער זאָגט: מיין ראַבינער איז אַ תקיף אין די הויכע פענסטער דאָרט. דער זאָגט: נעהם דיין זוהן און געה קיין גלופסק. זיי אַ שמאַטניק, האַנדעל מיט שמאַטעס און מייד־אויס די משכילים. וואָס טויג זייער עהרליכקייט, זייערע חסדים, אַז דעם רבונו של עולם איז ניט ליעב זייער יודישקייט. און יענער זאָגט: פע, גלופסק לאָז די גלופסקער, שמאַטעס — די שמאַטניקעס און דו בלייב דאָ. דאָ איז אַ האָפנונג, דו זאָלסט נעהאָלפען ווערען. דער רעכטער זאָגט: אַז וואויל איז דעם רב מיינעם, אַי־אַי, וועט ער עס אויף יענער וועלט האָבען אַ חלק עולם־הבא! און דער לינקער זאָגט: אַ כפּרה דיין רב פאַר מיין ראַבינער, דיינעם וועט דער יונגער דור ניט וועלען קענען און מיינער וועט האָבען עולם־הזה אי עולם־הבא דאָ ביים לעבען — שמואליק שלאָגט זיך אין דער דעה און שטעהט ווי אַ גולם, ניט אַהער, ניט אַהין.

— האָב ניט מורא, טאַטע! — בעט זיך משה'לע ביים פאָטער אויף אַ ציטערדיג קול, ווערגענדיג זיך מיט טרערען — זיי זיך ניט אַזוי מצער פאַר מיר, טאַטע, און לאָז מיך דאָ לערנען. פון אַלסדינג, וואָס מיט אונז האָט דאָ פּאַסירט, זעהט אויס, אַז דער אויבערשטער וויל מסתמא אַזוי.

משה'לעס ווערטער טהוען אַ קאַפּעלע אַ בויג שמואליק'ן צו יענעם פון דער לינקער זייט. ער טאַפּט זיך ביי דער פּאָה און זאָגט שטאַמלענדיג:

— און וואָס וועט אָבער זיין מיט דיין יודישקייט?

— נישקשה, זי וועט זיין ביי מיר דאָס אייגענע וואָס אין גלופסק.

— איהר מיינט, רב שמואל — רופט זיך אָן ריבקין, אונטער־העלפענדיג משה'לען — איהר מיינט. אז דאָס יודישקייט איז נעגעבען געוואָרען נאָר די גלופסקער, און ווען נים די גלופסקער איז, חלילה, אוים יודישקייט. א טעות, כ'לעבען, רב שמואל!

— און די גלופסקער גלופסקער יודען, זיי וואָס וועלען אויף דיר זאָגען? — רעדט שמואליק ווי צו זיך אליין, נישט רעכט הערענדיג ריבקינס ווערטער, און א צורה פון א רב שטעלט זיך איהם פאָר אין־געדאנק, א צורה א פינסטערע, א בייזע.

— אז־אָך און־וועה דעם יודישקייט, אז דערמיט וואָס עס זיפעט האָט עס צופערדראָנקען נאָר די גלופסקער — זאָגט ריבקין, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — א שען פנים, כ'לעבען, וואָלט עס געהאַט! אָט דאָס איז טאַקי די גאַנצע צרה, וואָס איהר, און נאָך א סך אַזעלכע ווי איהר, ווילט אין אַלסדינג, וואָס איהר טהוט, נאָר יוצא זיין פאַר אייערע גלופסקער. די זאַך אליין, צי איז זי גוט, אָדער שלעכט, נעהט אייך ניט אָן צו־וויסען, אייך געהט נאָר דריגען, וואָס וועט דער גלופסקער עולם דאַרויף זאָגען... אָט, כ'לעבען, רב שמואל, פאַרגעסט זיך אין זיי און אייך אין אייערע שמאַטעס! דער הערר ספיר וועט אייך געבען א שטעלע, איהר וועט זיין א אַקציזניק און משה'לע אייערער — ראַבינער.

דער רב ווערט פאַרשוואונדען, לאָפּנעס ווי א וייפענבלעזעל, און א ראַבינער אין דער מענדע־ווערענדע ווייזט זיך אויף זיין אָרט — שמואליק בעטראַכט זיך, גיט־נאָך, מאַכענדיג:

— נאָ!...

דאס ערשטע קאפיטעל.

דאָס דאָרף נ... איז איינס פון יענע שענע ערטער אין חאָהלינער טבערניע, וואָס דער רבונו של עולם, דער מייסטער פון דער וועלט, האָט זיך געפלייסט צו־צוגעבען זיי בעזאָנדערס אַ געטליכען חן, און גע־וואָלט אויסדרוקען מיט זיי, ווי מיט אותיות, רוה, פאַרגניגען, וואָס זענען איהם געלעגען אין געדאַנק. אויב די קאַווקאַזער און שווייצער הויכע בערג דרוקען אויס די גבורות הבורא, קוקען אויף דיר אַראָב מיט שטאָלץ, אַ שרעק, סכנות נאָר צוטרעטען אויף זיי, און אויב דער רוי־שענדער ים מיט זיינע אויפגעטורעמטע פאַליעס דערצעהלען רעש'נדיג גאָטס שרעקליכע וואונדער, איז די בערגלעך דאָ אַרום דעם דאָרף גריסען דיר גאָר פריינדליך, פאַרבעטען דיך ליבליך, קומען צו־גאַסט און אויסציהען זיך אויף זיי וויפיל דאָס הארץ גלוסט. די שטילע גרינע טאָלען דאָרט גיבען דיר אונטער חשק — קום, פעטער, לייג זיך אויפ'ן גראָז און לאָז דיר־צו אַביסעל פאַרגניגען. אויך דאָס טייכעל לויפט. דרעהט זיך דיר פאַר די אויגען, דאָרט אויף דער לאָנקע, שפּילענדיג זיך אין בעהעלטעניש — אָט בעהאַלט זי זיך צווישען דעם טשערעט, ווערט פערשווינדען, און אָט שפּרינגט זי פון דאָרט אַרויס, ווייזענדיג זיך פאַר דיר מיט דעם גאַנצען פּוץ: מיט בריליאַנטען, גילדענע פליטער־לעך — מתנות, וואָס די זון, די ליעבע מחותנת'טע, גיט איהר, קושענ־דיג, שפּיגלענדיג זיך אין איהר. זי ווינקט דיר, קנייטשלענדיג זיך, אונטערמורמלענדיג שטיל — און דו צעגאַרטעלסט זיך, און, ווי די מאַמע

האָט דיך נעהאַט, אַריין צו איהר, אָבפרישען זיך מיט גרויס חשק! עס
שטעהט פאַר דיר דאָרט אַ וואַלד, בוימער־סאָסנעס, הויכע אין הימעל
אַריין; די נעדיכטע פערוואַקסענע קעפּ פאַרפלאָנטען זיך אינאיינעם, אויס־
מאַכענדיג איין געוועלבטע קופּאָל אויבען; די גלאַטע שטאַמען זייערע
זענען ווי הויכע גלייכע זיילען, ווייטליך אָבגעטרעטען איינער פון דעם
אַנדערען; דאָס גרינע גראָז ליגט, ווי אַ זיידענער מיט בלימעלעך גע־
שפּריינקעלטער קאָווער, זיי ביי די פיס. אָנקוקענדיג עס דאַכט־זיך דיר
עפּיס נאָר טאַקי אַ בית־המקדש. דאָס שמעקענדיגע סמאָלע פון די בוי־
מער — דאָס איז קטורת, דאָס שפּילען פון די פויגעלעך אויף די צווי־
גען — דאָס איז דער געזאַנג פון די לויים. עפּיס פיהלט זיך דיר אַ
הייליגקייט, אַ שטילע־זיסע רוה, אַ בּיינקען, אַ ציהען צו אַ לעבען —
אין האַרצען אַ הייסע תּפילה צו דעם, וואָס לעבט אייביג!...

און אין די דאָזיגע געטליך־שענע געגענדען קומט דער מענש און
שטעלט אַ „גאָראַלניע“, אַ בראַנפּין־ברענעריי, לכּבוד דעם גאָלדענעם
קאַלב! דאָס דאָזיגע הויז הויבט אויף מיט חוצפּאָ אַקעגען הימעל די נאָז
זיינע, דעם קוימען הייסט עס, פון וועלכען עס זעצט אַרויס אַ רויך,
וואָס טראָגענדיג זיך אין דער וועלט אַריין, פאַרשטעלענדיג די שיין פון
דער זון און פערשוואַרצענדיג אַלסדינג, וואָס שטעהט איהם אין וועג.
די נידעריגע פויערשע הייזלעך זעהען זיך אָן ווי גאָרנישט אַקעגען
יענעם הויכען הויז, ווי די אָרימענקע פויערען אַליין אַקעגען דעם פּריץ
פונ׳ם דאָרף.

יאָ, אַזוי איז עס טאַקי, שענעס און מיאוסעס, גוטס און שלעכטס
געפינען זיך איינע אַקעגען די אַנדערע זינט די וועלט שטעהט, און וואָס
דער אַלמעכטיגער טהוט אין זיין וועלטעל, טהוט־נאָך דער שטן איהם
אַקעגען. מיט וואַסער האָט דער רבונו של עולם בעשטראָפט פאַר־
ציטענס די זינדיגע מענשען, איז געקומען דער שטן צו זיי מיט זיין
שטראָף — מיט ווייַן, מיט בראַנפּין. און די שטראָף איז נאָך פיעל ערגער
פון דער ערשטער. וואַסער — דאָס איז געווען אַ צרה נאָר אויף אַ צייט,
פאַר דעם דור המבול, בראַנפּין אָבער, דאָס איז אַ צרה אַ אייביגע. נח,
דער ערשטער „ערד־אַרבייטער“, דער בעריהמטער פויער אין זיין צייט,
האָט געלעבט, ער מיט זיין הויזגעזינד בשלום, ברידערליך אינאיינעם;
ווי באַלד ער האָט ליב בעקומען דעם טרונק, געוואָרען שכּור, איז גע־
שעהען מיאוסע זאַכען... און אַנשטאָט שלום, פריינדליכקייט, ברודער־

שאַפט ווערט אַ דערוויטערונג, קריג, פיינדשאַפט צווישען זיינע קינדער,
און חם — חם ווערד אַ עבד כּנעני, אַ קנעכט צו זיינע ברידער!

פון יענע צייט־אָן ציהעט עס זיך די קנעכטשאַפט און איז געוואָרען
אַ צרה, אַ קלאָג אויף דור־דורות!

דעם רעגענבויגען האָט דער אויבערשטער געמאַכט אין וואָלקען
צום צייכען, עס זאָל מעהר ניט זיין קיין מבול, די וועלט צופערדאַרבען,
און גאָראַלניעס, שענקען שטעלט דער שטן, שכּור צו מאַכען אַ וועלט
מענשען. כּל־זמן שכּרות וועט זיין, וועט אָרימקייט, גראָבקייט, אומווי־
סענהייט, געשלעגן, אויסגעלאַסענקייט נישט אויפהערען — און חם וועט
זיין אַ עבד כּנעני צו זיינע ברידער!

אַ לאַנגע אַלעיע צווישען צוויי שורות הויכע בוימער פיהרט פונ׳ם
דאָרף נ... ביז צום פּריץ׳ס הויף, וואו עס געפינען זיך שענע געביידען,
פרוכטגערטנער מיט נאָך גוטע זאַכען צום פערגניגען, און העט ווייט
אַרום ציהען זיך פעלדער, לאָנקעס, וועלדער איבער בערג, איבער
טאָלען, וואָס גיבען־צו דעם הויף דעם זיבעטען חן. אָט דאָ וואוינט עס
דער פּריץ יאַהן, לעבט זיך אָב גוטע יאָהרען.

אין איינע פון די שענע זומערטעג, פאַרנאַכט, איז אַ קאַרעטע מיט
אַ פּאָר טייערע פערד געפאָהרען פונ׳ם הויף דורך דער אַלעיע און צו־
קומענדיג צום טראַקט ביים דאָרף האָט זי זיך אָבגעשטעלט. אין קאַרעטע
זענען געזעסען צוויי פאַרשוינען, די פּנים׳ער האָבען זיי געלויכטען, ווי
געוועהנטליך נאָך אַ גוטען געשמאַקען מיטאָג. פונדעסטוועגען איז געווען
גרינג צודערקענען אין דעם פּנים פון איינעם, אַז ער איז אונטערוואָרפיי
דעם צווייטען, אַ גרעסערן פון איהם.

— גוט וואָס איך האָב מיך דערמאָהנט! — זאָגט דער גרעסערער
פאַרשוין, אַרויסנעהמענדיג פון דער בוזעמקעשעניע אַ פער׳חתמ׳עט ברי־
וועל — דאָס בריוועל האָט מיר געגעבען דונאיס יוהן צום פּאָטער,
דעם „אויפזעהער“ דאָ אין קעלער פון בראַנפּין, און פאַר כּעס אויפ׳ן
פעהלער, וואָס איך האָב בעמערקט דאָרט, איז מיר דאָס בריוועל דער־
וויל אַרויס פונ׳ם זינען.

— איך פאַרזיכער אייך, הערר רעוויזאָר — זאָגט דער אַנדערער
פאַרשוין מיט אַזאַ מינע, ווי ער פאַרענטפערט זיך — איך פאַרדעק ניט
די פעהלער פון די מענשען, וואָס דינען אונטער מיר. ניט איין מאָל
נאָר האָב איך דונאיען געוואָהרענט. וואָס טהוט מען אָבער מיט מענשען,

אַבי ווער אַזעלכע, וואָס בעקומען שטעלעס נאָר וויל זיי האָבען אַ שטאַרקען צד, אויף וועלכען זיי דופען?

— איבערהויפּט זעה איך, אַז דונאַי פאַרשטעהט זיין זאַך, און ניט זיך מיה צוטאָן זיין שולדינקייט — זאָגט דער רעוויזאָר, פאַרקרימענדיג די נאָז, נעבענדיג דערמיט אָנצוהערעניש, אַז די מסירה שמעקט איהם ניט.

— גאַנץ ריכטיג, מיין הערר. פון די אָנגעוואָרפענע מענשען שטעהט דונאַי פיעל העכער אי מיט זיין פערשטאַנד, אי מיט זיין אָרענטליכקייט און מיט דעם גאַנצען בענעהמען זיך זיינעם. אַלע אַבטען איהם דאָ דערפאַר. דער פריץ האָט מיר אויך געזאָגט היינט ביים מיטאָג: „שמו׳ל איז אַ כּבודיג אידעל!“

— און וואָס טהוט מען מיט דעם דאָזיגען בריוועל?

— גיט עס מיר. וועל איך עס אָבטראָגען און באַלד צוריקקומען.

— אַ שענעם דאַנק אייך, הערר יאַרחי!

כּדי צופאַרקירצען דעם וועג איז יאַרחי דורך די גערטנער געגאַנגען צו דונאַי׳ס וואוינונג.

אין יענעם טאָג איז געווען עפּיס אַ חגא, זענען די פויערען, פון קליין ביז גרויס, געשטאַנען גאַנצע רעדלעך אויף דער גאַס, צווישען זיי אַביסעל בעזויפענע, אויפגערוימטע, אַלע אָהן היטלען, און שטיל איבעררעדענדיג־זיך צווישען זיך, געקוקט פונדערווייטענס אויף דער קאַרעטע מיט גרויס אָבשיי. דער עלטסטער פון די קליינע שקצימלעך ווייזט מיט אַ פינגער אויף דער קאַרעטע, האַלטענדיג די האַנד אויפ׳ן מויל, וואָס ס׳בעטייט: שאַ, דרך־ארץ פאַר די אדונים!

— אַז זיי זענען פּאָליצייסקע, טאָ וואו זענען ביי זיי די מעשענע קנעפּ? — וואונדערט זיך איין שייגעצעל.

— עפּיס גאָר ניט דאָס מאַכען מיט די הענד, ניט דער קוק, דאָס דרעהען מיט די אויגען, און ניט דאָס קול ווי ביי פּאָליצייסקע — זאָגט דער צווייטער, שושקענדיג זיך אויף אַ קוויטש — אַ פּאָליצייסקער אַז ער רעדט, געהט דאָס קול איהם אַרויס ווי פון בויך, די אויגען פאַרלויפען איהם מיט בלוט. ער איז בייז אַ שרעק און קלאַפּט מיט די קולאַקעס. מיקיטאַ אונזערער איז איינמאָל געפאַלען אויף דר׳ערד, בעקומען די נכפּה פון יענעמס אַ היק. מיחיים ווייב האָט מפּיל געווען פאַר שרעק פון

זיינס אַ געשריי. און די דאָזיגע, אָט־אָ, רעדען עפּיס גאָר שטיל און קוקען ווי אַלע מענשען. ווער זאָלען זיי זיין?

— לאַפּציוניקעס. שאַ!

— וואָס?

— שאַ, שאַט, שאַ!

די קליינע ווילען איינשטילען איינע די אַנדערע מיט אַ מין שושקעניש, נאָר טויב צו־ווערען.

„לאַפּציוניקעס און יענע אַדונים מיט די מעשענע קנעפּלעך, ווער פון זיי איז גרעסער?“ — די דאָזיגע שאלה ווערט פאַרגעבען צווישען די גרויסע, דערוואַקסענע פויערען, און פיעל פערטראַכטען זיך אויף איהר, קנייטשענדיג דעם שטערען.

— קיין גרעסער פונ׳ם שר־המשקים, וואָס האָט צוזאָגען איבער׳ן בראַנפין, איז גאָר ניטאָ! — פּסק׳ט איינער אַ אַלטער, ג...ם האָט ניט פיינט דעם ביטערען טראָפּען.

— אָט די לאַפּציוניקעס עסען וואַרמעס אין הויף — העלפט־אונטער נאָך איינער דעם ערשטען — זיי עסען, טרינקען ביי אונזער פריץ. עפּיס אַ שפּאַס!

— און זיי זענען יודען?

— יודען. דערקענסט זיי דען ניט אין דער נאָז?

— און עסען חזיר?

— עסען חזיר און האָבען הנאה. לעקען די פינגער.

— און שמול זאָגט — מאַכט מיט געשפּעט איינער פון די דאָרפבּאַלצים — שמול אונזערער זאָגט: חזיר — פע!... טרפה!... אוי־ווייה מיר, בתיה, ני מי (גיב מיר) קוגעלע!... קוגעלע — גוט! צימעס — אַי־אַי!... איינמאָל האָב איך צוגעלייגט אַ פינגער איהם צום מויל, זאָגענדיג: נאַ, חזיר! אַז שמול מיינער צעשרייעט זיך: אוי־וואַי, גלייך ווי איך וואָלט איהם געקוילעט. ווישט די באָרד, די ליפּען, שרייענדיג אין איין אָטעם: אוי־וואַי, אוי־וואַי!...

— שבת, פרייטאָג צו נאַכט, קום איך צו שמול׳ן אין שטוב, פאַרלעשען די ליכט — דערצעהלט יורקע, דער שבת־גוי — אויפ׳ן טיש ביי איהם איז חלה, קעלעשקעלעך, אַ פלעשעל בראַנפין, שאַרפער, טאַקע וואָס בראַנפין הייסט, און דער ריח פון פיש פאַרגעהט מיר אין דער נאָז. שמול זיצט זיך ביים טיש, דאָס פּנים שיינט איהם, און ער טרעליקעט, מורמעלט־אונטער, עפּיס קלאָגענדיג, וויינענדיג, עפּיס בעט ער

זיך ווי אַ קינד, אַלץ טאַקי: אוי־אוי, טאַטעלע, מאַמעלע! איך ווייס ניט וואָס ער וויל? חלה איז דאָ — עס! בראַנפּין דאָ — טרינק! צו־וואָס, האַ, ווײַנען? בתיה זיינע אָבער ווייסט, געהט זי און ברייננט איהם צימעס. עסט ער אָב דעם צימעס און ווייטער טאַקי געטערעלייקעט, ווייטער טאַקי געוויינט. איך שטעה, וואונדער מיך און דאָס האַרץ רייסט מיר פאַר רחמנות אויף איהם. לסוף טהוט ער זיך אַ חאַפּ, גיט מיר אַ גלעזעל בראַנפּען מיט אַ שטיק חלה און איך געה אַוועק פרעהליך.

— אמת טאַקי — רופען זיך אָן אַ טייל פויערען — שמול איז אַ יוד, פונדעסטוועגען אַ עהרליכער מאַן איז ער טאַקי. וואָס אמת איז אמת. אַ־מאָל אין אַ נויט האָט מען פון איהם אַ טובה אויך.

— נעהט, הערט, וואָס דער דאָרף־שרייבער אונזערער זאָגט אויף איהם און אויף אַלע יוראַקעס פון זיין „נאמנה" — מישט זיך אַריין מיט אַ וואָרט פאַחאָם פאָנפאָוואַטע, אַ שטיקעל קהל'ס־מאַן אין דאָרף — דער שרייבער זאָגט, אַז זיי זענען פּיאַוקעס, זויגען אויס אונזער בלוט, פרעסען־אויף אונזער מיה, אַלסדינג וואָס אין דער קאָרט. זאָגט ער, זענען זיי.

— עט! — מאַכען אַלטע, געניטע פויערען — פון אַזעלכע ווי דער שרייבער איז קיין ראיה ניט. זייער פעהלער לייגען זיי אַרויף אויף אַנדערע. מיינען, פאַרבלענדזען אונז דערמיט די אויגען. האָפּט זיי אַלע דער רוח!

— פאַר אַלע איז ניט געננג איין רוח — לאָזט זיך הערען אַ שטימע אין דעם עולם — זיי זענען זעהר פיעל דאָ, אָט די שענע לייט. אָט זאָלען זיי געהן צו אַלע, אַלע רוחות!

דער דאָזיגער שמול, אָדער דונאַיסקע ביים שפּיץ־נאָמען, איבער וועלכען עס רעדט זיך דאָ — דאָס איז אונזער שמואליק דער טאַנדעטניק, וואָס געפינט זיך אויף אַ שטעלע ביי דער „גאַראַלניע" אין דאָרף שוין אַ פיער יאָהר. און משה'לע זיין זוהן לערענט אין דער ראַבינער־שול.

ירחי איז צוריקגעקומען און די קאַרעטע האָט זיך גערירט פונ'ם אָרט. די דאָרפסלייט בעגלייטען זי מיט די אויגען. שטעהען נאָך אַ היבשע צייט און פילאָזאָפירען, ביז די זון האָט זיך געזעצט און די טשערעדע איז רעש'דיג געקומען פונ'ם פעלד.

און אין דער אייגענער צייט ווען די קאַרעטע איז אַרויס פון איין

זייט דאָרף, איז פון דער אַנדערער זייט דאָרף אַרײַן אַ וואָגען און צונע־פאָהרען גלייך צו שמואליקס וואוינונג. אַ אַלטער מאַן געהט אַראָב פונ'ם וואָגען מיט אַ קליין קלימעקעל אין דער האַנד און געהט אַרײַן דורך אַ נידעריג טירעל אין אַ פאַרצווימטען הויף. ווי נאָר שמואליק און בתיה האָבען איהם בעמערקט, זענען זיי געלאָפען איהם אַקעגען מיט אַ שמחה אַ פרייד, ביידע אין איין קול

— רב אברהם!

דאָס צווייטע קאַפּיטעל.

רב אברהם האָט זיך שטאַרק געעלטערט פאַר דער צייט פון די לעצטע פיער יאָהר. די צוגעקומענע קנייטשען איהם אויפ׳ן שטערען זענען אַזעלכע, וואָס צרות מאַכען זיי, און פיעל פון זיי האָט איהם משה׳לע געמאַכט. די מעשה מיט משה׳לען איז פונ׳ם אָנהויב ביז׳ן סוף געווען אַ לאַנגע קייט פון יסורים און האַרצוועהטאָג פאַר רבי אברהם׳ן. די טרע־רען פון משה׳לעס מוטער, ווען זי איז אַריינגעפאַלען אין בית־המדרש מיט אַ געוויין: געוואַלד, רבי אברהם, וואו איז מיין זוהן?! און די מימרות, וואָס זענען איבער משה׳לען געפאַלען דערנאָך, האָבען ווי אַ מעסער גע־שטאָכען רב אברהם׳ן אין דער זיבעטער ריפּ. ער האָט אַלץ בעשולדיגט זיך אַליין, אַז די גאַנצע צרה איז נאָר צוליב איהם. ער האָט דאָך משה׳לען געשיקט אויפצוזוכען ערגיץ הערשעלען. משה׳לע איז אַוועק און נימ מעהר צוריקגעקומען. און אַז שפּעטער האָט זיך צוטראָגען איבער דער גאַנצער שטאָדט דאָס נייעס, אַז שמואליק דער טאַנדעטניק איז דער־הרג׳עט געוואָרען, און די רוצחים זיינע, מיחיי און גברילאָ, זיצען אין טורמע, איז רבי אברהם שיער ניט אַראָב פונ׳ם זינען, אַזוי שטאַרק געערגערט האָט ער זיך.

— אוי־וועה! — האָט דאָס האַרץ אין איהם וועה־געשריגען — מיחיי און גברילא האָבען גע׳הרג׳עט שמואליק׳ן און איך — משה׳לען! זיי האָבען גע׳הרג׳עט דעם טאַטען, און איך — דעם זוהן. זיי האָבען געמאַכט בתיה׳ן, דאָס ווייב, פאַר אַ אלמנה, און איך האָב געמאַכט בתיה׳ן, די מוטער, פאַר אַ וויסטער, טרויערדיגער מאַמען. איך אינ־איינעם מיט די רוצחים האָבען מיר פאַרוויסט דאָס הויז פון אָרימענקע,

נעבעך, וואָס זייער טייערער זוהן איז זיי געווען דער איינציגער טרייסט אין דער ביטערער נויט, און די לעצטע האָפנונג זייערע אויף שפּעטער. אַצינד איז נישטאָ, נישט קיין פאָטער, נישט קיין זוהן — און בתיה מיט די קינדער זענען געבליבען עלענטע אָהן אַ שום אַנהאַלטעניש. אפילו געהן צו זיי מיט אַ טרייסטוואָרט פאַרטראָגט מיר דאָס האַרץ נישט, וואָרום ווי וועל איך קוקען זיי, די אומגליקליכע נעבעך, אין פּנים אַריין?

און אַז דערנאָך האָט זיך דערוויזען אויף קלאָר, אַז שמואליק מיט׳ן זוהן זענען גאָר אַריינגעפאַלען אין יודישע הענד, אין די הענד פון שניאור־וואָלף און זיין שותּף, וואָס זענען „חאַפּערס“, און דורך גרויסע נסים זענען זיי אַרויס פון זייערע הענד און ליגען ביידע קראַנק, צעשלאָגענע, פאַרוואונדעטע אין ז־ער בקור־חולים — האָט רב אברהם געדאַנקט, גע־לויבט דעם אויבערשטען מיט פרייד, וואָס משה׳לע מיט׳ן פאָטער לעבען. נאָר מיט דער פרייד צוגלייך איז געוואַקסען זיין צער. אַרויסזעהענדיג, אַז אין דעם אומגליק איז ניט שולדיג קיינער, ניט מיחיי, ניט גברילא, נאָר ער איינער, דערמיט וואָס עס האָט זיך בענאַרישט, גלויבען איינעם עפּיס, אַ ווילד־פרעמדען, וואָס הייסט שניאור־וואָלף, נישט צודערוויסען זיך פריהער, ווער איז ער און פונוואַנען איז ער? טאַקי געלויבט דער אויבערשטער, וואָס ער האָט בעפרייט כשר׳ע, ריינע נפשות פון די „חאַפּערס“ הענד, ווען ניט, וואָלט דאָך שמואליק און משה׳לע געווען אַצינד זעלנער, זיך געלערענט האַלטען אַ ביקס, ווי צושיסען אין דער מלחמה — און דער געדאַנק אַליין, אַז דורך זיין בענאַרישען זיך האָט געקענט אַזוינס זיין, געקענט אומגליקליך ווערען אַ גאַנצע פאַמיליע, איז גענוג געווען, אָנצומאַכען איהם גרויסע יסורים. דערצו נאָך האָט איהם געקריינקט אי דאָס אויך, וואָס ביי יודען זענען דאָ אַזעלכע מיאוסע נפשות, גזלנים, חאַפּערס און פאַר האַרצוועהטאָג אַרויפגעלייגט די שולד אויך אויף פיעל אַנדערע פון אונז יודען. רב אברהם איז בטבע דאָך אַ פּאָעט, און ווי אַ פּאָעט, אַז איהם צושפּילען זיך די געפיליטען, האָט ער אויסגעלאָזט זיין שווער ביטער האַרץ צו אַלעמען, געקלאָגט און געזאָגט:

„אוי, ווי טיף געפאַלען דו ביסט, מיין פאָלק, מיין אָרים, אומ־גליקליך פאָלק! אַלע אייערע הונדערט־טויזענטער, וואָס זענען געקוילעט געוואָרען פון טיטוס הרשע בשעת דעם גרויסען חורבן: וואָס זענען אומ־געקומען, פאַרברענט געוואָרען אויפ׳ן פייער אין שפּאַניען, נאָך און נאָך

אזעלכע געשאָכטענע, אומגעקומענע — די אַלע אינאיינעם פאַרביטערען מיר נישט אַזוי דאָס לעבען, ווי די נעז, וועלכע יודען אַליין רייסען זיך איינע די אַנדערע אָב, ווי די צרות און לייד, וועלכע איהר אַליין טהוט איינער דעם אַנדערען אָן. אויף יענע דער׳הרג׳עטע, אומגעקומענע אין פייער, און וואַסער האָב איך נאָך אַ טרייסט: גבורים! זיי זענען געשטאָרבען פאַר דעם פאָטערלאַנד. קדושים! זיי זענען אומגעקומען אויף קדוש־השם. אָבער געוואַלד וואָס זאָל איך זאָגען אויף די וואָס ווערען דער׳הרג׳עט דורך אַייער בייזער צונג, אויף די וואָס ווערען די כפרה דורך אַייך אַליין. אויף פעטש פון פרעמדע וויין איך און זאָג: נישקשה, גוטע און שלאַפע לײדען אָפט אין דער וועלט. מעגליך אפשר, יענע וועלען נאָך אַ מאָל זיך בעטראַכטען און חרטה האָבען. נאָר אַז געפּאַטשטע פאַטשען, אַז צודראַפּעטע דראַפּען, געפאַנגענע פאַנגען, געפּייניגטע פייניגען איינער דעם אַנדערען, וויין איך און האָב — אוי־וועה! — גאָרנישט וואָס צוזאָגען... אוי, ווי געפאַלען, טיף געפאַלען! דו ביסט, מיין פאָלק ישראל!״

און וויפיעל קנייטשען האָט געמאַכט אויף רב אברהם׳ס פּנים די מעשה מיט הערשעלען און ביילען! רב אברהם האָט זיך שטאַרק מצער געווען אויף די דאָזיגע אומשולדיגע קינדער, נעבעך, אויך דאַרויף, וואָס ביי אונז געפינען זיך הולטייעס אַזוינע, וואָס פערשוואַרצען דאָס פּנים פון ישראל מיט זייערע מיאוסע מעשים. און אין אַזאַ צייט, ווען רב אברהם האָט זיך גענייטיגט אין רפאל׳ס געזעלשאַפט, אַרויסצושלאָגען אַביסעל פון זיך דעם צער אין אַ שמועס מיט איהם, בעדאַרף זיך גראָד אַזוי מאַכען, אַז רפאל פערלאָזט אויף תמיד גלופּסק און בעזעצט זיך אין דער בעריהמטער האַנדעל־שטאָדט לייפּציג. און דאָס בעזעצען זיך זיינס דאָרט איז איהם געקומען גאָר אומגעריכט דורך רב אָשר דעם מעקלער.

אַז רב אָשר האָט געזעהן, רפאל הויבט־אָן איינצוהאַלטען זיך מאַכען עסקים און עס העלפען ניט קיין טענות, קיין דרינגעניש איבער־צוריידען איהם, האָט ער מטריח געווען די נאָז זיינע, אָנצושמעקען גוט דעם טעם דערפון, פאַר וואָס געהט רפאל האַרט ביי דר׳ערד. געמיינט האָט ער דערמיט ניט אַזוי די הנאָה פונ׳ם שמעקען ווי, נעבעך, די פּרנסה. וויל די פערדינסטען זיינע, מעהר אָדער ווייניג, האָט זיך געווענדט אין דעם, ווי גרויס די עסקים רפאל׳ס זענען געווען. אַז רפאל האָט דאָ היינט שטאַרק פאַרקלענערט זיינע עסקים, איז רב אָשר׳ן שטאַרק ענג

געוואָרען, און האָט געליטען מאַנגעל. די נייע קאַפּאָטע, וואָס ער האָט זיך גענעהט, בשעת רפאל האָט דורך איהם געמאַכט גרויסע געשעפטען, האָט זיך אויסגעריבען, ניט געהאַט שוין קיין פּנים, ער אַליין האָט אויך פאַרלוירען דאָס פּנים, איז שוין ניט אויפגענומען געוואָרען ביי די קרעמער בכבוד אַזוי ווי פריהער. איז ער אַ מאָל אַריין ערגיץ אין אַ קלייט, האָט מען איהם געזאָגט „ברוך הבא!״ מיט אַ האַלבען מויל, קוקענדיג איהם אין פּנים, אפשר איז ער געקומען מיט אַ געשעפט; זעהענדיג אָבער, אַז ס׳איז נישטאָ פון וואָס צוריידען, איז שוין נישטאָ מיט וועמען צוריידען, מען האָט פּשוט מעהר קיין קוק אויף איהם ניט געטאָן, גלייך ווי ער איז נאָר אויף דער וועלט נישטאָ. אמת טאַקי רב אָשר האָט דענסטמאָל געהאַט גענוג צייט זיך צובעשעפטיגען מיט פּאָליטיקע, וואָס ער האָט ליעב געהאַט ווי דאָס לעבען. מענשען בטלנים, וואָס לעכצען נאָך נייעס, פלעגען זיך אַרומקלייבען אַרום איהם אין מאַרק, אין בית־מדרש, און ער פלעגט זיי איבערגעבען וואָס עס טהוט זיך דאָרט אין די הויכע פענסטער, וואָס עס פאַרלויפט זיך אין די מדינות, דערקלערענדיג אַלסינג מיט זיין גלאַט צינגעלע — אָבער פאַר אַזוינע דרשות פלעגט ער ניט בעקומען קיין גראָשען. און „פראַנקרייך זיינע״, וואָס זי איז איהם טייער געווען מעהר פון אַלע מדינות און פלעגט זיך שטאַרק אָבגעבען מיט איהר, הייבען זי אויף דרוקעס, האָט איהם קיין איין פּרוטה ניט איינגעטראָגען אויף זיינע בעדערפענישען. דעריבער איז רב אָשר געצוואונגען געווען מטריח צו זיין די נאָז זיינע, צו שמעקען און צו געפינען דעם טעם, פאַר וואָס האָט רפאל אויפגעהערט מאַכען געשעפטען — און כּפי דעם מעקלערשען שכל זיינעם האָט ער געשמעקט און טאַקי געפונען.

רב אָשר האָט, אָנשטויסענדיג זיך מיט זיין קעפעל פון איין זאַך אויף דער אַנדערער, געמאַכט אַ גערדראַנג אַזוי: רפאל איז דאָך אַ גרויסער בריה, פּססס! אַ לויתן צווישען אונזערע סוחרים, קליינינטשקע פישעלעך. וואָס איז פאַר אַזעלכען גלופּסק? אַ קליין טייכעל! ער בעדאַרף האָבען אַ ים, אויסצושפּרייטען די פלעדערפלאָסען און שווימען דאָרט פריי. אַזאַ ים איז נאָר אָדער מאָסקווע, אָדער לייפּציג, צוויי בעריהמטע פלעץ אין דער מסחר־וועלט. מילא מאָסקווע בין איך מוחל, ווייל וואוינען דאָרט קומט אָן אַ יודען מיט גרינע ווערים, מיט אַזעלכע מיטעל, וואָס זענען ניט לכבוד פאַר אַזאַ מענשען ווי רפאל. מוז איך, הייסט עס, זאָגען — לייפּציג. און אַזוי טאַקי איז מחייב דער שכל, גלופּסקער קרעמער בעציהען דאָך טאַקי סחורה פון לייפּציג, קוקען שטאַרק אַרוים אויף לייפּצי־

גער סחורה. פֿון דער לייפֿציגער בויד אליה־לייזער דעם בעל־העגלה'ס איז אויך נעדרונגען, אַז ס'איז אַזאַ. וואָרום זאָלט־עס אַנדערש זיין אַז ניט אַזוי, איז דאָך די קשיא, וואָס לאָזט מיך די בויד הערען, און אליה־לייזער, ער וואָס לאָזט מיך הערען? נאָר ניט איטליכער סוחר אָבער קען אַהינצו פֿאָהרען. ווייל ס'איז זעהר וויט, עס ברויכט גרויסע וועג־הוצאות. דאָס לשון דאָרט איז משונה, דאָס לעבען ווילד משונה און דער נאַרישער דייטש איננאַנצען איז משונה. נו, בכן?... בכן איז געדרונגען, אַז רפאל וועט זיך בעזעצען אין לייפֿציג. דערמיט ווערט שוין פֿאַרענטפֿערט, וואָס מען האָט איהם די טעג געזעהן עטליכע מאָל ריידענדיג מיט אליה־לייזערן. איינמאָל האָט מען איהם אפילו געזעהן בעטראַכטענדיג די יאַזדע און צוקוקענדיג זיך צום קליין קופֿערנעם פֿערדעל, וואָס טאַלעבענדעט זיך הינטער דער בויד סאַמע אינדערמיט. יאָ, רפאל מיינט לייפֿציג. די שאלה איז אָבער, פֿאַרוואָס? דאָס הייסט, וואָס מיינט ער דערמיט? אַ מענש, ווי מיר ווייסען, נעהמט דאָך ניט פֿלוצלים פֿון דער העלער הויט און איז משנה מקום, גלאַט אַזוי זיך, פֿריש, געזונד און משוגע, סיידען ער מיינט דערמיט עסק, אַ שטיקעל פֿאַרדינסטעל. טאָ וואָס־זשע פֿאָרט איז רפאל'ס מיין? מוז מען זאָגען, אַז ער מיינט ווערען אין לייפֿציג אַ קאָמיסיאָנער, צי אַ עקספּעדיטאָר פֿאַר אויסלענדישע סוחרים, דאָס הייסט, ער וועט זיצען אין לייפֿציג און ליפֿערן סחורה פֿון די דאָרטיגע פֿאַבריקעס אַהער, צו אונז אין לאַנד. אם־כן... אויב יאָ אַזוי — טראַכט ער אַ ווײַלע, טהוט אַ שטעל־אויף די נאָז, אַ רוק דאָס היטעל, און אַ פֿייערעל ווייזט זיך איהם אין די אויגען פֿאַר פֿרייד, ווי געטראָפֿען אַ רעטעניש — האַ־האַ! אָט דאָס מיינט טאַקי דער פּסוק: „שמח זבולן בצאתך!" — פֿרעה זיך, מעקלער, מיט דיין אַרויסגאַנגעה, טהו, רב אָשר, לטובת די היגע קרעמער און אויך פֿון דיין טובה, פֿון דיין הנאָה וועגען!

און רב אָשר'ן טהוען זיך אַ הייב די פּיסלעך, עס צענעהמען זיך איהם פֿון דער קאַפּאָטע די פּאָלעס, ער לויפֿט, זאָגט אויס דעם סוד די קרעמער, פֿאָרשטעלענדיג זיי מיט זיין פּה־קדוש די גרויסע טובה, וואָס קען זיי דערפֿון אַרויסקומען, אם־ירצה־השם. אין דער צייט פֿונ'ם אַרומלויפֿען זיינעם ווערט אויס פּאָליטיקע אין גלופּסק. די בטלנים לעבצען, נעבעך, נאָך נייעס, רופֿען איהם: רב אָשר! וואָס הערט זיך עפּיס חדשות? און ער — קיין וואָרט, ווינקט נאָר פֿונדערווייטענס מיט אַ פֿינגער און לויפֿט.

און בשעת רב אָשר לויפֿט דאָ אַזוי אַרום, זיצט רפאל בײַ זיך צוהויז אין געהאַקטע וואונדען. ניט פֿאַר אייך געדאַכט, זיינע יסורים, יודישע סוחרים! אַנזעצען איז דאָך בײַ אונז אַ גאַנץ געוועהנטליכע זאַך. אַז אַ סוחר זעצט אָן, אפילו עטליכע מאָל, איז וואָס? גאָרנישט! אָדער ער פֿאָהרט זיך אַוועק אויף אַ קורצער צייט ערגיץ, אָדער ער פֿערשפּאַרט זיך אין דער היים בײַ זיך טאַקי, טהוט זיך וואויל, מאַכט זיך אַ קימפּעט און וואַרט איבער ביז דער רעש ווערט געשטילט. ניט אַזוי איז אָבער רפאל. קיים האָט ער בעמערקט אַ לאָך אין די עסקים זיינע, האָט זיך איז נאָך געווען פֿאַרדעקט, איז איהם געוואָרען אַ לאָך אין האַרצען. ער האָט זיך געגעסען פֿאַר זיין האַפֿעניש, אײַלעניש די לעצטע צייט, צומאַבען געשעפֿטען נישט גוט בערעכנען זיך, אַזוי ווי פֿריהער. בלייבען דאָ אין גלופּסק, איז איהם אוממעגליך געווען, ווידער־זשע אַנטלויפֿען פֿונדאַנען, מעשה־גנב, איז אויך שלעכט. ס'איז איהם ביטער און פֿינסטער.

און אַז רפאל האָט זיך גענומען אַ טאָג, אַנידערזעצען זיך איינער אַליין בײַ זיך אין צימער נעבען די ביכער און מאַכען אַ קלאָרען חשבון, איז דוקא דאָס הויז פֿול געווען ווי אַ בירזע מיט קרעמער און עס האָט זיך דעם גאַנצען טאָג נישט צוגעמאַכט די טיר, דער אַרויס, דער אַריין, אַלע ווילען מאַכען דורך איהם געשעפֿטען מיט די דייטשען, מיט די פֿאַבריקאַנטען אין לייפֿציג, וואוהין ער פֿאָהרט, הייסט עס, זיך דאָרט צובעזעצען, פֿאַרלייגענדיג איהם פֿאַר זיין טרחא גוטע קאָנדיציעס. פֿריהער האָט רפאל אָבגעלייקענט די גאַנצע זאַך, אַז גאָר לא היה, איהם איז אפילו ניט איינגעפֿאַלען זיך בעזעצען אין לייפֿציג. נאָר דאָס אָבלייקענען זיינס, האָבען די קרעמער געטייטשט, דאָס איז פֿון רפאל'ס זייט אַ אויבערזיינס, ער וויל זיך אויסדרעהען, מיט זיי נישט האַנדלען, האָט עס זיין הסברא, ווי ער וואָלט זיי אָבגעגאָסען, מחילה, מיט אַ פֿאָמויניצע שטאַרק גענאַרט. אויב אַזוי, האָבען די בעליידיגטע, נעבעך, זיך איינגעשפּאַרט, שטעהען פֿאַר זייער כבוד, ריידען איבער איהם אַזוי לאַנג, ביז זיי ווילען איהם איבערריידען. אַז רפאל האָט געזעהן ווי וויט די זאַך געהט, האָט ער זיך אָנגעהויבען צובעטראַכטען, האַ, אפשר איז עס באמת פֿאַר איהם אַ גלײַכע זאַך? אפשר איז עס אַ ווינק פֿונ'ם אויבערשטען ווי אַרויסצוחאַפּען זיך פֿון דער קלעהם און פּטור ווערען פֿון אַלע צרות. שאָקעלט ער מיט'ן קאָפּ צו די קרעמער אויף יאָ, הייסט עס, און זאָגט, פֿריהער שטאַמלענדיג, דערנאָך טאַקי ריינע ווערטער: איך טהו אייך צוליעב,

רבותי! נאָר אַ תּנאי רייד איך מיט אייך אויס, איהר זאָלט אָבצאָהלען באַלד אויף די וועקסלען אייערע פאַר לאָדזער סחורה, מיר זאָלען ענדיגען אונזערע עסקים דאָ פאַר מיין אַוועקפאָהרען. די קרעמער איז דער דאָזיגער תּנאי געווען ביטער־גאַל, זיי אָנגעמאַכט בויכוועהטאָג, נאָר פאַר גרויס חשק צום האַנדעל מיט לייפּציג האָבען זיי כּלומר׳שט אָנגענומען אַ שיינענדיג פּנים. רב אָשר דער מעקלער פון זיין זייט האָט זיי אונטערגעשטופּט, אונטערגעטריבען, נביאות־זאָגענדיג, אַז זיי שטעהט־פיר גרויסע פאַרדינסטען. די קרעמער האָבען זיך געמאַכט האַרץ, געצאָהלט די חובות אויף די וועקסלען — און רפאל איז אַרויסגעפאָהרען פון גלופּסק אין אליה־לייזערס בויד מיט דריי פערד — זיי, קלינגענדיג מיט קליינע גלעקלעך אויף די העלזער פאָרענט, און דאָס קליינע קופּערנע פערדעלע, באָמבלענדיג זיך, קלאַפּענדיג אין דער בויד פון הינטען. אַזוי טשאַקענדיג איז רפאל געפאָהרען, זיך אָנגעפאָהרען און געקומען קיין לייפּציג, וואו ער האָט געעפענט זיין עקספּעדיציאָנס־קאַנטאָר.

שווער איז געווען רב אברהם׳ן שיידען זיך מיט אַזאַ געטרייע פריינד ווי רפאל, און שווער איז עס אויך געווען הערשעלען. רפאל האָט דאָך איהם אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, זיך מיט איהם אָבגעגעבען, איהם געהאָלפען ווי וויים מעגליך, היינט נאָך רפאל׳ס אַוועקפאָהרען איז ער דאָך געבליבען ווי אויפ׳ן וואַסער. ער בייֿנקט, ער ליידט אַ שרעק און איז שטאַרק פונ׳ם פּנים אַראָב. שעה׳ן־לאַנג זיצט ער אין בית־המדרש, אין אַ ווינקעל, די גמרא ליגט אָפען פאַר איהם אויפ׳ן שטענדער און ער לערענט ניט, נאָר זיצט שטיל פאַרטיפט אין די געדאַנקען. ער טראַכט און האָט אויף וואָס צוטראַכטען ער טראַכט פון רפאל׳ן, דעם ליבען טייערען רפאל׳ן, וואָס געהט איהם אַזוי אָב. אויך פון ביילען, זיין האַרץ, זיין נשמה, וואָס איז אַוועקגעפאָהרען אַ היים, צוריק צו די עלטערען איהרע. ער טראַכט אויך פונ׳ם „ווינשפינגערל“ און דעסגלייכען וואונדערליכע זאַכען, פון וועלכע מען קען רייך ווערען. ער האָט זיך שטאַרק געבאָכרעט אין יענע מיני ספרים, ווי דער ספר „מפעלות אלהים“ פון רב יואל בעל־שם, און דער ספר „תּולדות אָדם“ פון רב אליה בעל־שם, וואו מען לעהרענט אויס צומאַכען על־פּי קבּלה קונציגע זאַכען, ווי אַ שטייגער „צוזעהן די בעשערטע כּלה אין חלום, אַ בתולה, אַ אַלמנה אָדער אַ גרושה“; „צו זיין אַ רואה ואינו נראה“, דאָס הייסט, זעהן איטליכען און פון קיינעם נישט געזעהן צו־ווערען. „צוצאַפּען וויין פון דער וואַנד“, און דעסגלייכען. יענע מיטעל ווי צו זעהן

די כּלה, האָט הערשעלע געטאָן, ווי עס שטעהט געשריבען, און עס האָט געהאָלפען — ער פלעגט טאַקי זעהן ביילען און גוט פאַרברינגען די צייט מיט איהר אין חלום. נאָר וואָס אָנבעלאַנגט צאַפּען וויין פון דער וואַנד, און די קונץ, צו זיין אַ רואה ואינו נראה, פלעגט תּמיד, מעשה שטן, זיך טרעפען עפּיס אַ פעהלער און ס׳איז קאַליע געוואָרען אינדערמיט אַרביט. הערשעלע פונדעסטוועגען פלעגט בּיי זיך ניט אַראָבפאַלען, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אָנהייבען די זאַך אויף־דאָס־ניי, ווייל ער האָט געזעהן די ישועה זיינע, אויפגעריכט צו־ווערען אין נסים אין וואונדער־קונציגע זאַכען. ער האָט אָבער געהאַט אַ טעות — די ישועה איז איהם נאָר געקומען פון הנצה׳ן!

דאס דריטע קאפיטל

נאר מעהר פון איטליכען איז רפאל אנגעהאנגען חנצה'ן, זיין אוועקפאהרען איז געווען ווי בוימיל אויף דער פייערדיגער ליבשאפט איהרער. — א פייער האט אין איהר געגלידט, איהר געברענט די נשמה, א פייער א שטילס, א פארבארגענס אין הארצען. חנצה'ס ליעבע איז א שווייגענדיגע, אהן ווערטער. דאס מויל רעדט נישט, די האנד אבער שרייבט. זי שרייבט עפטערס, שיקט בריוולעך אויף דער פאסט און נעהמט דארט אב בריוולעך דורך הערשעלען, און אלץ שא, שטיל. הערשעלע איז א שטענדיגער אורח אויף שבת און יום-טוב ביי לייבצע דעם רויטען. דאס האט געמאכט רפאל פאר זיין אוועקפאהר. מסתמא האט ער געוואוסט, וואס ער טהוט. חנצה האט זיכער אויך געוואוסט, א סימן, הערשעלע איז איהר שטארק געפעלען פון דער ערשטער מינוט. אצינד, נאך רפאל'ס אוועקפאהרען, איז הערשעלע איהר געווען בעליבט נאך מעהר, דורך איהם פלעגט זי שיקען איהרע בריף און פאר איהם איז אפען געווען איהר סוד.

יא, א ברענענדיג פייער איז די ליעבשאפט ביי חנצה'ן אין הארצען, און לייבצע, דער פאטער איהרער, איז — ניט וויסענדיג אליין — א גוטער בלאז-זאק, וואס בלאזט-אונטער דער טאכטערס ליעבשאפט, צופלאקערט זי מיט זיין אייגען מויל. ביי איטליכס מאל ריידענדיג פון רפאל'ן פלעגט ער איהם לויבען אין טאג אריין — רפאל איז א חכם-עתיק, א „בריה-נפלאה", א קאפ-מענש, קיינער דא פארשטעהט א עסק ווי ער, אויסלאזענדיג תמיד מיט א קרעכץ, אז היינט זענען ניט די עסקים, ניט די פארדינסטען ווי אמאל אין רפאל'ס צייט. דאס איז וואס

צו לייט, אבער וואס צו גאט און יודישקייט איז לייבצע פון רפאל'ן ניט צופרידען געווען, פלעגט, צושאקלענדיג מיט'ן קאפ, אלץ זאגען: א-ווא, א שאד, וואס אזעלכער איז ניט פון „אונזערע", וואס גלויבט ניט, האלט ניט פון אונזערע פרומע און גוטע — גלויבט ניט אפילו אין נישט-גוטע, אין רוחות, אין שדים...

די דאזיגע מעשה-רע, וואס דער פאטער האט געפונען אין רפאל'ן, האט גראד ניט געארט חנצה'ן, דערפאר אבער די שבחים זיינע אויף איהם זענען איהר אריין אין הארץ, אויספילענדיג עס אינגאנצען, ניט איבערצולאזען דארט א ברעקעל פלאץ, ווי א שפילצען-קעפעל, פאר בנציה'ן.

בנציה איז אינדרויסען —
און חנצה איז טאקי אלץ נאך א עקרה!

יא, יענטיל איז טאקי געווען ביי'ם „אלטען", זאל לעבען, מיט א קוויטעל וועגען דער טאכטער, די עקרה, און ער האט צוגעזאגט א קינד חנצה'ן, נאר אז חנצה איז א „ווידערשפעניגע", וויל ניט וויסען פונ'ם מאן, וואס-זשע איז דער צדיק שולדיג, אז די הבטחה זיינע איז ניט מקויים געווארען? און אז חנצה איז א ווידערשפעניגע — וואס-זשע זאל בנציה טאן?

בנציה, וואס דאס קעסט-עסען, ביים שוועהר, איז ביי איהם דער עיקר, די הויפטזאך, און דאס ווייב נאר א צוגאב צו דעם, ער טהוט זיך זיין זאך — עסט-טרינקט אויף וואס די וועלט שטעהט, און ווייטער געהט איהם גארנישט אן. אקעגען-זשע חנצה, איז פיינדשאפט און ליעבשאפט עסען איהר לייב, זי פאלט-איין, געהט אראב פונ'ם פנים פון טאג צו טאג.

עס קלאגט זיך יענטעל פאר איהרע חברטעס אויף די צרות איהרע פון דער טאכטער, און די חברטעס טרייסטען זי — זיי מיט יענטלען, אלע טאקי אין איין קול — יענטיל זאגט, קלאפענדיג זיך אין הארצען: געל און גרין, וועה איז מיר, ווערט מיין טאכטער, אלץ טאקי ניט מעוברת! וואס פארט האב איך דען שוין ניט איבערגעטאן? — און די בארמהארציגע ווייבער לאזען זיך הערען אויף קולות, אלץ טאקי מיט איהר, ארויסזאגענדיג טרייסט-ווערטער מיט א שטאך אינאיינעם. עס הערט זיך א קול: יענטיל! קיין צער, כ'לעבען, יענטיל! נו, אז א גרין פנים מילא וואס? נישקשה! א ווייבעל נאכ'ן האבען א קינד בעקומט א שען-לויטער פנים. — שרייט אריבער אלע נאך א קול: צו קינדער טויג

נאָר אײן קאָנדראַטיכע די גויע! — לאָזט זיך הערען אויף אַ קוויטש נאָך מעהר אַ שטאַרקער קול: גולאַן, דער טאָטער, איז פיל בעסער! ער האָט דערצו עפּיס אַזאַ שפּרוך, און עס העלפט. — האָדיל, ציפּאַ, פּײַנעסאָסיע, לאָזט זיך דינען! — שרײַט-אויס אַ הויכע דינע שטימע — ניטאָ קײן בעסער מיטעל צו קינדער פון די וואַרעמבעדער אין אויסלאַנד! — שפּרינגט אַרויס אײנע מיט אַ פּיסק, אַ צינגעל ווי אַ גלעקעל, און באַשמעוועט-אונטער דער פריהערדיגער, מאַכענדיג: שאַ! אָט האָט איהר אײַך אַ מעשה מיט אסתר-צביה'ן, אַ בילד-שענע יונגענד, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ אַלטען מאַן, פאַר רב יחיאל דעם נגיד. האָט זי אײַך אַ צײַט-לאַנג ניט געהאַט קײן קינד, איז זי געפאָהרען אין די וואַרעמבעדער און איז טאַקי מעוברת געוואָרען. פון דענסטמאָל-אָן פאָהרט זי אַהין אַלע יאָהר, קומט צוריק אַ בוים און האָט אַ קינד. פיער קינדער, ברוך-השם, האָט זי אַצינד. איז דיך, בעלייבט, שען, ס'איז איהר אין פנים ניט אַרײַנצוקוקען ווי אין דער ליכטיגער זון. נאָר וואָס איז מיר אסתר-צביה? זי איז ניט אײנע אויף דער וועלט, ניט קײן בת-יחידה בײַ גאָט. נאָך פיעל אַנדערע ווײַבער ווײס איך, וואָס פאָהרען אין די וואַרעמבעדער, האָבען דאָרט די רפואה און פאַרגעהען אין טראָגען. כען ואָנט, באַשר אין דעם וואַסער דאָרט ליגט עפּיס אַזוינס, וואָס העלפט, בעזאָנדערענס העלפט עס ווײַבער-עקרות.

— ממש טאַקי ווי די שטעקלעך יעקב אָבינו'ס, פון וועלכע, ווי דער פסוק זאָגט, די שאָף האָבען זיך דערהיצט און געוואונען — גיט פּײַנע-ברכה די חוג'טע צופאַרשטעהן דעם טעם פון דער זאַך, אויף אַ גראָב קול ווי דאָס קול פון אַ זכר.

ווי באַלד אַזוי, איז געבליבען בײַ יענטעלס אַלע חבר'טעס, אַז הנצה זאָל אויך פאָהרען אין די וואַרעמבעדער, און טאַקי ניט לאַנג שהיות מאַכען.

נאָר וואָס קען עס אָבער העלפען צו חנצה'ס ביטער געמיטה, אַז די ליבשאַפט מיט דער פײַנדשאַפט, די בײדע מאַכען זי קראַנק! און אַזוי ווי זי טראָגט שווײַגענדיג אין זיך די ליעבע, אַזוי שווײַגענדיג טראָגט זי אין זיך די שנאָה. זי ווײסט, אַז אַלע טענות איהרע אַקעגען בנציה'ן וועלען ניט אָנגענומען, ס'איז זעהר שווער פטור צו-ווערען פון אַזאַ שלימזול. בנציה איז שטאַרק בעליבט בײַם פאָטער איהרען, ווײַל דורך דער מחותנ'שאַפט מיט בנציה'ס געהײבענער משפּחה, איז דער פאָטער געהײבען געוואָרען, איז אַרײַן צווישען די שטאָדט-פיהרער, איז

אַ גבאי אין בקור-חולים, אין שוהל, אין תלמוד-תורה און האַלט אָרעמעלײַט אין דער מוראָ. פריהער אַז זי האָט די שנאָה צום מאַן אַרויסגעזאָגט דעם פאָטער, האָט ער, שטאַרק אויפגעבראַכט אויף איהר, זי געשטראָפט אַזוי: ווי קומט, טאָכטער, צו דיר אַזוינע ווערטער?... וואָס הײסט, דו האָסט פײַנט? אַ יודישע טאָכטער ווײסט נישט, וואָס פײַנט, וואָס ליעב!... אַ ווײַב בעדאַרף זי זײַן, טאָן וואָס דער מאַן וויל... טאָן, זאָג איך דיר, דו פאַרשטעהסט? טאָן, טאָן טאַקע, ניט אַרײַננעהמען זיך אין קאָפּ נאַרישקײטען — פײַנט-שמײַנט, ליעב-שמיב ווי די גויעס... האָרך-זשע, טאָכטער, זײַ ניט משוגע און זײַ אַ ווײַב כּכּתוב, ווי אַלע יודענעס!...

חנצה האָט געהערט דעם פאָטערס שטראָפרייד און פאַרשטאַנען, אַז קלאָגען זיך פאַר איהם קען זי שוין ניט מעהר. האָט זי די צרות געטראָגען אין זיך, פאַרביסען די ליפּען און שאַ! די צרות אָבער האָבען מיט דער צײַט זיך אָנגעקליבען אין האַרצען אַזוי, אַז די נערווען האָבען שוין ניט געקענט אויסהאַלטען, כּמעט ניט געווען צודערקענען זי, אַזוי פאַרענדערט האָט זי זיך. און דער לעבעדיגער גאָט ווײסט, וואָס דער סוף וואָלט געווען, ווען עס זאָל זיך ניט מאַכען גאָר אומגעריכט אַ מעשה — אַזעלכע, וואָס דענסטמאָל, אין דער השכּלה-צײַט, איז עס געווען אַ גאַנץ געוועהנטליכע זאַך, און הײַנט וועלען פאַר גרויס וואונדער אַלע פערוואַרפען מיט די קעפּ הערענדיג אַזוינס.

נאָר תחילת, ווען די „השכּלה", די בילדונג הײסט עס, איז אַרײַנגעפאַלען אין דער „יודישער גאַס", איז זי — ווי ס'איז שוין דאָ אויבען געשטאַנען — געגאַנגען ווי אַ מגפה, ניט-הײַנט-געדאַכט, אָנחאַפּענדיג אַ יודען פּלוצלים. עס זיצט זיך אַ יוד על התורה ועל העבודה, אָבגעשיידט פון דער וועלט, ווײסט גיט מעהר ווי גאָט און ציצית, נעהמט ניט אין מויל קײן זאַך, אפילו קײן טרונק וואַסער אָהן אַ ברכה, — פּלוצלים, אוי-וועה! טהוט איהם אַ נעהם די קליפּה, קעהרט איהם איבער אויף דער „לינקער" זײַט און ער ווערט, הײסט עס, געבּוּלבּעט! אָדער אײנער פון די ישיבה-בחורים, אַ בחור אַ געזונטער, מיט הענד, מיט פיס, וואַרפט פון זיך אַראָב דעם יאָך פון אַרבײט, עסט טעג — בײַ איטליכען בעל-הבית, הײסט עס, אַ טאָג אין דער וואָך, און קוועטשט די באַנק,—פּלוצלים נעפינט זיך, מעשה-שטן, צווישען די בלעטלעך פון דער אָפענער גמרא זײַנער השכּלה-ביכלעך. אײ-אײ, ער איז גאָר אַ ווערעמדיגער בחור!... אַ אשה צנועה, אַ שטײַגער, איז

זיך מקיים די דריי מצוות, חנ"ה, איהרע, גאלט ווי געהעריג דעם קאפּ, בעדעקט איהם גוט מיט א קאפּקע, לייגט קנייטלעך צו די ריינע נשמהליכט, ווינט=קלאגט ביי די תחינות, פלוצלים חאפּט זי דער רוח, מאכט אין איהר א איבערקעהרעניש — ווארפט זי פון זיך אראב דעם שלייער, טראגט אייגענע האר ווי די הולטייקעס. וואס נאך? זי לייגט ארונטער הינטען, מחילה, אונטער'ן קלייד א קישעלע, עס זאל אויסקומען גרעבער, מיט דער מאדע, און ברעכט די צונג, נעבעך, צו פלאפּלען עפּיס א מין גוי'איש... און אזוי ווי בשעת א מגפה היט מען זיך שטארק אויסצומיידען עפּיס וואס=ס'איז א שעדליכע זאך, אזוי האט מען אויסגעווייכט יענע לייט, וואס זענען געווען איינגעשטעקט פון דער השכלה.

וועמען וואלט עס גאר ארויפקומען אויפ'ן געדאנק, אז אויף בנציה'ן זאל אויך קומען די מגפה! טאקי זעהר ריכטיג זאגען אונזערע חכמים: „בשעת א מגפה, קלייבט דער מלאך=המות ניט איבער" — און בנציה=צדיק, וועה איז איהם, איז אויך נעחאפּט געווארען ווי א פויגעל אין דער נעץ. פארוויסט איז ער און פארוויסט איז דאס לעבען זיינס!

בנציה'ס קוילער, דער מלאך=המות זיינער, איז געווען אין געשטאלט פון א ליטוואק, א מלמד! אויסגעזעהן האט דער מלמד א גאנץ פרומער יוד, א כשר'ע נשמה, מיט באָרד און פאות. ער איז געווען א למדן מופלג, געקענט תנ"ך ווי א וואסער. גערעדט האט ער שטיל, געלאסען, אויף א ביסעל א הייזעריגליכע שטימע, און פון איהם האבען זיך געשאטען פערעל. זיין מלבוש איז געווען ריין אהן א שפּרינקעלע, אהן א פלעק, ווי עס מאכט זיך א מאל ביי א יודען, פון א שמיר מיט דער נאָז, אדער מיט די פינגער נאך א פעט עסען. אלע האבען פון איהם געהאלטען, מחיה=נפשות געווען זיינס א ווארט. זיינע תלמידים זענען געווען בחורים, חתנים, וואס זענען שוין אליין פאר זיך שטיקלעך מענשען, און דאס וואס זיי לערנען, לערנען זיי עס ניט געצוואונגען, נאר מיט זייער אייגענעם ווילען. בי'ם לערנען מיט זיי תנ"ך פלעגט ער אויסמישען רש"י מיט ביאור, מדרש מיט פשט אינאיינעם, צוגעבען נאך דערצו, א מאל, שארפע טראפּענס חקירה איבער נסים, ווי שפּאלטען דעם ים, א שטייגער, וכדומה. הארבע קשיות איבער „ידיעה ובחירה". „שכר ועונש" — דאס הייסט, אז גאט ווייסט נאך פריהער דעם מענשענס מעשים שפּעטער, טהוט דאך דער מענש זיי ניט מיט דעם פרייען ווילען.

— פאר וואס=זשע זאל ער דערפאר בעלוינט אדער בעשטראפט ווערען? — פון דעם דאזיגען רעצעפּט פלעגט ער די תלמידים איינגעבען א היבשע פּארציע, עס זאל אברייניגען די נשמה פון צוגעקלעפּטע, איינגעגעסענע אין איהר פוילע זאכען. דאס איינגעהמעניש האט געווירקט, עס האט אינווענינג אין זיי געיוירען, געיוירען — און זיי זענען געווארען אויפגעיוירען...

און פאר די זינד פון שנאת=חנם, וואס בנציה פלעגט פיינט האבען ליטוואקעס, אבלאכען פון זיי, זיצענדיג אין שטיבעל מיט'ן פעקעל חסידים, האט דאס פינסטערע מזל זיינס אנגעשיקט אויף איהם אט דעם מלמד, דעם ליטוואק. געלאסען, מיט גלאטע, זיסע ווערטלעך האט דער מלמד זיך צוגעשארט צו בנציה'ן און איהם גאר צוטומעלט, בעצויבערט מיט זיין גלאט צינגעל, ווי יענע פאקוסניקעס, וואס וויסען א שפּרוך צו פארצויבערן שלאנגען. מיט צוקער=זיסע ריידעלעך האט ער ביסליכווייז, ביסליכווייז אריינגעלאזט אין בנציה'ס הארץ גיפטיגע טראפּענס פון אפּיקורסישע געדאנקען. דאס גיפט איז זיך צוגאנגען אינווענינג אין איהם אלץ ווייטער, ווייטער, ביז ס'איז מיט א מאל געווארען אויס בנציה! דאס קעריל פון דעם מלמד'ס תורה האט בנציה ניט פערזוכט, ער האט נאר געחאפּט דאס שאלעכטס. די חברים זיינע האבען אין איהם בעמערקט עפּיס א פערענדערונג — ס'איז עפּיס ניט דער ברען, ניט דער בנציה, וואס פריהער, עפּיס פארביינגט ער אין דער פריה די מקוה, שטופּט זיך ניט ווי פריהער צום יאהרצייט=בראנפען — פונדעסטוועגען האבען זיי ניט געטראכט אויף איהם קיין בייז. אדרבה, מען האט עס נאר געטייטשט — עטע=טע=טע! דאס איז, האט מען געזאגט, א ירידה, א פאלען, ווי ס'איז בעקאנט — ביי די גרויסע, איידער זיי טהוען זיך א הייב צו דער הויכער מדרגה. זאל ער פאהרען צום „אלטען", וועט ער איהם צורעכט מאכען... נאר וואס העלפט עס אבער, אז די צונג איז דעם מענשענס ערגסטער שונא — היט מען נישט די צונג, בעגראבט זי דעם בעל=הבית איהרען!

איינמאל זענען די חסידים געזעסען אין בית=מדרש אונטער'ן אויבען און דערצעהלט, ווי דער שטייגער איז, מעשיות פון בעל=שם, מופתים פון צדיקים, גוטע יודען, פלוצלים שיסט אויס בנציה מיט א זאג, אז ס'איז לויטער=ליגען — ניטא קיין מופתים! די חסידים זענען געבליבען פערגאפּט, שטארק צוקאכט. סטייטש, סטייטש! האבען זיי געשריגען, ס'איז דאך א חלול=השם, ווי קען מען הערען אזוינס און שווייגען? הייבען

זיי זיך אויף, פּאַטשען איהם גוט אויס און וואַרפען איהם אַרויס פון׳ם בית־מדרש. די מעשה איז זיך צעגאַנגען איבער דער גאַנצער שטאָדט און לייבצע דער רויטער האָט זיך פאַר חרפה שיער ניט בעגראָבען. אַז בנציה איז אַריינגעפאלען אין לייטישע מיילער, האָבען זיך שוין געפונען גוטע מענשען אַזוינע, וואָס האָבען זיך ניט געפוילט צו־צולייגען איהם קנייטלעך, פערברייטען איבער איהם שרעקליך מיאוסע זאַכען, אַזוי אַז ער איז געוואָרען שטאַרק פאַררופען. ס׳איז אַזוי ווייט געגאַנגען, ביז בנציה איז געווען געצוואונגען צופאַרלאָזען גלופסק —

און חנצה איז געוואָרען אַ גרושה!

דאס פערטע קאפיטעל

און אַז ס׳איז געקימען די צייט, ווען ווייבער מיט ספאָזמעס פאָהרען אין די וואַרעמבעדער, האָט חנצה זיך צוגעגרייט, לויט די גלופסקער דאָקטוירים האָבען איהר געראַטהען, פאָהרען קיין וויען, זיך צו בעראַטהען מיט די פּראָפעסערס וועגען איהר קרענק און אין וועלכער באָד זי בעדאַרף פון דאָרט פאָהרען. יענטעל איז שטאַרק בעשעפטיגט געווען מיט איינגעמאַכטס פרעגלען, מיט באַקען אַ לעקעך, פוטערקיכלעך, פלעדלעך, מלכות־ברויטלעך פאַר דער טאָכטער אין וועג אַריין. זי רעדט אַליין, רעדט איבער חנהצ׳ן, וואַהרענט זי, למען־השם אָבצוהיטען אייפ׳ן וועג זיך אַליין און די זאַכען איהרע, געבענדיג איהר עצות און ברכות אָהן אַ צאָהל. און לייבצע שווייגט, קרימענדיג די נאָז מיט אַ זויער פנים, ווי ער איז נישט צופרידען פון אַלסדינג, וואָס דאָ טהוט זיך פאַר איהם.

און אַז לייבצע זיצט זיך איינמאַל איינער אַליין ביי זיך אין צימער שטאַרק אָנגעבלאָזען, קומט אַריין צו איהם רב אברהם, און נאָך אַ קורץ שמועסיל, גלאַט אַזוי זיך פון יוצא וועגען, ווי דער שטייגער איז, טהוט ער אַ זאָג:

— איך קום היינט פאַרלייגען עפּיס פאַר מעלתו און פאַר אייער טאָכטער, דער גרושה.

— אַ שידוך פאַר איהר, מיינט איהר? — זאָגט לייבצע, אַ קרים־געבענדיג די נאָז און אַ מאַך מיט די הענד, ווי ער שאָקעלט זיך אָב. וויל ניט הערען.

— כמו אזוי ווי א שידוך — מאכט רב אברהם מיט א גוט שמייכעלע, ווי א מענש אהן חכמות.

— א=א! דאס געהער זיך ניט אן מיט מיר. ניט מיין זאך, מיין זאך, רב אברהם! — מאכט לייבצע, אויפשפרינגענדיג פונ'ם ארט און שאקלענדיג מיט'ן קאפ, מיט ביידע הענד — א וועלט א נייע איז היינט... א אנדער וועלט, אנדערע מנהגים... היינט איז אוים כבוד=אב, וואס איז מיר א טאטע! כבוד=בנים איז דא. וואס די קינדער זאגן טהו, טא! אויב ניט...

— בערוהיגט אייך, רב לייבצע! א שטיקעל אמת איז דא אין אייערע ווערטער, נאר עס געהער זיך ניט אן צו דעם, וואס איך וויל. איך וויל אייך פארלייגען נאר עפּיס אנדערש. די מעשה דערפון איז אזוי — זאגט רב אברהם, א פיהר=געבענדיג די האנד איבער'ן פנים און אנקוקענדיג לייבצען שארף מיט א פאר אויגען — אזוי, אזוי איז די מעשה, רב לייבצע. הערשעלען קענט איהר דאך, אט דעם בחור'ל, דעם יתום, וואס עסט ביי אייך שבת און יום=טוב, וואס רפאל האט אייך פאר איהם געבעטען. בקיצור, קומט מיר אן די טעג א בריף פון רפאל'ן, ער בעט מיך, שיקען איהם דעם יתום קיין לייפּציג, געלט אויף הוצאות האט ער אויך מיר אריינגעשיקט. ווייס איך איצט ניט צו טאן. דער וועג אהין איז א ווייטער, ווער ווייסט, וואס קען זיך טרעפען? חי=וזשע שיקט מען אזא שנעק, נאך גאר א פריץ, איינעם אליין? דער פאטער זיינער, עליו=השלום, א כשר'ער יוד, א בעל=תפלה געווען א מאל אין בית=מדרש „פועלי צדק" דא, האט פאר'ן טויט איבערגעגעבען מיר אט דעם זוהן זיינעם, און איך האב הייליג צוגעזאגט, האבען אויף איהם השגחה. אצינד, אז ער וועט זיך לאזען אין וועג אליין און מיט איהם וועט זיך, חס=ושלום, עפּיס מאכען, וועל איך דאך מיך פארשולדיגען פאר'ן פאטער זיינעם אויף אייביג. איך האב געהערט זאגענדיג, אז אייער טאכטער קלייבט זיך קיין אויסלאנד, בין איך דא געקומען מיט מיין בקשה, זאל אט דאס בחור'ל מיטפאהרען מיט איהר. פארשטעהט איהר שוין? אויב אומעטום איז, ווי דער פסוק זאגט, אינצווייען בעסער ווי אליין, א פשיטא שוין אין וועג!

— נאך מיין מיינונג איז א יושר אייער בקשה ניט אבצוזאגען, נאר די מיינונג אבער פון א טאטען איז היינטיגע צייטען ניט אזוי וויכטיג. געהט, זייט מוחל, רב אברהם, צו מיין טאכטער און פרובט זיך איהר פארלייגען אייער בקשה

געהט רב אברהם צו חנצה'ן, און קוים רעדט ארויס: איך האב מקבל געווען א בריף... פאלט זי איהם אריין, פאר איילעניש, צעטראגעניש, אין=דערמיט רייד מיט א זאג:

— מקבל געווען... איך אויך, רב אברהם!

רב אברהם קוקט זי אן פארוואונדערט. און זי פארטראגען, פארפלאמט, מיט א פריינדליך שמייכעלע אליין טאקי אין איין אטהעם:

— איך ווייס, רבי אברהם, ווייס, ווייס... הערשעלע פאהרט מיט מיר.

— איידער נאך איך האב געבעטען, ענטפערט איהר שוין! איך האב נאך ניט געזאגט, ווייסט איהר שוין וואס! — מאכט רב אברהם, אנקוקענדיג שארף חנצה'ן — פונוואנען ווייסט איהר עס?

— פונוואנען איך... פונוואנען? — שטאמעלט חנצה, רויטערענדיג, וואס זי האט זיך אומבערעכענט ארויסגעכאפּט מיט א ווארט, און געוואלט פארריכטען דעם פעהלער — פון הערשעלען ווייס איך... האב מקבל געווען... אנגענומען זיין בקשה, צו וואס דא איבעריגע רייד? הערשעלע פאהרט מיט מיר!

רב אברהם ענטפערט נישט קיין ווארט, שטעהט א ווילע אנבויגענדיג דעם קאפּ און קנייטשענדיג דעם שטערען, ווי ער טראכט עפּיס איבער א זאך, וואס ס'איז איהם ערשט איינגעפאלען, דערנאך טהוט ער זיך א חאפּ און מאכענדיג מיט א פינגער ביי דער נאז, זאגט ער פריינדליך:

— שקאץ!...

* * *

נאך חנצה'ס ערשטען בריעף פון וויען איז אוועק עטליכע וואכען, און פון איהר איז ניט געווען קיין איינגעטונקטע פען. די עלטערן מיט דעם גאנצען הויזגעזינד האבען זיך שרעקליך בעאומרוהיגט. האבען זיי געפרעגט רב אברהם'ן, אפשר האט הערשעלע איהם געשריבען עפּיס וואס וועגען איהר, זאגט רב אברהם: ניין! קיין שום בריוועל האט ער נאך פון הערשעלען ניט דערהאלטען און האט גרויס עגמת=נפש דערפון. בטלנים, ליידיג=געהער, געהענדיגע=נאזעטע, וואס פארזארגען די שטאדט מיט נייעס, האבען גענומען די זאך אויף זייערע כלים, אריינ-

ליינענדיג דרינען שרעקליכע פירושים און אויספיהרענדיג דערפון א מוסר פאר עלטערען איבערהויפט, אז זיי זאלען ניט לאזען זייערע טעכטער — גרושות, אלמנות, אלץ איינס — ארומשלעפען זיך אין דער וועלט, בפרט נאך מיט בחורים, אפילו מיט יונגלעך.

און ווי דא טהוט זיך אזוי, קומט־אן פון חנצה'ן א בריעף, ארויס־געשיקט פון לייפציג, און הויבט זיך אן אט' מיט וואס:

„מזל־טוב! איך האב חתונה געהאט מיט רפאל'ן!"...

— א־א, פארברענט זאלען ווערען אלע ווארעמבעדער! — טהוט לייבצע א געשריי, שטארק אויפגעבראכט.

— אוי, איך וועל מיר א מעשה אנטאן, א חתונה אהן מאמע־מאמע! — וויינט יענטעל.

— אצינד איז שוין רעכט!... ס'ועהט־אויס, אז איז ביי זיי געוועזן פריהער א אבגעזעצטע זאך, און דער שקאץ האט גע־מאוסט — זאגט רב אברהם מיט א צופרידענע שמייכעלע.

דאס פינפטע קאפיטעל.

אין משה'לעס בריעף צו די עלטערען, וועלכען ירחי האט איבער־געגעבען, שרייבט ער זיי אזוי:

„א אנגעלייגטער גאסט וועט איננגיכען צו אייך קומען, א טייערער מענש, וועלכען איך בין שולדיג א אייביגען דאנק פאר דער גרויסער ליעבשאפט זיינער צו מיר און פאר די מדות טובות זיינע, פון וועלכע איך האב, ווי וויט מעגליך, מיך אבגעלערענט אין דער יוגענד און האב נאך פיעל אבצולערנען זיך אויך היינט — דאס מיין איך אונזער ליבען רב אברהם'ן, וואס איז דא איצט אין מיין שטאדט. ער איז גע־קומען אויף דער חתונה ביי זיינער א איינקעל, א מיידעל דער טאכטערס זיינער, וואס איהר מאן איז א זעצער אין א היגער דרוק. איך האב איהם ביים ערשטען בעגעגעניש אבגעגעבען „שלום" מיט א שמחה־א פרייד, און ער מיר צוריק — הערט א מעשה! — עפיס מיט א האלבען מויל, ווי ברוגז. דאס האט זיך דערנאך דערקלערט אין א ברייטליכען שמועס צווישען אונז, וואס האט געדויערט אקעגען א פאר שעה. אויך די אייגענע מעשה, וואס איז פארגעגאנגען, טאטע, צווישען אונז, ביים אריינטרעטען מיינעם אין דער ראבינער־שול — א רוגז, א צארען נאר א שרעק! א רוגז, א פייער אויף יודישע שולען, משטיינס־געזאגט, איבערהויפט און אויף דער ראבינער־שול בפרט, אז זיי זענען פון לכתחילה געמאכט געווארען ניט אין דעם יודישען גייסט, ניט דורך יודען אליין, נאר דורך פרעמדע; א רוגז אויף די אויפזעהער, אויף די לעהרער און אויף די תלמידים, בעזאנדערס אויף די ראבינער־שילער. אז די אויפפיהרונג זייערע איז ניט קיין שענע און יודיש נעהמען זיי אין מויל ניט ארײן,

הילען עס ניט מיסען — אַ טייל געהען אַריין אין שול עמי-הארצים און געהען אַרויס עמי-הארצים, און די וואָס געהען אַריין מיט יודיש, פאַרגעסען עס באַלד און געהען אַרויס מיט גאָרנישט. אַט אַזעלכע חטאים האָט רב אברהם אויסגערעכענט, שאָקלענדיג אויף מיר מיט'ן קאָפּ, ווי אויף אַ פערפאַלענעם מענשען, וואָס איז אַראָב פון'ם רעכטען וועג. אויב ענדערען זיין מיינונג איבער אַנדערע מיינע חברים איז מיר ניט געראָטען, און האָב טאַקע ניט געקענט, ווייל אין פיעל זאַכען איז ער טאַקע גערעכט, דערפאַר האָט מיר געגאָלטען איהם צו בעווייזען מיט ראיות, אַז איך בין דער איינציגער וואָס פריהער, נישט, חלילה, פאַרפיהרט געוואָרען אויף אַ האָר. דערוויסענדיג זיך עס, האָט ער מיך אַ קוש געטאָן מיט גרויס ליבשאַפט, צאַנקענדיג, ווי דער שטייגער זיינער איז: שקאָץ!

אַ קשיא וואָס זאָג איך אייך דאָס אַלסדינג? אַט אַקעגען דעם, וואָס אין אַ געשפּרעך צווישען אונז זענען מיר אַרויף אויף זעהר אַ וויכטיגער שאלה, וואָס מיין שולדיגקייט איז, אייך, מיינע טייערע עלטערען, זי צו מעלדען.

ווי באַלד מען מוז זאָגען, אַז די יודישע שולען, דאַרונטער אויך די ראַבינער-שול, זענען געפאַלען ביי אונזער פאָלק, ווייל זיי זענען ניט געמאַכט און ווערען ניט געפיהרט אין יודישען גייסט און דורך יודען אַליין. איז ממילא אַרויף די שאלה: צו וואָס פאַר אַ תכלית לערען איך דאָ אין אַרבייט אַזוי? — צו זיין אַ לעהרער ערגעץ אין אַ שול? אַך, גאָט מיינער! מיט וועמען וועל איך לערנען, אַז ס'איז כמעט ניטאָ דאָרט קיין תלמידים. דער יודישער לעהרער איז אונטערגעוואָרפען, אונטערטעניג דעם גויאישען אויפזעהער, וואָס האַלט איהם אין דער מורא און טהוט וואָס ער וויל, פונקט ווי דיזער גוי, דער דירעקטאָר אין דער ראַבינער-שול, וואָס געוועלטיגט שטאַרק איבער אונזערע יודישע לעהרער, רעכענענדיג זיי פאַר גאָרנישט. דורכדעם פאַלען די לעהרער אַראָב ביי די תלמידים. און מיט דעם פאַלען פון די לעהרער פאַלט אַראָב אויך דער כבוד פון די יודישע למודים. — און אַז ניט קיין לעהרער, אפשר-זשע וועל איך זיין אַ רב, אַ ראַבינער, הייסט עס? אוי, אַז-אַך און-וועה צו אַזאַ רבנות, וואָס ס'איז ניט אַזוי ווי רבנות בעדאַרף צו זיין, וואָס ס'איז אָנגעוואָרפען אויפ'ן עולם מיט געוואַלד! אַזאַ רבנות, וואָס איז נאָר אַ בעזיימטע זאַך, וועט מיט דער צייט אָנמאַכען צרות — פאַרטייען, קריג, גיסעניש-בייסעניש אין יודישע שטעדט און שטעדטלעך. זעהר פיעל האָב

איך געטראַכט אין דעם דאָזיגען ענין, און ס'איז לסוף ביי מיר געבליבען, אַז נאָכ'ן ענדיגען די ראַבינער-שול זאָל איך אַריינטרעטען אין אוניווערזיטעט, צולערנען דאָקטאָריע. אַ טייל פון די בעסטע שילער, מיינע חברים, טראַכטען אויך טאָן אַזוי ווי איך. רב אברהם איז מסכים דערצו, אַצינד לייג איך פאַר דעם פּלאַן אייך, און בעט דערויף אויך אייער הסכם.

באַלד הויבען זיך אָן די עקזאַמענס ביי אונז אין שול, און איך לערען אַצינד געשמאַק צו דעם עקזאַמען אינאיינעם מיט מיין חבר ספיר, דעם הער מיכאל-ספיר'ס זוהן. אַז גאָט וועט מיר העלפען אויסצוהאַלטען דעם עקזאַמען, וועט מיר איבערבלייבען נאָך אַ יאָהר ביז דעם ענדיגען דאָ אין שול.

דער יונגער ספיר, דער חבר מיינער, האָט זיך פשוט פערליבט אין רב אברהם'ן. רב אברהם'ס שטייגער אָנרופען זיינע ליבע — „שקאָץ" ! איז אַצינד ביי אונז אַ ווערטיל. דער העדר ספיר האָט פאַרבעטען רב אברהם'ן צו זיך אויף שבת, ביי'ם טיש זענען געווען נאָך אורחים, פון וועלכע מען האָט געהערט אַ יודיש וואָרט און תורה. רב אברהם קוועלט נאָר אָן פון'ם העדר ספיר, אין וועלכען ס'איז דאָ תורה און חכמה יודישקייט און השכלה אינאיינעם. הלואי, זאָגט ער, אַ סך אַזעלכע ביי יודען! אין חאַראַקטער האָט רב אברהם זיך נישט געענדערט, דער אייגענער מאַקי וואָס פריהער מיט געפיהל, מיט אַ וואַרם האַרץ. נאָר דער קערפּער זיינער איז אָבגעשוואַכט פאַר גרויסע צרות, וואָס ער האָט געהאַט, נעבעך, די לעצטע יאָהרען. ער בעדאַרף נויטיג אין לעבען אַריין פאַרבעסערען דאָס געזונד. איך בעט איהם, בעט, ער זאָל פאָהרען צו אייך אין דאָרף אויף אַ צוויי-דריי חדשים; די גוטע, ריינע לופט, דער ריח פון'ם שמעקענדיגען גראָז, פון'ם פעלד און דעם גרינעם וואַלד וועט איהם צוגעבען געזונד און לעבען. איך ווייס וואויל, ווי שטאַרק ליעב איהר האָט רב אברהם'ן, וועט ער דאָך ביי אייך זיין זעהר אַ אָנגעלייגטער גאַסט. רב אַברהם האָט איינגעוויליגט, און נאָך אין עטליכע טעג אַרום וועט איהר איהם האָבען צוגאַסט!"

דער דאָזיגער בריף משה'לעס האָט זיך פערהאַלטען אין וועג און איז אָנגעקומען צו די עלטערען אין איין צייט מיט רב אברהם'ן.

אַז רב אברהם האָט פאַרפיהרט אַ שמועס איבער משה'לען, דערצעהלענדיג וועגען איהם איטליכס פיצעלע בעזונדער, און געזאָגט, אַז

משה'לע וועט זיין א דאָקטאָר, האָט אויף שמואליקס ליפּען א שיין געטאָן א זיס שמייכעלע פאַר גרויס הנאה.

אָט דאָס שמייכעלע איז ווערט אין די קראָניקעס עס אַריינצושטעלען. קראָניקעס-שרייבער, חקרנים, וועלען פון דעם דאָזיגען שמייכעלע אויסדרינגען, ווי וויט דער כּח פון השכלה אין יענער צייט איז געגאַנגען. סטייטש, פריהער אַ ביסעל האָבען מיר געזעהען, ווי אַ יוד וויינט, קרעכצט, וואָס מ'צן וואַרפט אַוועק דאָס לערנען תורה; קיין בעסערס, קיין גרעסערס אין דער וועלט פון אַ רב, אַ מורה-הוראה, איז בּיי איהם ניטאָ, און דער איינענער יוד מאַקי פאַרבּוינט דערנאָך אין אַ זייט דעם רב, עס געפעלט איהם אַ דאָקטאָר, קוועלט גאָר אָן פון איהם מיט אַ זיס שמייכעלע — און צווישען דעם געוויין און דעם שמייכעלע, צווישען דעם רב און דעם דאָקטאָר איז נישט מעהר ווי אַ פיער יאָהר צייט!

און ווער איז דער דאָזיגער יוד? שמואליק! דער, וואָס פון אַ טאַנ-רעטניק איז ער געוואָרען אַ אַקציזניק!

דער סוף פון דער מעשה.

בשעת די „פאָגראָמען“, ניט היינט געדאַכט, אין די אַכטציגער יאָהרען, וואָס האָבען יודען אין פיל שטעדט גרויסע צרות אָנגעטהאָן, האָט קאַבּצאַנסק, נעבעך, אויך שטאַרק געליטען. די בעלי-הבּתּים דאָרט זענען געוואָרען קבּצנים, און די קבּצנים, נייע אי אַלטע, איז אַ טייל זענען אַוועק, שלעפּען זיך אַרום אין דער וועלט, און אַ טייל שטעהען מיט די טאָרבּעס גרייט אַוועקצושלעפּען זיך אַהין, וואוהין די אויגען טראָגען.

• פאָגראָמען און שרפות — דאָס זענען צוויי מחבּלים, אַ אָנשיקעניש אויף יודישע קינדער, וואָס פערוויסטען זיי מיט זייערע הייזער און דעם פערמעגען און מאַכען אָן אביונים, אַלמנות מיט יתומים אומעטום, וואו זיי וואוינען. דאָס זענען שרעקליכע מחבּלים, וואָס אַרויסבּריינגענדיג נאָר פאַר'ן מויל זייער נאָמען שטעלען זיך דעם יודען פאָר פירכטערליכע סצענעס: אַ אויסזעטצען פענסטער, טהירען; אַ בּרעכען כּלים; אַ רייסען קישענס, אַ פליהען פון פעדערען — בּלוט, פייער און געוואַלדען!

קאַבּצאַנסק איז וויסט. שטיל איז אין די גאַסען — און אויפ'ן בּית-עולם דאָרט איז אַ יאָמער, אַ קלאָג!

און די צייט איז ניט אלול-צייט, די צייט פון געבּעט, פון געוויין בּיי יודען, און די צייט פון אומער אין דער וויסט-ווערענדיגער נאַטור, ניין! ס'איז ווערנע-צייט, ליכטיגע טעג, גרינע פעלדער און אַ לויטערער הימעל. עס שפּראָצט, עס וואַקסט, עס בּליהט און עס לעבּט אין דער וועלט — ס'איז די צייט, ווען ס'איז פערבּאָטען דאָס געיעג אויף חיות און עופות, און עס שטעהט פריי, אוי-וועה, דאָס געיעג אויף יודען!

און די אומגליקליכע קאַבצאַנסקער, וואָס ניטאָ פאַר זיי קיין טרייסטער צווישען לעבעדיגע מענשען, שטרעקען זיך אויס אויף די קברים פון זייערע עלטערן, וויינען און בעטען רחמים פון טויטע. ווייבער רייסען קברים מיט אַ ביטער געוויין, וועגען די געשטאָרבענע, די אומגעקומענע קדושים, גיכער זאָלען זיי געהען בעטען דעם פאָטער אין הימעל און זיין פירשפּרעכער, גוטע מליצים פאַר דעם כסא-הכבוד אויף די וויסטע בידנע קינדער ישראל! און יענע, וואָס קלויבען זיך אין וועג אַריין איבער די ווייטע ימים, געזעגנען זיך מיט די קברים פון זייערע ליבע, וועלכע זיי וועלען שוין ניט מעהר זעהן. זיי וויינען און מאַכען וויינענדיג אַנדערע מיט זיי אינאיינעם, אַלע זיפצען און פאַרגיסען טייכען טרערען

רבונו של עולם! אויב דיין לאַגעל, דער לאַגעל טרערען ביי דיר, איז נאָך ניט פול פון דיינע יודענס טרערען, קען מען, חלילה, אַ טעות האָבען מיינען, אַז ער, דער לאַגעל, איז ווי יענער פעסעל אין גיהנום אָהן אַ דעק, און אייביג וועט ער ניט פול ווערען. איז דאָך די קשיא, צו-וואָס איז דיר דער לאַגעל, צו-וואָס איז דאָס גיסען דרינען די טרערען, און צו-וואָס נוצט עס אינגאַנצען?

און בשעת קאַבצאַנסק וויינט דאָ אַזוי, פאָהרט-צו צום בית-עולם אַ קאַרעטע, און אַקעגען אַ פערציג-יעהריגער פאַרשוין, רייך געקליידט, געהט אַראָב. די אָרימע-לייט, וואָס שטעהען אין-איינגשאַפּט ביים טויער, מאַכען איהם אַ פרייען דורכגאַנג, אויסשטרעקענדיג צו איהם די הענד, ער גיט איטליכען אַ נדבה און געהט אַריין אינ׳ם הייליגען אָרט. יודען דערזעהען איהם דאָרט, בלייבען זיי פערגאַפּט, מיינענדיג, אפשר איז דאָס אַ גרויסער אָדון, אַ חשוב אין הויף, און ווייסען ניט וואָס צו-טהאָן. פאַר גרויס צעטראָגענקייט האַלטען זיך אַ טייל ביי די היטלען, ריקענדיג זיך פּאַמעליכען אַהינטער, ווידער אַ טייל בוקען זיך, שטעהענדיג אויפ׳ן אָרט, נאָר די היטלען ריקען זיך אַהין-אַהער אויפ׳ן קאָפּ, און דאָס געוויין הערט מיט אַ מאָל אומעטום אויף. ווייבער, זאָגערינס, קלאָגערינס ווערען אויך אַנשוויגען אַלע גלייך, שנייצען די נעז, קוקען מיט נאַסע, רויטע אויגען אויף דעם נייעם פאַרשוין, איבערווינקענדיג זיך און שושקענדיג איינע די אַנדערע אין אויער אַריין.

דאָס פנים ביי די קאַבצאַנסקער אין יענער מינוט האָט אויסגעזעהען זעהר משונה. ס׳איז אין איהם געלעגען אויסגעדריקט שרעק, דערנידעריגונג, געפאַלענקייט פאַר געהייבענע, שטאַרקע פריצים. אַלע זענען

געשטאַנען פאַרגליווערט ווי אַ מאָל לוט׳ס ווייב איז געוואָרען אַ שטיק זאַלץ.

שאַ, שטיל!...

— וואו איז דאַ דער שמש? — פרעגט דער פאַרשוין אויף יודיש.

די דאָזיגע ווערטער זענען פונ׳ם פאַרשוינס מויל איטליכען בעזונדער אין די אויערען אַריין, און אַלע זענען לעבעדיג געוואָרען, דערהערענדיג, אַז דאָס איז אַ יוד. עס האָט זיך זיי אויסגעגליכט דער געבויגענער רוקען, זיך פעסט אָנגערוקט אויפ׳ז קאָפּ דאָס היטעל, און זענען געוואָרען ביי זיך שטאַרקער.

— הע-ע, אַז ער איז גאָר אַ יוד, וואָס-זשע זענען מיר...— מאַכען יענע, וואָס האָבען פריהער זיך אָבגערוקט ווייטער, לאָזענדיג זיך אַצינד נעהענטער צום פאַרשוין, און קוקען-אָן איהם און זיינע מלבושים.

— אַז ער איז מאחינו בני ישראל, זענען מיר דאָך...— מאַכען די וואָס זענען געבליבען פריהער שטעהען אויף די ערטער, קומען-צו און שטעקען אָב דעם פאַרשוין אַ „שלום עליכם!“

— ער רעדט אידעש, רעדט ער! — שרייען אויס די ווייבער הייך אויף אַ קול, טייטענדיג מיט די פינגער אויף דעם פאַרשוין און אויסשטעלענדיג אויף איהם די אויגען, מיט אַ פנים האַלב אַ לאַכענדיגס, האַלב אַ טרויעריגס, ווי ביי אַ קינד נאָכ׳ן וויינען.

— וויזט מיר, איך בעט אייך — זאָגט דער פאַרשוין צום שמש, וואָס איז צו איהם באַלד צוגעקומען — וואו איז דאָ ערגעץ דער קבר פון לייזער-יענקיל?

— לייזער-יענקיל, לייזער-יענקיל?! — וואונדערען זיך די קאַבצאַנסקער יונגע לייט — ווער איז דער לייזער-יענקיל?

— האַ, דער וואָס איז געוועזן ביים לעבען אַ בעל-תפילה? — רופען זיך-אָן אַלטע לייט, דערמאָנענדיג איהם צום גוטען — אַ כשר׳ער יוד געוועזן לייזער-יענקיל, געדאַווענט אַ גאָטס וואונדער! ער האָט געזעצט ווערטער ווי פערעל, איטליכס וואָרט זיינס איז זיך צעגאַנגען אין אַלע גלידער. פון זיין „ונתנה תוקף“, וויינענדיג אויף „מי יחיה ומי ימות“ שטיל, שטיל ווי אַ קינד, דערנאָך אַ ברום-געבענדיג מיט אַ געשריי, אויסדרעהענדיג „מי ינוח ומי ינוע-ע-ע“, איז מען צעגאַנגען גע-

האָרען פאַר געווין. אַ שטיין אפילו האָט געקענט צעגעהן. נישטאָ היינטיגע צייטען אַזאַ בעל=תפילה ווי ער, ניטאָ, אַך=חאַ=חאָ!

ליזער=יענקעלס קבר איז שוין לאַנג פאַרוואַקסען מיט גראָז, די מצבה דאַרויף איז כמעט אינגאַנצען איינגעזונקען אין דער=ערד, ס'איז אָנגעקומען שווער איהם אויפצוזוכען. דער חזן האָט געמאַכט אויפ'ן קבר אַ „מלא“ און אַז ער האָט אויסגעשריגען „את=נשמת אליעזר יעקב“, האָט זיך דעם פאַרשוין געשטעלט טרערען אין די אויגען, ער האָט זיך אָפּגעקעהרט אין אַ זייט און געוויינט.

פון דאָרט איז דער פאַרשוין צוגעקומען צו אַ קבר האשה מלכה=טויבא. דער חזן האָט געמאַכט אַ „מלא“ אויף איהר אויך, נאָר דאָ האָט דאָס קול זיינס נישט אַזוי זיך געהערט איבער דעם שרעקליכען געוויין פון פיל מענשען אויף אַ פריש=אָנגעשאָטען בערגעל דערביי — דאָס איז אַ קבר פון אַ מוטער מיט צוויי טעכטער, וואָס זענען געגוואַלדעוועט און גע'הרג'עט געוואָרען אין יענעם פינסטערען טאָג — און פון צווישען דעם געוויין האָט זיך געלאָזט הערען פונ'ם „אל מלא רחמים“ הויך אין הימעל אַריין: „את נשמת הקדושה האשה ביילא בת בנציון ונשמות בנותיה הקדושות והטהורות...“! דאָס קול האָט זיך געטראָגען ווייט, איבערשרעקענדיג פויגעל אין דער לופט, קראָהען אויף די שפּיצען בוימער זענען ניט טויט ניט לעבעדיג געשווינד אַוועקגעפלויגען מיט רעש און געשריי.

דערהערענדיג דעם נאָמען ביילא, איז דער פאַרשוין פאַרציטערט געוואָרען מיט אַלע אברים. ער איז געשטאַנען אַ ווייַלע צעדולט, אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ, דערנאָך האָט ער אַ בראָך געטאָן די הענד מיט אַ שווערען זיפץ פונ'ם האַרצען, איז גיך אַוועק, אַריין אין קאַרעטע און צוגעפאָהרען צו דער אַכסניאָ זיינער.

אויף=מאָרגען האָט דער פאַרשוין זיך געלאָזט געהן אין שטאָדט איבער די גאַסען, איז אַריין אין די פאַרוויסטע הייזער, חורבות, אין די גערויבטע, אויסגעליידיגטע קליטען און האָט אַלץ פערצייכענט ביי זיך אין אַ ביכעל. גרויסע נסים איז דענסטמאָל געשעהן קאַבצאַנסק, וואָס איהר האָט זיך ניט איבערגעקעהרט דער מוח קלערענדיג, ווער זאָל דאָס דער פאַרשוין זיין, און וואָס האָט ער דאָ אַזוינס צוטאָן?

און איך, מענדעלי, בין גראָד דענסטמאָל געווען אין קאַבצאַנסק. אַז דער פאַרשוין איז נאָר=וואָס אַריין אין שוהלהויף און מיך דערזעהן שטעהענדיג דאָרט, ווי דער שטייגער מיינער איז, מיט מיין ביידעל

ספרים, האָט ער מיך באַלד דערקענט, איך האָב נאָך אַ ווייַלע אָנקוקענדיג איהם אויך דערקענט און מיר האָבען איינער דעם אַנדערען געגעבען שלום!

דעם דאָזיגען פאַרשוין האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזעהן אין טונעיאַדעווקע. דאָרט האָבען מיר זיך בעקענט, איך בין איהם געפעלען, און מיר האָבען גערעדט איבער וויכטיגע זאַכען. אויך אין טונעיאַדעווקע האָט זיין קומען אָנגעמאַכט אַ רעש. דאָס פערשלאָפענע טונעיאַדעווקע האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויסשטעלענדיג אויף איהם די אויגען פאַרגאַפט — וואָס איז אַזעלכער פון דער העלער הויט געקומען זיי צו חלום! עס האָט אויסגעזעהען, ווי מען קומט פלוצלים אַריין מיט אַ ליכט אין אַ פינסטער אָרט, וואו עופות דרעמלען, זיצענדיג אויף דער סידעלע, זיי בלינצלען מיט די אויגעלעך האַלב פערשלאָפען און פרעגען זיך פערוואונדערט, קרעכצענדיג דערביי, מיט אַ נארישער מינע: ווי געהט מען עס אַצינד משוגענערווייז אַרום?!

דער טונעיאַדעווקער עולם איז מיר געלאָפען אַקעגען ביי מיין אַריינפאָהרען אַהין, מאַכענדיג אַלע אין איין אָטעם: אַ מין פאַרשוין, רב מענדעלי, עפּיס אַ מין פאַרשוין איז פלוצלים צו אונז ווי פון הימעל אַראָבגעפאַלען!... עפּיס קוקט ער זיך אומעטום צו אַלץ צו, הערט זיך צו, ניסטערט, פאָרשט, קריכט אין אַלע לעכער: אין הקדש, אין תלמוד=תורה, אין די חדרים, אין שוהלען און שטיבלעך. וואָס קען עס זיין? ס'איז אַודאי נישט אומזיסט. אפשר איז ער אַ אונטערגעשיקטער? האַ, זאָגט, רב מענדעלי! אין די קלייטלעך האָט מען, עס פאַרשטעהט זיך, מבער חמץ געווען. אַ קשיא אויף אַ מעשה!... אויף די מלמדים ציטערט די הויט... יודען מיט יאַרמולקעס דרעהען זיך נישט אַזוי אַרום.

אַז איך האָב מיך אָבגעפאַרטיגט פון דער אַרבייט, צופאַקט דאָס פעקעל סחורה, אונטערגעפאַקט אַביסעל דאָס פערדיל און אַליין אויך געוואָלט עפּיס פאַקען, טהו איך אַ בליק, אויפ'ן שוהלהויף פאַקט זיך עפּיס איינער, אַ מענש אין די מיטלע יאָהרען, טראָגט זיך דייטש נאָך דער מאָדע, און נעהמט זיך אויס פונדערווייטענס, משטיינס=געזאָגט, עפּיס גאָר חוזיק, ווי איינער וואָלט אין באָד, וואו מענשען געהען נאַקעט, אַריינגעקומען אין דעם אָנטהאָן. צו=וואָס, איך בעט אייך, זיך פוצען און פאַר וועמען זיך פוצען, אַז ביים טונעיאַדעווקער עולם איז אויסגעטרעטענע פּיאַטעס, הוילע לאָפּעטקעס, בלויזע הערצער און אויס-

געריבענע עלענבויגענס אויך זעהר רעכט, נישט, חלילה, אזא פארברעכען?... מיינער האט זיך שוין אנגעשטויסען, אז יענער איז עס דער נייעקומענער פארשוין און האב אויף איהם געקוקט עפּיס נישט אזוי פריינדליך. צוקומענדיג צו מיין ביידעל שטעלט ער זיך אב, קוקט אן שווייגענדיג מיך, דאס פערדעל, דאס פעקעל סחורה, דערנאך טהוט ער מיך א פרעג:

— וואס זענען דאס ביי אייך, רב יוד, פאר ספרים?

— עט, ספרים!... — ברומעל איך אונטער דער נאז, בכדי פון איהם זיך אויסצודרעהען, טראכטענדיג ביי זיך: פאקט-זיך, רב קרוב, ווייטער אביסעל!

— כארט וואס? — מאכט ער מיט א בנעימותדיג שמייכעלע, אריינקוקענדיג מיר אין די אויגען עפּיס אזוי גוט, אזוי מילד, אז ער האט מיך דערמיט גענומען. איך הער מיך אויף צובלאזען און ענטפער איהם שוין ווי א מענש, מיט ווערטער:

— יודישע ספרים: סדורים, מחזורים, סליחות, תחינות, קינות, ווי געוועהנטליך.

— אט דאס אינגאנצען? — טהוט ער א זאג און בעקומט פון מיר א תשובה:

— ס'איז דא נאך. נאר קנאפּליך. ס'לוינט זיך ניט צופיהרען. השכלה-ספרים, לשון-קודש'דיגע—שטיינער! הינגע יודען ווילען אזעלכע אין האנד אפילו ניט נעהמען.

— הינגע יודען — מאכט ער מיט א זיפץ — הינגע יודען, נעבעך, בעדארפען ברויט. ברויט בעדארפען זיי, ניט קיין ספרים!

— וואס? — רוף איך מיך אן, ווי מיט א בייזער. עס פארדריסט מיך טאקע אביסעל אויף איהם, וואס ער צעשטערכעט מיר אינגאנצען מיין קרעמעל — ברויט, זאגט איהר, ניט קיין ספרים, בעדארפען אונזערע יודען דא האבען? פינדעסטוועגען קען איך אייך פערזיכערען, אז ס'איז נאך אזא נוטע צייט אויף מיינע ספרים — אויף קינות, אויף תחינות, אויף סליחות און אויף תהלים'ס, ווי די היינטיגע צייט קיינמאל גאר ניט געווען.

— חלילה: — פארענטפערט זיך דער פארשוין — נישט אייערע דאזיגע ספרים מיין איך, חלילה! יענע מיין איך, יענע וואס אלץ מיט שטראפווערטער, מיט מוסר, מיט עצות, מיט אויפטהועניש און א געפילדער: פע, אבגעלאזקייט! פע, דאס, פע, יענץ! אט יענע, וואס

הינע יודען, ווי איהר זאגט, ווילען זיי אין די הענד ניט נעהמען. גערעכט! ברויט, פרנסה בעדארפען זיי. דרשות, רעדעריי איז קיין סילוק נישט פאר א ליידיגען מאגען. איהם מיט א פזמון, מיט איבערגעשפּיצטע מימרות, מיט מוסר און מליצות קען מען נישט אבקומען. קלאגען זיך אויף אוועקגעשטעלטע מאשינעס, פארוואס זיי פוילען, שימלען דארט ערגעץ אין א ווינקעל, איז נאר א געלעכטער. נעהמט, הייבט זיי מיט אייערע הענד אויף, שטעלט זיי צו דער ארבייט ווי געהעריג, מיט ווירקליכע מיטעל, נישט מיט ווערטער, וועלען זיי, נישקשה, ניט שימלען, נאר א אנדער פּנים בעקומען. נאר אויף וויפיל איך בין בעקאנט מיט דעם הינגען ווינקעל, דאכט זיך מיר, אז פראקטישע מענשען זענען ביי אייך ווייניג. ביי אייך דרש'ענט מען זעהר שען, מען חכמה'ט זיך, מען האמפערט זיך, מען פאלט אויף הסברות, מען טרייבט-אונטער מיט'ן מויל — און טהאן טהוט מען ווייניג אדער כמעט גארנישט.

די דאזיגע ווערטער זיינע זענען מיר גוט אין קאפּ אריין: איז דען אפשר ביי אונז טאקע ניט אזוי? די צייט איז זעהר א שלעכטע, צרות, פורעניות, פרישע אלע טאג. די קאבצאנסק, די טונעיאדעווקע און נאך יודישע שמעדט אזוינע, ליגט איהר אין צרות פארזונקען, ווי א בהמה ביז'ן האלז אין בלאטע, און יענע בעלי-דברן'ס ריידען, וועקען די אזוי:

— שטעה אויף, קאבצאנסק! ריהר זיך, ריהר זיך, האפּ-זיך אויף, טונעיאדעווקע!

און נאך אנדערע שטראפען, שרייען:

— געוואלד, קבצנים! געוואלד, בטלנים! געוואלד, דערשלאגענע, דערנידעריגטע, אויסגעפּאטשטע, קראנקע, צעבראכענע, שטארקט זיך און שטעהט-אויף! אז ניט איהר פאר אייך, ווער-זשע דען פאר אייך? קאבצאנסק, זיי ניט קאבצאנסק! טונעיאדעווקע, זיי ניט טונעיאדעווקע!...

און אלע אין קול:

— ארויס, בהמה, פון דער בלאטע! טהו זיך אן א כח, בהמה, שטרעק אויס דעם עק, מאך מיט די פיס, הייב זיך, ציה זיך, א ציה אהין, א ציה אהער און ראטשקעווע זיך ארויס!...

א הינבשע ווילע בין איך געשטאנען שטיל, וואונדערענדיג זיך. עפּיס גאר אנדערע ווערטער, גאר א נייער מין פארשוין, נישט ווי געוועהנטליך די „בריות" וואס ביי אונז! האט איהר געהערט אין אייער

לעבען, א „בריה״, א דייטש זאָל מיט דעם נעמיינעם יודישען עולם זיין איינס, נישט אוועקמאַכען, חלילה, זיינע ספרים און נישט האַלטען גאָר פון יענע, זיין גלייכען, דאַכט זיך? עפּיס מאַקי א נייער שניט, ווי זאָל איך עס אָנרופען — דייטש אונטער־געשלאָגען מיט חסיד. פראַק־לייבסיער־דאַק אינאיינעם... גאָר א שפּאָגעל נייער מין, אויף וועלכען מען בעדאַרף מאַכען שהחיינו! — דאָך האָט מיך אין הארצען אויף איהם פערדראָסען, מיט וואָס פאַר א רעכט בעשולדיגט ער עס אַנדערע, אז נאָר זיי ריידען און טהוען גאָרנישט — און ער וואָס טהוט? ווער איז ער, פונוואַנען איז ער און ווי קומט ער אַהער, אין אונזער ווינקעל? האָב איך מיך טאַקי בעטראַכט, וואָס האָב איך מיך פאַר איהם צושעהמען, איך וועל מיר טהאָן מיינס, ווי דער שטייגער איז פון א יודען ביים ערשטען שלום עליכם, און באַלד טאַקי טהו איך איהם א פרעג:

— מה שמכם? וואָס פאַר א געשעפטען האָט עס מעלתו! און פונוואַנען איז עס א יוד?

קיין ענטפער אויף מיינע דאָזיגע שאלות האָב איך ניט בעקומען, נאָר א שאָקעל מיט'ן קאָפּ און א שמייכעלע — א פּנים, איך בין דעם פאַרשוין שטאַרק געפעלען. נאָך א ביסעל א גרעסערער בעקאַנטשאַפט שפּעטער האָט ער מיך פאַרבעטען צו זיך אויף דער אַכסניא, מיך מכבד געווען מיט א גלעזעל פּונש, מיך פאַרהאַלטען א גוטע פאָר שעה, אויספרעגענדיג מיך, ווי א נעניטען מענשען, אויף כמה וכמה זאַכען, און מיר האָבען זיך אריינגעלאָזען ביידע אין א טיפען שמועס. ער האָט מיר איבערגעגעבען, צווישען זיך גערעדט, א טייל פון וויכטיגע זאַכען. הייסען הייסט ער העניך כהן. ער איז איינער פון די דעלעגאַטען, דעפּוטאַטען, משולחים, הייסט עס, וואָס א רייכע חברה אין אויסלאַנד שיקט צובעבראַכטען די יודען, וועלכע האָבען געליטען פון די פּאָגראָמען. זייער זאַך איז צוקוקען זיך גוט צום יודישען לעבען אין די ערטער, וואו זיי וואוינען, צו זייערע פּרנסות, צו זייערע בעדערפניש, און איינזעהען מיט וואָס פאַר א מיטעל קען מען פאַרבעסערען זייער צושטאַנד, אז זיי זאָלען, חס־ושלום, ניט אויסגעהן. דערווייל קענען זיי האָטש מיט וואָס ס'איז אונטערהעלפען אָרימע אומגליקליכע, צודערהאַלטען זייער נשמה. די דאָזיגע משולחים פאָהרען עס אַרום צווישען אונזערע יודען, מאַכען אסיפות און זענען זיך מישב מיט פאַרשטענדיגע מענשען. העניך כהן, א געלערנטער, זעהר א פיינער, אָנגעזעהענער מענש — ער פאָהרט עס אַרום אין דער גאַנצער גלופּסקער געגענד

פון יענער ערשטער בעגעגעניש אין מונעיארעווקע ביז אונזער בעגעגעניש אין קאַבצאַנסק דאָס צווייטע מאָל איז אַוועק א חודש צייט, און פאַר דער קורצער צייט האָט ער זיך פאַרענדערט אין פּנים, אַזוי אַז איך האָב איהם נישט דערקענט ערשט נאָכדעם ווי אָנקוקענדיג איהם א ווײַלע.

— וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן? — וואונדערט ער זיך — נישט דערקענט? זינט אונזער צושיידען זיך איז דאָך אַוועק עפּיס אַזויפיל טעג!

— נאָך אַייער פאַרענדערען זיך אין פּנים קען מען מיינען, אַז ס'איז שוין דרייסיג עטליכע יאָהר. עפּיס אַלט זענט איהר געוואָרען, מיין העהר, פאַר דעם ביסעל טעג! — זאָג איך, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, ווי עס רייסט מיר דאָס הארץ אויף איהם.

— און נאָך דער צאָהל צרות בעשטעהט דאָס ביסעל טעג ווי עטליכע יאָהר. אוי־אוי, רב מענדעלי, שרעקליך איז דאָס עלענד פון יודישע קינדער, וואָס איך האָב מיך אָנגעזעהען אין דער קורצער צייט, זייער אומגליק איז גרויס, און די צרות זייערע — א טיפער אָבגרונט! קומט נאָר, איך בעט אייך, צו מיר אין אָווענד, וועלען מיר טרינקען טעה און ריידען. אַצינד מוז איך מיך זעהען דאָ מיט די שטאָדט־פיהרער, בעהילפיג צוזיין מיט וואָס איך קען, מיינע אָרימע קאַבצאַנסקער ברידער.

אַריינקומענדיג צו איהם אין אָווענד האָב איך איהם געטראָפען זיצענדיג איינגעבויגען, פאַרטיפט אין שרייבען. אויפ'ן טיש ליגען פּאַפּירען און אָפענע ביכער. ווי נאָר ער האָט מיך בעמערקט, האָט ער מיך געלאָזט שען בעטען, צוזעצען זיך איהם אקעגען.

גוט, כ'לעבען, וואָס איהר זענט געקומען — זאָגט ער מיר פריינדליך, אויסגלייכענדיג דעם רוקען — אייער קומען גיט מיר א שעה רוה פונ'ם שרייבען און דענקען אין די יודישע צרות. אָט די דאָזיגע אַרבייט, וואָס ליגט אויף מיר, נעהמט ביי מיר צו דאָס געזונט, די לעצטע טעג. ווייל אַצינד, אין די לעצטע טעג, און דאָ אין דעם אָרט, איז די אַרבייט מיינע געוואָרען ביי מיר אַזעלכע, וואָס אָהן האָפנונג אויף עפּיס גוטס, אויף א תכלית שפּעטער, ווי איך האָב געדיינקט גאָר אינאָנהויב. די אַלע פריהערדיגע געדאַנקען זענען צעשלאָגען געוואָרען, ווי א אונטערגעהענדיגע שיף, פון אַלסדינג, וואָס מיר איז אויסגעקומען די לעצטע צייט זעהען מיט מיינע אויגען.

— פונדעסטוועגען בעדארף מען ניט פארלירען די האפנונג — נעהם איך איהם איין, ווי דער שטיינער איז, טרייסטען יענעם מיט גוטע ווערטער — לאמיר זאגען אפילו, אז דאס אלסדינג, וואס איהר האט געטראכט פריהער אין אויסלאנד וועגען אונז, זענען נישט מעהר ווי חלומות, בעדארפט איהר וויסען, אז ביי אונז יודען דא האבען חלומות אויך עפּיס א שטיקעל ווערטה, פונקט ווי וועקסלען פון יענע געוויסע סוחרים, און מיר קומען מיט זיי און מיט נאך חלומות אונזערע צום רבונו של עולם, בשעת ער איז בעשעפטיגט מיט כהנים-דוכנען און האט ניט אזוי צייט ארומצוקוקען זיך, זאגענדיג איהם גיך, אבהאפענדיג א יהי רצון: חזקם ואמצם — אז ער זאל אזוי גוט זיין די חלומות צובעשטעטיגען. ואם צריכים רפואה — אפשר בעדארף מען זיי א ביסעל מלאכה'ן, מהו עס מיט דיין גוטען ווילען!...

— זעהר גליך געזאגט! — מאכט ער מיט א לייכט שמייכעלע און דערביי טאקי גאנץ ערנסט — דאס וואס מען דיינקט פון אייך, רוסישע יודען, אין אויסלאנד איז באמת טאקי נאר חלומות, און אזוי טאקי פאסט זייערע געדאנקען צורופען. אונזערע ברידער דארט מיינען, אדער עס חלומט זיך זיי, אז די פאגראמען דא איז נאר א אונטערגאנג; אז דורך גוטע פירשפרעכער אויף אייך אין די הויכע פענסטער און דורך הילף מיט געלד, וואס רייכע יודען דארט און דא העלען געבען די נויטבעדערפטיגע, וועט מעגליך זיין, מעהר אדער ווייניגער, פארבעסערען זייער שלעכטע לאגע; אז די רוסישע יודען זענען אלע גרויסע גראבע יונגען, מיאוסע שנאָרערס, ווילדע אומגעבילדעטע בריאים, וואס ווייסען ניט קיין דרך-ארץ — בכן איז שטארק נייטיג זיי צובילדען. און איינער דארט א גרויסער מיליאנער, וואס האט קורח'ס אוצרות, ווייל מאכען אריינטראגען עטליכע צעהנדליג מיליאן אין דער קאסע פון דער מלוכה, אז זי זאל מאכען דערפון שקאלעס עקסטרא פאר יודישע קינדער — אט אזוי מיינען זיי דארט, נאר די ווירקליכקייט אבער וועט, ווי גענארט זיי זענען! פון אלסדינג, וואס איך האב חוקר ודורש געוועזן און געזעהן דא מיט מיינע אויגען, איז מיר געווארען קלאר, אז איך מיט זיי אינאיינעם דארט האבען מיר חעגען דעם ענין געלעבט אין חלום. די פאגראמען, אריחעה, איז ניט גלאט אזוי זיך א אונטערגאנג. שתדלנות, פירשפרעכעריהייסט עס, לא די וואס קען ניט העלפען, וועט עס נאך שאדען, ווייל עס שמעקט מיט „מה-יפית" און עס ליגט דרינען א דערנידערונג, א פחיתת-הכבוד פאר'ן פאלק ישראל. די ארימקייט פארמעהרט זיך, פון

טאג צו טאג קומען צו ארימע-לייט גאנצע מחנות. דאס ארט, וואו זיי מעגען וואוינען, איז פאר זיי איינג און די „טויערען פון פרנסה" זענען פארשלאסען פאר זיי. און אז די נויט דריקט, נישטא מיט וואס צודערהאלטען די נשמה, ווארפען זיי אוועק זייער היים, בלאנקען זיך נעבעך ארום ווי די בלודנע שאף אין דער וועלט, שלאגען אב די שוועלען ביי די גבירים, ביי בעלי-צדקות, בעטלען, קבצ'נען, וואס זאלען זיי טהאן, און ווערען צושאנד ביי לייטען. צדקה אליין וואס פאר א מאכט, וואס פאר א בעדייטונג האט זי אקעגען אזא תהום ארימקייט, אקעגען אזעלכע מחנות ארימע-לייט, וואס קומען-צו דורך דער נויט פריש-צאפעלדיגע אלע טאג! די צדקה, וועלכע אונזערע אויסלענדישע ברידער שיקען אהער, קען העלפען די נעפאלענע ארימע-לייט נאר אויף דערווייל, אי דאס, שטארק בצמצום. און אייערע לייט דא בעטיילינגען זיך אין דער דאזיגער צדקה כמעט ניט — א טייל קענען געבען און ווילען נישט, א טייל ווילען און קענען נישט. אומגליקליך זענען די היגע יודען ניט ווייל זיי זענען ווילדע, ניט געבילדעטע, אדרבה, פארקעהרט, זיי זענען אומגליקליך ווייל, לויט שונאים זאגען, זענען זיי געבילדעטער פון „זייער" גראבען עולם. די יודען, אזוי טענה'ן זיי, זענען צופיל פארשטענדיג, צופיל געבילדעט און אומעטום, אין אלסדינג האבען זיי א האנד — אין האנדעל, אין באנקגעשעפטען, אין פאבריקעריי, אין אלע צווייגען פון חיסענשאפט, פרנסה און עקאנאמיע, איז דעריבער מוז מען זיי האלטען ווייט פונ'ם פראסטען עולם זייערען, וואס ער איז א תם, ווייסט נישט און קען נישט מיט זיי קאנקורירען.

— וואס-זשע זאל מען טהאן? — מהו איך א פרעג.

— אוי, רבונו של עולם, העלף דו דיין פאלק, דיין ארים פאלק ישראל! — ענטפערט ער מיט א זיפץ.

— די דאזיגע תפילה אייערע, דאס איז פיוטם, אז ס'איז שוין פארפאלען, נאך אלע היום'ס — זאג איך ווי פאראיבעל-האבענדיג א ביסעל — פאר אזא מאן ווי איהר פאסט ניט ווערען אבהענגיג.

— אט די צוויי גרויסע ביכער, וואס איהר זעהט דא — זאגט ער, ווייזענדיג מיר מיט א פינגער אויפ'ן טיש — איז אין איינעם פערשרייב איך אלסדינג, וואס איך האב געזעהן און געהערט אין די אלע יודישע מקימות, וואו איך בין געוועזן. און אין דעם צווייטען מאך איך א סך-הכל פון אלע מיינע בעטראכטונגען און ליג פאר פלאנען, ווי און מיט וואס צופערבעסערען די לאגע פון היגע יודען. איך זאג אייך ארויס

גאַנץ אָפּען, פיל איז דאָ דריגען אַזוינס, וואָס איינער קומט עס פּאָר מיר אַליין נאַריש, און פיל זאַכען דאָ שמעקט מיר פּאָר, צובעאַרבייטען אויף־ס׳ניי לויט דער ענטוויקלונג פון יענער נעוויסער, וויכ־טיגער זאַך, וואָס האָט אָנגעהויבען פונ׳ם איצטיגען מיש־מאַש, פונ׳ם תהו־ובהו פאַר אונז, צושערייען אין אונזער יודיש וועלטעל, און איז לעת־עתה נאָר ווי די רויטקייט ביים ברעכען אויף טאָג פאַר׳ן זונען־אויפגאַנג אין מזרח־זייט. די אַרבייט, וואָס ליגט אויף מיר, איז אַ גרויסע, זעהר אַ שווערע, און ס׳איז מיר איינער אומעגליך אָפּ־צוגעבען זיך מיט איהר. די יודישע צרות האָבען ביי מיר צוגענומען די לעצטע כחות.

— אייער צער איף יודישע צרות — רוף איך מיך אָן — דאָס מאַכט אייך גרויס כבוד. אייערע חברים, די משולחים, זיי, ווי מען זאָגט, עסען זיך ניט אָב אַזוי דאָס האַרץ.

— מיינע חברים, זאָגט איהר? — מאַכט ער אויפהייבענדיג זיך פונ׳ם אָרט — מיינע חברים זענען מענשען פון „משה׳ס גלויבען". איהר פאַרשטעהט? און איך בין אַ פאָלקס־קינד, אַ יוד ווי אַלע מיינע עלטערען, טאַטעס און זיידעס. איך בין אַ פעדעמיל איינ־געוועבט אינאיינעם מיט זיי און אין דעם גרויסען שטיק מאַטעריע, וואָס נעהט אונטער דעם „יוד" פון אייביגע צייטען אין דער וועלט. מיינע חברים זענען געבירטיגע אויסלענדער, און איך — אַ געבירטיגער אַ קאַבצאַנסקער...

— איהר אַ קאַבצאַנסקער, איהר! — מאַך איך שטאַרק פאַר־וואונדערט.

— צופיהלען דעם ... צרות און זיינע וועהטאָגען — רעדט ער אַלץ ווייטער — קען נאָר אַזעלכער וואָס איז ביין פון זיין ביין, פלייש פון זיין פלייש, וואָס האָט געליטען איינע צרות, איינע וועה־טאָגען מיט איהם. אין נויט, אין מאַנגעל איז מיר אָבגעלאָפען מיין יוגענד, איך האָב געליטען הונגער, קעלט, אויסגעוואַלגערט זיך אויף אַלע בענק אין די בתי־מדרשים, ביז איינער, אַ גוטער, אַ וויכטיגער מענש, האָט פאַר רחמנות מיך גענומען צו זיך קיין אויסלאַנד. ער האָט זיך פאַר מיר געזאָרגט ווי אַ טאַטע, מיך אַריינגעגעבען אין אַ גוטער, בערירהמטער שול, פונדאַנען איך בין אַרויס אַ געלערנטער מענש, וואָס טויג צו דער וועלט, איך האָב מיר היינט מיין פּרנסה

בכבוד. יאָ־יאָ. אַזוי איז עס. איך בין אַ קאַבצאַנסקער און מיין נאָמען איז — הערשעלע!

* * *

אויף מאָרגען האָבען מיר זיך געזעגנט, אָנווינשענדיג איינער דעם אַנדערען אַל־דאָס גוטס.

ביים ווינשעווען האָב איך, צו קיין גנאַי זאָל עס מיר נישט זיין, מיך אַביסעל אויסגעגליטשט. אין דעם ענין הווינשעניש בין איך, צווישען אונז גערעדט, אַ קנאַפּער בריה, ווי אַ גרויסער טייל יודען, בשעת זיי נעהמען זיך אויף שמחות צום ווינשעווען, מיינענדיג דאָס איז אַ חיוב — בעקען זיי אַוועק אַ שעה־צייט מיט שיינענדיגע פנים׳לעך, עפּיס אָהן לשון, זיי דעם בעל־שמחה: דער אויבערשטער זאָל געבען, אַז... אַז... אַז... דער בעל־שמחה זיי: הלואי, אַז... אַז... אַז... עס ווערד אַזש ניט גוט, צום חלש׳ען, שלאָגט צום האַרצען, און ביידע צדדים ווינשען ביי זיך, איינער פונ׳ם אַנדערען פטור צו־ווערען. געוועהנליך האַלט איך מיך איין, פטר־אָב דעם חוב פון ווינשעווען בקיצור, ברומלענדיג אונטער דער נאָז. דאָס מאָל אָבער האָט מיך דער גוט־יאָהר געטראָגען, פאַר ליבשאַפט צו רב הערשען, אַרויס מיט אַ ווינשעניש גאַנץ ברייטליך. נאָר ווי איך האָב געעפענט דאָס מויל, אַזוי בין איך געבליבען ווי דערוואָר־גען, געבעקעט, געאָזעט אַז... אַז... אַליין, משטיינס־וועזאָגט, ניט צו־וויסען וואָס, און מיך געפונען אין דער קלעהם, נישט אַהין, נישט אַהער. רב הערש, לאַנג לעבען זאָל ער, האָט מיך דעליקאַט אַרויס־געפיהרט פון דער קלעהם, אָנרופענדיג זיך מיט חכמה:

— איך ווייס, איך ווייס, רב מענדעלי, איהר ווינשט מיר אַזויפיל גוטס, וואָס אוממעגליך אַרויסצוזאָגען עס מיט׳ן מויל. הלואי, דער רבונו של עולם זאָל דערפילען אַלע אייערע גוטע געדאַנקען אויף מיר און אויף כל־ישראל, מאַקי באַלד, במהרה בימינו.

— אָמן! — ענטפער איך מיט דעם גאַנצען כח — אָמן וכן יהי רצון!